STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00967

GEKLIBENE VERK

F. Bimko

Permanent preservation of this book was made possible
by Elaine & Elias Strum
in memory of
Rose & Hyman Strum and Mary & Jacob Hochman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בימקא

געקליבענע ווערק

זעקסטער באנד

טראגעדיעס

פארלאג מ. צעשינסקי, שיקאגא, 1936

מארכבי״נער

טראגעדיע אין דריי אקטן

מיט א פראלאג און עפילאג

פארלאג ב. צעשינסקי, שיקאגא, 1936

ס׳איז בפירוש נישט דערלויבט צו שפילן אין יידיש
אָדער אין אַן אַנדערער שפראַך – דורך קיין שום
טעאַטער אָדער וועלכער ס׳איז אָרגאַניזאַציע אויף
דער גאַנצער וועלט, – איידער מ׳פאַרשטענדיקט זיך
מיטן מחבר.

די רעכט אויף אַלע פיעסען זענען געשיצט דורכן אויטאָר.

Copyright by F. Bimko, New York.

אָנפרעגן אין איירָאָפּע ביי:

Łazar Kahan, Warszawa, ul. Nowolipki 32, m. 13.

און אין אַמעריקע:

M. Ceshinsky, 2720 W. Division Street, Chicago ILL.

Printed in Poland

F. Bimko. Dramaty.

Druk. A. Rozensztajn, W-wa, Mławska 5, tel. 11-53-62.

עס שפּילן:

דער אַלטער מאַרכבײן	דער זיידע
די פאַרברענטע הדס	זיין שניר
דער יונגער מאַרכבײן	אירע זון
דער קראַנקער מאַרכבײן	
ס'קליינע מאַרכבײנדל	אַ ברודערניונגל
די מויד	
דער צדיק	
ס'שניידערל	
דער סטראַזשניק	
דער פערדהענדלער	
דער חזירטרײבער	
דער מעלהענדלער	
דער ווײנשענקער	
דער זײגערמאַכער	
דער מילכיקער	
דער פלײשיקער	

דאָרפסלייט, בעלי־עגלות, וואוילע יונגען, שטאָטסלייט, לער־
נערס, מיידן, ווייבער. אַ גאַנצע שטאָט, פון גרויס ביז קליין.

פראלאג

ביים אַריינפאָר אין שטאָט. וועג, איבערן וועג, — א שלאַגבאַן אויפגעצויגן. פעלד,ביימלעך, יונגער וואַלד. די מאַרכביינעס כאַטע. אַ ברוינען. קעגן אָוונט.

פאַרברענטע הדס

נישט יונג, אָבער נאָך גענוג שיין, מיט אַ סך הייס בלוט, — ליגט אויף אַ הויפן בלעטער, און לאָזט אַרויס אומגעהיילישע קולות.

אַלטער מאַרכביין

קומט אַרויס, אַלט, ווילד באַוואַקסן, שווערע באָרד

וואָס וועסטו אַזוי אויסליגן מיטן הונט?

פאַרברענטע הדס

כ׳מוז דאָך האָבן מיט עמעצן צו ליגן, ניין?

אַלטער מאַרכביין

זיך אַזוי צונויפגעדרייט מיטן, אַז כ׳ווייס נישט וואו זי איז, — און וואו דער הונט? און ווער פון זיי ס׳לאָזט אַרויס די קולות?

פאַרברענטע הדס

אַז ס׳פאָרט אַריין אַ וואָגן, שטעלט ער זיך רעכט נישט אָפּ; און פון יענעם, וואָס בלייבט יאָ שטיין, — קאָן ערשט אַראָפּקריכן אַן אַלטער צע־יוירענער פויער, כ׳זאָל אים געבן די פּיפּקע צו פאַרייכערן; פייער די פּיפּקע צו פאַרייכערן, אַ?...

אַלטער מאַרכביין

און מיטן הונט אַז דו ליגסט, שטעלסטו דיך צופרידן?

פאַרברענטע הדס

אַליין איז נאָך ערגער ווי אָן אים; כ׳כאַפּ אַמאָל עמעצן אַריין פון צווישן די פערדס־יונגען, — אים גענוג אויף איין צאָן; שלינג אים אַראָפּ ווי אַ הונגעריקער וואָלף, וואָס מ׳וואַרפט צו אַ שטיק פלייש, און בין דערנאָך מער נאָך צערייצט... דער קאָפּ ווי אַ וואַסער פאַרפלייצט...

אַלטער מאַרכביין

זען אַוועקצונעמען פון שלאַגבאַן... און דיר צוימען ס׳בלוט... נישט בחנם געגנומען פאָרן מיטן שלימינער וועג, און זיך אויפגעהערט דאָ אַרומצע צו ווייזן?... קאָנען דיך נישט אויסשטיין...

פאַרברענטע הדס
שפּרינגט אויף

כ'הער טריט! נישט געמאַכט ווער אַ טעות, און מיינט: ס'אי היינט יריד? צאַלט זיך אַרויס מיט איינעמען, וואָס פאַרט אַריין.

אַלטער מאַרכביין
רעדנדיק

נעמסט אַ דרייער פון אַ פערד, הייס דיר געבן פון צוויי, — זיבן גראָשן; פיר גראָשן אַ פערד; נישט, — דיר באַצאָלן מיט דעם, וואָס יעדער איינער האָט און קאָן נישט? אויסגעפירט: אַז די חזרים-טרייבער, פערדס-יונגען זאָלן ברויכן גיין מיט די פעלדער, מיט די וועלדער...

פאַרברענטע הדס

לעקן נאָך אָפּ אַ ביין ביי מיר.

אַלטער מאַרכביין

ס'קומען דאָך נישט אַריין אַ העלפט בעלי-עגלות, ווי ס'האָבן געפלעגט אַריינצוקומען?

פאַרברענטע הדס

ווילן נישט ליגן ס'לעבעדיקע אויפן טויטן; שטייען אָפּ אַ גאַנצן טאָג מיטן חזיר, און ברויכן דאָס ערשט אַוועקצוגעבן בחנם; לאָזן איבער די מייערן, און קוקן זיך נאָר אום, — אויב דער סטראַזשניק יאָגט זיי נישט נאָך, ווען זיי אַנטלויפן דערפון; און פון די גליקן נאָך צאָלן קאָפּ-געלט פון די פערד, ביים אַריינפאָרן? אויב ס'האָט נאָך עמעץ אין זינען אַריינצוקומען אין שטאָט, — ליגט ער אָפּ אומישנע וועג, ווייל איך שטיי דאָ, שטיי אַ הונגעריקער וואָלף, וואָס האָט נאָך דערווייל קיינעם נישט צעריסן און צעביסן, נאָר אַלעמאָל פאַר יענעמען אָנגעגרייט אַ פעטן ביסן...

אַלטער מאַרכביין

גיי שטעל דיך אַוועק ביי די הויטע, דריי דיך הינטערן קאַלך-אויוון, לאָז אויס נ'כעס צו די ציגעלנע, און זאָלן זיי האָבן אויף דיר צו וויינען: אַז דו וועסט זיי אַוועקהרגענען די יונגען, וואָס קנעטן דאָס ליים, האַקן

די שטיינער, און בלאָזן אויס דאָס גלאָז... נישט, זיך פאַרלייגט אויף דיין אייגן שטיקל ברויט? אַן אָרימער שלאַגבאַן, וואָס זעסטו ביי אים מער ווי דריי גראָשן אויף אַמאָל, ביי אַ פערד?

דער סטראַזשניק

קומט אָן, באַוואַקסן, אַז מ׳זעט אים ס׳פּנים נישט אַרויס; טראָגט אַ שפּאַני־ צער, הויזן, וואוילִיקעס אויף די פיס, אַ היטל מיט אַ בלעך, אַ שווערד

אויסגעשמירט, ווי זיך געטאָרעט אין דרערד; ס׳פעלט איר בלויז איינע פון אונזערע צוויי קאָלמעגנעוואַטע בערד, אוןביידע געקאָנט פאַרטרויִשן: מיך דאָ צוועקשטעלן, אָפּהיטן דעם שלאַגבאַן, און איר הייסן אַרויסגיין זיין סטראַזשניק.

אַלטער מאַרכבֿיין

די מינוט צוגעקלאַפּט; נישט צומאָלט איבערגעפּרעגט ס׳צווייטע וואָרט...

סטראַזשניק

די שטאָט אַליין ווילדער געוועז: זי זאָל איינשטיין אין אירע הענט, און פאַר מיר, — גרינגער דאָ אָפּצוזיצן די יאָרן מיט דיר. *וויל אַדורך.*

פאַרברענטע הדס

פאַרהאַלט אים

אַזוי באַוואַקסן, אַז מ׳קאָן באַלד נישט וויסן קיין חילוק פון אים ביז אַ פערד; און כ׳מעג מיר הייסן אָפּצאָלן.

אַלטער מאַרכבֿיין

נעמט אים אַדורך

ער זאָל גיין ביי ווּעמען אין שפּאַן, אָדער לכל־הפּחות, עמעץ אויף אים רייטן, — דאָס געקאָנט וועלן; אָבער פונם פערד אַליין, אַז ס׳וויל אַדורכ־ גיין?... נישט מער ווי אַ שטום באַשעפעניש... ס׳העכסטע: אים פּרוּוון אויסצורייסן אַ פּאָר האָר פונם עק...

סטראַזשניק

אַז ער וועט זיך לאָזן... *בייגט זיך אַראָפּ צו איר* פייער צו פאַררייכערן די די פּיפּקע, יידענע...

פאַרברענטע הדס

גיט אים אַ וואָרף

אַלע קומען זיי זיך רייצן מיט מיר: פייער צו פאַרויכערן די פּיפּקע, כ׳זאָל זיי געבן...

סטראַזשניק

צו אַלט און קאַלט, יידענע; זיך מער נישט אָנצינדן, מ׳זאָל מיך אַפילו צולייגן צו אַ יונגע מויד מיט אַזוינע צוויי שווערע ברוסטן...

אַלטער מאַרכביין

נישט מער קאָנען ווי ביי זיי זיך פאַרהוסטן...

פאַרברענטע הדס

וואָס קומסטו ווידער מיט אַ קעלט אין די ביינער, כ׳זאָל מיך ברויכן טרייסלען פון איר? גיי לייג דיך אַוועק אויף אַ באַרג שטיינער, ס׳זאָל עמעץ פון דיר האָבן אויפצוקלויבן אַ זעקל ביינער...

סטראַזשניק

שטילער

היט דיך, יידענע, מ׳רעדט שלעכטס אויף דיר; רודערסט צו פיל אַרום; גרייטן זיך אויף די דערפער דיך צו קומען אָנקוקן מיט העק.

פאַרברענטע הדס

שפרינגט אויף

כ׳הרגע זיי אַלע אַוועק! ס׳גאַנצע בייזקייט מיינס אין זיי אַריינוואַרפן; די ציין אין זייערע ביינער אָנשאַרפן.

סטראַזשניק

די יונגען וויינען: ס׳זיצט אין איר אַ נישט גוטס, אַ זמאָרע, וואָס מעלקט ביי זיי אויס ס׳בלוט...

פאַרברענטע הדס

נעמען מער וויפיל זיי לייגן ביי מיר אַוועק; איך שטרעק מיך פאַר זיי, און נאָך אויפהייבן דעריבער אַ געשריי?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

גיי דיך אַריין אַ ביסל אָפּוואַשן. זעסט דאָך אויס ווי אַ סאָווע...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

פאַרן וואַלד איז דאָס נאָך צו שיין.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

כ'וויל דיך אַוועקנעמען אויף אַ גוט אָרט...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

וואָס פאַר אַ גוט אָרט איז דאָס ביי דיר? אויפן אויסגעקראָכענעם קאַרק?

ס ט אַ ז ש נ י ק

די ציגיינער לאָזן זיך היינט וואוילגיין, און מיך געשיקט דיך ברענגען... איינער פון זיי געוואָלט הענגען, זיך דער שטריק איבערגעריסן... נו, גייט מע דאָס באַגיסן... נישט איין אונטערשט חלק אָנגעגרייט... און פעסער ביר, איינס אויפן אַנדערן, — אַזוי הויך אָנגעשטעלט.. פלעשער בראָנפן, אומגעציילט...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

ס'האַלט ביים אַראָפּפאַלן אַ מבול אויפן קאָפּ; די וואָלקן קריכן שוין מיט די בייכער באַלד אויף דרערד...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

ס'איז אין די הייל, אונטער די צעשיטע מויערן פונם שלאָס; אַריינצו-גיין דורך די געלעכערטע טירן פון די גלעזערנע ברונען; קאָנען טריב-קען, — ס'זאָל אין דרויסן אונטערגיין די וועלט...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

נעמט אים טרייסלען

באַלד גיין אַריינכאַפּן אַ ציגיינער: אַ הייסן, אַ בלוטיקן, אַ שוואַרצן, מיט געקרייזלטע האָר, פאַרגאָסענע אויגן, און צאַפּלדיקן אָטעם... אָפּ.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

ס׳בלוט ברענט ביי איר, ווי ס׳פייער אין גיהנום.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

ס׳זאָל דערפון אַראָפּפאַלן אַ טראָפּן אויף אַ שטיין, — אַזוי לאַנג קאָכן, ביז ס׳וועט אויסברענען אַ לאָך...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

קומט גלייך צוריק אַרויס

אַרומבינדן מיטן שטריק פון די ברונעם, און זיך אַראָפּלאָזן אין איר; אַרומוואַשן און אונטערטינקען. טרעט אָפּ ס׳גייט מיט פייער פון אינעווייניק...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

גאַפט

נישט אַמאָל אַריינגעטאָטעמט אין איר?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

וועמענס אַרבעט איז דאָס געווען, אָנצוצינדן ס׳וואַסער אין די ברונעם?..

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

די פלאַמען זעצן אַרויס, פולע טעפּ מיט רויך...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

געמיטלעך

אייער, אַז מ׳פילט אָן מיט שוועבל, טריפעכטס פון חלב, צעשמאָלצענעם פּאַראַפין, און מ׳לאָזט זיי ליגן אַ יאָר אין קאַלך...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

ביי וועמען דאָס געקריגן די סגולה, ביים גלח?

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

פון פריער

און מ׳וואַרפט זיי אַריין אין וואַסער, — נעמט דערפון אַרויסזעצן מיט פייער...

פאַרברענטע הדס

און אַז ס׳וואַסער ברענט, מיט וואָס עס פאַרלעשן ?

אַלטער מאַרכביין

מיט ערד ; אַרויפשיטן דאַרויף ערד.

פאַרברענטע הדס

און פאַרשיטן די ברונען ?

סטראַזשניק

אויסברענען ס׳וואַסער, — נאָך חלילה בלייבן אַ ליידיקע ברונען, אַ טרוקענע...

אַלטער מאַרכביין

עס לאַנג געברויכט אויסצושעפּן ; גרין געווען ווי גראָז ; געשטונקען אַ מייל אַוועק ; גענומען צום מויל, — אָפּגעדרייט די נאָז...

פאַרברענטע הדס

ס׳גייעס פון דאָרף זיך געבעטן, איר אויסצורייניקן.

אַלטער מאַרכביין

גיין פאַדרייען מיט זיי אַ קאָפּ ? מיר אויפזינגען מער פאַרן שעפּן, ווי מ׳זאָל איר פאַרשיטן און מאַכן אַ נייע ; שוין בעסער, אַז מ׳קאָן, — אויס-צוברענען...

פאַרברענטע הדס

כאָטש צוקומען אַנדער וואַסער, אַז דאָס וועט אַוועקגיין מיטן רויך ?

אַלטער מאַרכביין

ס׳פעלט וואַסער אין דרערד, אַלט פערד ?

פאַרברענטע הדס

הלוואי נישט, ביי מיר ליגן פאַר די חכמה, מיט די פיס פאַרקערט...

סטראַזשניק

פאַרברענגען אַ ברונען וואַסער, איז אַלצאיינס ווי אומברענגען אַ לעבע-דיקע זאַך...

אַלטער מאַרכביין

לאָזט אויס צו אים

ביי מיר אַוועקגיין אָן אַ קאָפּ, רעדן אַ סך...

סטראַזשניק

און ביי מיר גיין זיצן, זאָלסט אַפילו שפּרינגען פונם דאַך.

פאַרברענטע הדס

ווילד

געמאַכט אַ קאַלך-אויוון פון די ברונען...

אַלטער מאַרכביין

נישטאָ באַלד מער וואָס זאָל ברענען; ס׳גאַנצע וואַסער געקאָנט צו-טראָגן אין די טעפּ מיט די קאַנען, און ס׳זאָלן נאָך איבערבלייבן ליידיקע...

פאַרברענטע הדס

דו ווייסט: אויב וואַסער ברענט נישט צוויי, דריי מאָל אַזוי לאַנג ווי האָלץ, און אַפילו פּעך מיט סמאָלע?...

אַלטער מאַרכביין

דאָס אין זינען געהאַט און אומישנע אויסגעפּרוווט, – איידער ס׳ברויך אַראָפּ אַ רעגן; זעסט נישט דעם הימל?... דער רעגן עס באַלד איינ-לעשן...

פאַרברענטע הדס

פאַרלאָזן אויפן רעגן?... אפשר זיך דאָס וואַסער דערפון אויך אָנצינדן?

אַלטער מאַרכביין

צעטומעלט

אַזוי גאָר?... דאָס מוזן צודעקן... אינעווייניק לאָזן אַזוי דושען... קום, כ׳האָב ליגן אונטערגעשניטענעביימער...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

העלפט אים

ס׳שלאָגט פון איר מיט אַזאַ היץ...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

ס׳רעגנט שוין מיט מזל... פון דרויסן אָדער פון אינעווייניק, — זיך מוזן אָפּשטעלן...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

הלוואי נישט, ביי מיר אָרנטלעך גיין זיצן...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

ס׳זעט ווער די בליצן ?... כ׳מוז גיין פאַרטרייבן די הינער... און די קאַטש-קעס זענען אויפן וואַסער... דו כאַפּ אַ קוק צו די קאַץ, אַלטער קאָטער...

נעמט ברעכן צווייגן און אַרויסלאָזן קולות ביים אַוועקלויפן.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

פאַרקלייבט זיך אונטערן דאַך פון הייזל

וואָס אי דאָס ביי איר, פאַר אַ ברומען ?...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

מיט אים

ברויכסט איר שוין קענען.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

וויל אויכעט עמעצן פאַרברענען ?

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

האָט נישט קיינעמען... שוין געלעגן מיטן הונט... אָפּגעריסן די טירן פון די שטעלער, — איז אין קיין איינע פון זיי קיין ביק נישטאָ ; נאָר אומע-טום קי...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

פּיפּקעט

אַזוינע ווי זי...

אַ לְ ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

פּיפקעט

און דאָס גיט איר נישט קיין רו... טרייבט איר... שרייט פון איר...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

אוועקנעמען אין די הייל, און מאָרגן די אויגן ביי איר נישט אַזוי אַרויסטאַרטשען...

אַ לְ ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

דער רעגן זיך נאָך נישט דערוואַרימט... ער איז גוט אויף שעהן... טראָפּט, און ברויך ערשט אויסגיסן... מיט די ריכטיקע דונערן און בליצן אויס-שיסן...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

נישט איין בוים זיך מעגן ביי זיי אָפּגעזעגנען מיטן לעבן... ווי זיי קריצן זיך איין אינם וואָלקן, און ער וויל גאָרנישט ליכטיקער ווערן...

אַ לְ ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

נאָך אַלץ אַזוי פּעט... דער גאַנצער בויך ביי אים אַזוי אייגן אָנגעבלאָזן... די ביליע אונטערן שויס, נאָך אויכעט געגנוג גרויס...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

ער קלויבט זיך שוין פון וואָכן; ווי אַ בער געקראָכן און געקראָכן...

אַ לְ ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

יאָ געקומען צו קריכן, שוין פאַרדאָס אַזוי גיך נישט אָפּטרעטן...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

צערעכט מאַכן אַ פּאָר סטאַדאָלעס, און נישט איין שטאַל בלוטן ביי אים...

אַ לְ ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

די פעלדער ברויכן אים אַפילו נייטיק האָבן; די סעדער, אַ שאָד, צו-פרי ווערן אָפּגעשאָקלט...

קולות אין הינטערגרונט.

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

קוקט זיך אום

עמעץ איצט וועלן אַריינפאָרן?... ס׳דראַפּעט זיך ווער אויפן שלאַגבאַן, — אַ בעל־עגלה פון אַ וואָגן?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

שטרעקט אויס דעם קאָפּ

הערן, וואָס ר׳האָט צו זאָגן...

ד ע ר י ע נ י ק ע ר

מאַכט מיט די הענט

זיך אונטערגעריסן ס׳בריקל, און אַראָפּ אין וואַסער... כ׳האָב אויפן זיצן אַ רבין...

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

דערציטערט

אַ רבין?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

האָספאָדי פּאָמילוי...

ד ע ר י ע נ י ק ע ר

אַזוי ווייט אין וואַסער...

ס ט אַ ז ש נ י ק

און די פערד?

ד ע ר י ע נ י ק ע ר

אַזוי ווייט אין וואַסער...

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

ס׳וועט זיי נאָך ביידע אַוועקטראָגן.

אָפּ מיט אים.

פאַרברענטע הדס

קומט אָן, הינער אין די הענט און אין בוזים

וואו איז ער, דער אַלטער?... זיך אויפגעוויזמט?... ס׳קדחת פאַרן וואַסער?... כ׳וועל אים אויף זיך האַלטן, און אויפן גאַס רעגן מיטן אַוועק רייטן... ציגיינער-בלוט איז פעט, און גליט... נאָך קיין איינמאָל נישט דערמיט אָפגעבריט... אָפּ אין הויז.

אַלטער מאַרכביין, סטראַזשניק

ברענגען צו טראָגן דעם רבין, שטעלן אים אַוועק אונטערן דאַך

נאָך אַ קליין ביסל, — נישט געווען מער וואָס פונם וואַסער אַרויסצו־בעמען...

סטראַזשניק

איילט

אַצינד, נאָך די פערד! זיי שוין אַוועקגעטראָגן ביז אַרונטער די מיל; נישט אַרויסכאַפן באַצייטנס, — די יאַמע איינשלינגען, צודעקן איבער די אויערן...

אַלטער מאַרכביין

האַלט זיך צוריק

פריער כאָטש דעם רבין דערוואַרימען...

רבי

ציטערט

דער אייבערשטער מיך שוין צום איבעריקן אָפּהיטן, אַז ר׳האָט מיך גע־קאָנט דורך אייך פון טויט באַשירמען...

פאַרברענטע הדס

אַרום

פונקט געברויכט אויסמאַכן אויפן רעגן, די ציגיינער; כ׳הער ווי ס׳דו־נערט, ווערט אין מיר ס׳בלוט געמינערט... קומט אַרויס, און בלייבט שטיין אַ רבי?

ר ב י

צי‏טעריק

יאָ, אַ רבי.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

ווער האָט נ׳רבין דאָ אַהערגעבּרענגט ?

ר ב י

דער רעגן.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

פון וואַנעט קומט אַ רבי ?

ר ב י

פון יידן.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

און וואו גייט אַ רבי ?

ר ב י

צווישן יידן.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

יענע טויגן נישט, און זיי געוואָלט אויסטוישן אויף אַנדערע ?

ר ב י

אַ ווייבל גייט שוין דאָ דריי טעג צום קינד, און מ׳ברויך מיך האָבן...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

דער רבי איר העלפן קרעכצן ? איך קרעכץ שוין עטלעכע טעג, ס׳וויל מיך צעשפאַרן, — אפשר מיר דער רבי אויכעט קאָנען העלפן ?

ר ב י

פון פריער

און געכאַפּט געוואָרן פונם רעגן ; ס׳בריקל זיך אונטערגעריסן, די פור אַראָפּגעלאָזט און געבליבן זיצן אויפן וואַסער.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

ווי טיף?... כע-כע-כע... ביסט דאָך נאַס, רבי... ס'גיסט דאָך פון דיר אַראָפּ, רבי... כ'גיי אַריינוואַרפן אַ פּאָר שייטלעך האָלץ אין אויוון, און זיך אַ ביסל אָפּטרוקענען...

ר ב י

ס'אי נאָך דאָ ווער אין דרינען?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

דער קליינער יונג מיינער, און דער הונט.

ר ב י

וואו האָסטו דיין מאַן?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

הינטער די שטאָט; אַזוי גיך פון דאָרטן נישט אַהיימקומען...

ר ב י

מ'קאָן אויסטייטשן, לויט דיינע רייד, — ער זאָל, חלילה, נישט לעבן מער...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

איידער אַזאַ לעבן, איז גלייכער געשטאָרבן; זיצט און קוקט אַרויס פון הינטער די קראַטן... געקריגן דרייסיק יאָר, ווייל ר'האָט עמעצן גע-שטאָכן... זענען ערשט פיר יאָר פון זיי אַראָפּ, און נאָך זעקס און צוואַנ-ציק אים געבליבן...

ר ב י

אפשר אים אַרויסלאָזן פאַר די צייט, זיי דען מוזן אויסזיצן?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

דערנאָך ערשט, די אייגענע גזלנים שטעכן; שאַרפן זיך אויפן די ציין...

ר ב י

הייבט די אַקסלען

כ'קאָן עס נישט פאַרשטיין.

פ אַ ר בּ ר ע נ ט ע ה ד ס

דער רבּי וועט נאָך א סך זאַכן נישט פאַרשטיין... כע־כע־כע... צי־טערסט, רבּי?... און אויף מיר ברענט די הויט... כ'האָב נישט ווייניק ב'טויט... מיך געלאָזט מיט אַ קליינעם יונג און אַ גרויסן הונט, — עסן זיי מיך ביידע אַ לעבּעדיקן... נישט אַלט נאָך, פאַרשפּאָרט מיט אַלעם אויסצורינען ס'ביסל כּוח... און דאָ מיטן פעלד אַרום, ריזעלט ער ווי ס'קוועלכל אַרום די וואָרצלען פון בוים, און איז אייביק פריש ווי די ערד... גיי אַריין, רבּי...

ר בּ י

נישט פאַר מיר דאָ קיין אָרט, אַריינצוגיין.

פ אַ ר בּ ר ע נ ט ע ה ד ס

עפּעס נעמען אין מויל אַריין... די ליפּן בּאַנעצן... אויסטרוקענען, און דערנאָך קאָנען פאָרן צום ווייבל, וואָס גייט שוין דריי טעג צום קינד... אַזוי נאַס, אָפּגעצוואָגן, און שטייט נאָך אויפן ווינט?... שאַרט אים אַריין אפילו נישט אַריינשמעקן... כע־כע... דער רעגן מיך נישט צוגעלאָזט צום ציגיינער, און אַהער געבּרענגט אַ רבּין... בּלייבּט שטיין אַזוי פּיל קאָליר אין די בּאַקן... און מיט אַ ווייסן האַלז... בּלאָע אָדערלעך אויפן שטערן... נעמט פאַרמאַכן די לאָדנס ר'זאָל אפילו איבּערשרייען דעם רעגן, אים אויך קיינער נישט הערן... קוקט אַריין אַ קלאָר לייב, אויסגעוואַשן... כע־כע... אים בּאַלד געבּן צו נאַשן... אַ קענדעלע אויסצוטרינקען... זיך פאַר מיר מוזן שטרעקן... דאָס אויפגעוועקטע בּלוט שטילן, ס'זאָל נישט שרייען ווי בּיינאַכט אין די פינסטער, די צערוישטע מילן... אָפּ צו אים, וואו ס'בּרעכט אויס אַ געצאַנקעריי.

ר בּ י

רייסט זיך אַרויס, אַ האַלב נאַקעטער

גייט: דער רעגן אומישנע אַראָפּגעפאַלן, — כ'זאָל בּרויכן בּייצוקומען אַ נסיון?

פ אַ ר בּ ר ע נ ט ע ה ד ס

אַ ווילדע, צעפּלאָשעטע, נאָך אים

אויף אַ שלעכטע מינוט מיך אָנגעטראָפן... קריך פון אייערנעכטן פון די הויט... מיך שוין בּאַלד פאַרבּרענט... געוואָרן פון מיר קויל...

ר ב י

צימעריק

נאָך היינט נישט געהאַט אין מויל... ס'חיות האַלט זיך אין מיר, קוים־קוים...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

דערוויטערט זיך מיט אים

דאָ, אונטערן בוים,
אַ קליין טראָפּעלע שוים...

ר ב י

ווי אַ ווידערקול

אויסגיין אונטער איר, און שטאַרבן.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

פאַרפלאָמט

מ'קאָן זיך מיט מיר דעם מאָגן נישט פאַרדאַרבן.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן, ס ט ר אַ ז ש נ י ק

קומען ביידע אָן, טרייבנדיק אַ פּאָר פערד

ט־פּ־פּ־ר־ר־ר־ר...

פ אָ ר ה אַ נ ג

ערשטער אקט

אין אַכטצען יאָר אַרום.
ביים זעלביקן אַריינפאָר אין שטאָט. אַלץ איז שטאַרק פאַרעלטערט
אין אָפּבלאַקירט. אָנגעוואַקסן מאָך און שימל.

קראַנקער מאַרכביין

קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען.

דאָרפישע מיידן

צאָטעוועֿן אויף אים.

אַלטער מאַרכביין

גוטע הונדערט יאָר אַלט, געזונט ווי אַ נוס, און גאָרנישט ווי ער וואָלט שוין געווען אַזוי שטאַרק אַלט, זיצטביים שלאַגבאַן

אָפּהיטן אַ ליידיקן וועג, אַ שיינע עובדא, כ׳לעבן.

פאַרברענטע הדס

גוט אַלט, און זעט נאָך אויס גענוג יונג צו זיין מיט אַלעמען, — נעמט זיך אָן מיט האָלץ הינטערן פענסטער

זיך ערשט נעכטן אַוועקגעזעצט, ס׳שמעקט אייך נישט?

אַלטער מאַרכביין

מיר מיט זיבעציק-אַכטציק יאָר צוריק אויכעט נישט געשמעקט...

פאַרברענטע הדס

אַזוי פיל יאָרן, און ס׳אי גאָרנישט אָפּגעקומען פון אייך, נאָך איבער-שטופּן די פּאָר יאָר, — וואָס ס׳האָבן זיך אייך פאַרוואַלגערט אינם אַרבל, אָדער אונטערן קאָלנער...

אַלטער מאַרכביין

נישט אַריינגעפאָרן קיין פור, זינט שיינע טעג; און כ׳זאָל אַזוי דיך נישט זען, — באַלד נישט געדענקט ווי אַ פערד זעט אויס...

פאַרברענטע הדס

אויפגערוימט

דער יונגער מאַרכביין איז אַרויס, שוין מאַכן אַ וועג, — מ׳זאָל מעגן קינדער לאָזן גיין אויף אים ביינאַכט אַליין. אָפּ מיטן האָלץ אין הויז.

קראַנקער מאַרכביין

אַרויס. מאַכן אַ וועג... אַראָפּרוימען מיט די בלויזע צוויי הענט גזלנים מיט מעסערס, מיט גאָל-מעסערס...

אַלטער מאַרכבײן

אין דיר שטעקט אַ כּוח, יאָ... גײט אײַנשפּאַנען דעם ווינט אין אַ וואָגן?...
אַלמאַי דרײט ער די רעדער פון די מיל, און נישט שלעפּן אַ וואָגן
מיט האָלץ?... מיטאַמאָל וואָס דרײען זיך מיר די מײדן פאַר די אויגן?...

קראַנקער מאַרכבײן

כ'קאָן מיך נישט אָפּיאָגן, זײערס.

אַלטער מאַרכבײן

פאַרטרײבט זײ

אַ-שאַ! קלעפּן אינם ווי די בינען...

פאַרברענטע הדס

קומט אַרויס זיך ווידער אָפּנעמען מיט האָלץ

ס'זאָל אים נאָך דאָ אָפּגילטן, — גיט אים דער גראָבער טרעלבוך אַוועק
אַ הויז אויפן מיטן מאַרק...

אַלטער מאַרכבײן

דער חזיר-טרײבער וועגט אים אָפּ מיט גאָלד צוגלײך.

פאַרברענטע הדס

און דער זײגערמאַכער באַזעצט אים פון קאָפּ ביז די, מיט בריליאַנטן.

אַלטער מאַרכבײן

דער מעל-הענדלער צוגעזאָגט אַרײַנצוטראָגן מעל אַ גאַנץ גײענדיק יאָר.

פאַרברענטע הדס

דער ווײנשענקער, ווײן.

אַלטער מאַרכבײן

פלײשיקער, פלײש.

פאַרברענטע הדס

מילכיגער, מילך.

קראַנקער מאַרכביין

מיטאַמאָל

מעגן זיך גייען אַ רייכן בייטל.

פּאַרענטע הדס

רייסט זיך אָפּ

אַז ער גייט אַזוי אויף די מאַרקן, שטעלט אָפּ ירידים, האַלט שטעט אין די מורא, דערפּער ווי הינט אויף די קייט אָנגעבונדן, — איז גוט; און טאָמער קומט אויס מ׳קאָן עפּעס דערפון האָבן, טויג נישט... אָפּ אין הויז.

קראַנקער מאַרכביין

יטורים, וואָס מ׳קאָן פון זיינע גבירות האָבן...

אַלטער מאַרכביין

דיך אַמאָל דאָס הערן זאָגן, און שוין פאַרשפּאָרן צו באַגראָבן...

קראַנקער מאַרכביין

זייער שיין די וועלט אויסגעפירט; קיין איינער פון זיי נישט אַראָפּ מיט קיין גלייכן טויט, אין גרוב אַריין.

אַלטער מאַרכביין

אָבער, גבירות באַוויזן; ווי לאַנג, זיי זענען אויף די פיס געשטאַנען, — מיט זיי געקלונגען אויף די וועגן; די ביימער אין די וועלדער גע-רוישט..

קראַנקער מאַרכביין

דער אַלטער האָט אַ פולן בויך אָנגעפלוישט.

אַלטער מאַרכביין

נעם מיין טאַטן: האָט ער מיטן קליינעם פינגערל געקאָנט אויסרייסן אַ בוים מיט די וואָרצלען פון דרערד...

קראַנקער מאַרכביין

און, נישט געשטאָרבן ביי זיך אויפן בעט.

אַלטער מאַרכביין

דער זיידע, אַז ער האָט איינמאָל דערזען: מ׳האָט אים אַרויסגעשטעלט

די זאַכן, ווייל ר׳האָט נישט געצאָלט קיין דירה-געלט, — זיך נוקם גע-
ווען אין באַלעבאָס: און געכאַפּט ס׳הויז מיט אים אינאיינעם, און
אַוועקגעטראָגן אין אַ וואַסער אַריין...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

און, אים דערטרונקען אין אַ ברונעם.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

איך אַליין, טאָמער ווילסטו וויסן: בין אַמאָל אַהיימגעפאָרן פון אַ יריד,
איז דעם פערד איינגעפאַלן, ס׳זאָל בלייבן שטיין; וואָס מ׳האָט נישט גע-
זאָלט טון, אַז ס׳זאָל זיך ווען רירן: אים אַריינגעבלאָזן אין אַן אויער,
געמאַכט אַ קניפּ אין ווייידל, און ער שטייט, די הינטערשטע פיס צע-
שפרייט, נ׳קאָפּ אַראָפּגעבויגן, און קוקט מיט גרויסע אויגן... האָט ער
דאָך אָנגעטראָפן אויף מיר?... אים אָנגעטון אַ שטיקל: ווילסט נישט
גיין?... אים גענומען, ווי דו זעסט מיך, — מיט דעם וואָגן און די
פאַרשוינען אויף זיך, און אַריינגעברענגט אין שטאָט צו טראָגן...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

די מעשה וואָלט געווען אַ שיינע, זי זאָל זיין וואָר.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

שוין אַמאָל געשלאָגן אַ גאַנצן מאַרק פויערן פאַר אַ געגנבעט פערד, וואָס
איינער האָט זיך געשוואוירן, — ר׳איז זיינער; די בלויזע הענט געהאַט
און יעדער איינער פון זיי עפּעס אַנדערש: דער אַ האַק, יענער אַ שטיין,
אַ זעג... און וויפיל מ׳האָט אין מיר נישט אַריינגעלייגט, בין איך גאַנץ
אַרויס, און פון זיי נישט איינעמען געבראכט באַשטעלן אַ טרומנע...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

טאָקע נישט צו פאַרשטיין.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

און נאָך היינט נעמען, אויב דו ווילסט: דרייסיק שטיק אין די אַרבעט
אַריין, און ביי מיר אַרויס אָן קעפּ... אָן אויערן...

ד אָ ר פ י ש ע   מ יי ד ן

באַווייזן זיך.

א יי נ ע

זעסט די אויגן זיינע, ווי זיי קוקן אַרויס פון קאָפּ?

צ וו יי ט ע

מ׳קאָן שטאַרבן פון זייער קוק.

ד ר י ט ע

קריגן אַ כאַפּ אויפן אָרט.

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב יי ן

צעשראָקן

כ׳ווייס נישט, וואָס זיי ווילן?

ד י   ע ר ש ט ע

אַ ביס פון דיינע ווייסע ציין.

צ וו יי ט ע

זיך אָפּבריען ביי די רויטע ליפּן.

ד ר י ט ע

צעריבן ווערן פון דיינע ברוינע הענט.

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב יי ן

פאַרנעמט זיך מיט אַ שטיק האָלץ

אויף מיר געבערויכט אָנטרעפן ווען כ׳בין געווען יונג, — זיי שוין דער־ציילט אַ מעשה; איינע ביי די אַנדערע אַוועקגעלייגט...

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב יי ן

פאַרנאַרט

כ׳ווייס נישט, וואָס זיי האָבן אין מיר אַזוינס דערשמעקט? זיך אַמאָל צו זיי אונטערגעלעקט, און ס׳בלוט אויפגעוועקט?...

אַלטער מאַרכבײן

אײנגעשטילט

גאָרנישט אַזאַ צעלײגער... מ׳זאָגט: מײדן װילן האָבן אין עפּעס זיך אָנ־צוכאַפּן, זוכן זײ אַ יונג מיט אַ פּאָר לאַנגע פּיס, גרױסע הענט... נישט, אַזאַ דאַרן גאָנער?...

אַ קװיטש פֿון קלײנעם מאַרכבײדל.

קראַנקער מאַרכבײן

טוט אַ בלײך מיט די אױגן

דעם טאַטן װי די װעלף צעריסן, — און דאָס קלײנע שטעלט זיך דאָרט אױפֿן קאָפּ; װײסט נישט אױף װאָס ס׳גײט.

קלײנע מאַרכבײנדל

קומט אַרױסצולױפֿן

די קאַץ האָט שױן װידער געכאַפּט אַ מײזל; ס׳אַכטע, הײנטיקן טאָג...

קראַנקער מאַרכבײן

זינט װען איז ס׳הױז פֿאַרפֿלײצט געװאָרן מיט מײַז?

פֿאַרברענטע הדס

קומט באַלד דערנאָך

אַלע יאָר אין דער צײַט, קומט אָן אַ שטוב מיט װאַסער, — און אַצײנד אָנשטאָט װאַסער געקריגן מײַז... נעמט זיך אָן װי פֿריער, מיט האָלץ.

אַלטער מאַרכבײן

לאַקאָנע

טראָגסט איבער ס׳האָלץ?... אָדער קומסט נאָך אַלץ נישט אױס צו מאַכן פֿײַער?...

פֿאַרברענטע הדס

דאָס נעכטן אָפּגעהאַקט, איז עס פּיטש־נאַס; כ׳לײג אַרײַן אַ שטיקל אין אױװן, — גיסט זיך דערפֿון קװאַלן װאַסער; ברױך זיך פֿריער איבער־טרוקענען, מ׳זאָל קאָנען מאַכן פֿײַער דערמיט.

אַלטער מאַרכביין

העלפט איר

נעכטן נאָך די ביימלעך געזעסן אין דרערד ; זיי גערעגנט אויף די קעפּ אַרויף.

פאַרברענטע הדס

נעכטן : יעקב-העשל נאָך אַרומגעגאַנגען אויף די פיס, און היינט ליגט ער שוין מיטן ביילעק קאַפּויער...

אַלטער מאַרכביין

באַווייזט מיט די האַנט

אַזאַ קליין באַנדיטל אים אַוועקגעלייגט.

קליינע מאַרכביינדל

אים נישט זיין געשענקט.

קראַנקער מאַרכביין

און היינט, שוין דער יונגער זיך געגאַנגען נעמען ב׳טויט אין די האַנט אַריין...

פאַרברענטע הדס

זיי האָבן דאָך אים בלויז אונטערגעשיקט, דעם קליינעם, – ער זאָל זיך נישט ריכטן, יעקב-העשל ; און אַליין ספּאַלעכעס געהאַט אים צו קומען אונטער די אויגן...

קליינע מאַרכביינדל

גייען נאָך נישט גאַנץ אַרויס פון מיינע הענט.

אַלטער מאַרכביין

דריקט אים צו זיך

כ׳קיל מיך נאָר : אַז דו וועסט אַמאָל גרויס ווערן, – און נישט פאַר-שווייגן דיין טאַטנס יונג פאַרגאָסן בלוט...

קליינע מאַרכביינדל

גאָרנישט אַזוי לאַנג וואַרטן, ביז כ׳וועל גרויס ווערן ; געוואוסט וואו, – גיי איך שוין מאָרגן אַרויס זיי די קעפּ אָפּדרייען...

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

און אַזוי אויסשפּילן ווי דער טאַטע זיינער. און אַלע מאַרכביינער פאַר אים...

א ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

אַנגעצונדן

ער איז זייער טויטמאַכער, נישט קיין אַנדערער; אויף קיינעמען מער נישט האָבן אַזוי צו וויינען ווי אויף אים, — דעם קראַנקן אָפּגעפּוילטן מאַרכביין...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע   ה ד ס

אַליין פריער געברויכט איינעמען אַ וויסטן סוף, איידער כ׳האָב אים אויף די וועלט געברענגט, — זיי אַלע פאַרשפּאַרט דורך אים יונגערהייט אין דרערד אַריין צו גיין; אַ הונט באַדאַרפט אויף זיין אָרט האָבן, אַ הונט... אַפּ.

א ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

כאַפּט אונטער

און גאָר געהאַט אַ וואָלף.

ק ל י י נ ע   מ אַ ר כ ב י י נ ד ל

באַווייזט זיך מיט אַ שטיק אייזן

ווער האָט מיין טאַטן ג׳טויט געמאַכט?...

א ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

נעמט אים אַריין אין זיך

אין באַגריע אויפן מאַרק, אים אַ מעסער אין בויך אַריינגערוקט; און נישט געוואַרט ביז מ׳וועט אים קומען ס׳מעסער פון בויך אַרויסנעמען, נאָר אַליין; מיט איין האַנט זיך צוגעהאַלטן ס׳לאָך, — די געדערים זאָלן אים נישט אַרויס; און מיט די אַנדערע, — אַוועקגעטראָגן דעם גזלן זיי־נעם אין די פּאָליציע: „נאַט אייך דעם מערדער מיינעם, וואָס האָט מיך צערעכט געמאַכט...” און זיך אַוועקגעלייגט צו די ערד, געוואָרן טויט...

ק ל ײ נ ע   מ אַ ר כ בֿ ײ נ ד ל
אַנטשלאָסן

כ'גײ מיך אַריבער זען מיטן.

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

וואָרן, ער איז אײנער ?... האָט שטײן הינטער זיך אַ גאַנצע האָרמע...

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ בֿ ײ ן

באַגריער בעלי־עגלות, — האָבן אַ שם פאַר די גרעסטע גזלנים.

ק ל ײ נ ע   מ אַ ר כ ב ײ נ ד ל

זײ אַלע די קעפּ אָפּשנײדן.

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

יעדער גוטער שווימער ווערט דערטרינקען, און יעדער גבור, — שטאַרבט נישט מיט קײן גלײכן טויט...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע   ה ד ס

דורכן פענסטער, בײזערט זיך

אײך גאָרנישט אָפּקומען פון די הענט, אַרײנטראָגן אַ פּאַר שטיקלעך האָלץ אין שטוב...

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

נעמט זיך אָן מיט האָלץ, און זאָגט פריער אָן דעם קלײנעם, אײדער ער גײט אַוועק

האָב אַן אויג אויפן וועג; כ'גלײב אַפילו נישט, — ס'זאָל זיך ווער אָפּרײסן; נאָר טאָמער יאָ, — אַ דרײער אַ קאָפּ פון אַ פערד... אָפּ.

ק ל ײ נ ע   מ אַ ר כ ב ײ נ ד ל

רײט אויפן שלאַגבאַון

כ'ברויך אַ ביקס, צו שיסן קורפּאַטוועס; אַן אײזערנעם דראָנג, צו הרגענען ווילדע חזירים; אַ שאַרף מעסער, אויף צו טרײבערן פערד; אַ שפּיז, אויסצושטעכן בײ קי די אויגן...

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

ברעכט זיך און לאָזט אַרויס קולות.

דאָרפֿישע מיידן

דערנענטערן זיך

אַלע אינאיינעם,
נישט ביי קיינעם,
און פֿאַר יעדן, —
ווער וועט רעדן?

איינע

וואָס הייבטן אַזוי אונטער?

צווייטע

ס'בלוט אינם קאָן נישט איינרוען.

דריטע

הערט נישט אויף אַרומצואַרבעטן.

באַפֿאַלן אים.

איינע

קום הינטערן קאַרן.

צווייטע

הינטערן וועיק.

דריטע

הינטערן גערשטן.

קראַנקער מאַרכביין

שטעלט זיך אַקעגן

כ'ווייס נישט, וואָס זיי קאָכן אין מיר אויף ס'בלוט?

ערשטע

ווי פֿריער

צעקנייטשט די זאַנגען.

צווייטע

מ׳צאַפּלט ווי די שלאַנגען.

אַלע

אינאיינעם

מאַנגלען,

מאַנגלען,

מאַנגלען...

קראַנקער מאַרכביין

בלייבט איבערגעוועלטיקט

נישטאָ קיין כּוח זיך מער מיט זיי צו ראַנגלען...

אַלטער מאַרכביין

אין פענסטער

מיט דריי מיידן אויף אַמאָל, ליגט ער... לויפט אַרויס מיט אַ שטיק האַלץ אַ רגע אַליין געלאָזט, און אים גלייך גענומען אין די אַרבעט אַריין...

קראַנקער מאַרכביין

קומט צו זיך

כ׳ווייס נישט: וואו מ׳באַגראָבט זיך ערגעץ פאַר זיי?

אַלטער מאַרכביין

ברויכסט דיך נישט גערעכט מאַכן; כ׳זע שוין ס׳אַר בחור דו ביסט, און ווייסט מיט וואָס דו שמעקסט...

קראַנקער מאַרכביין

לאָזן מיך נישט אויף די אויגן.

אַלטער מאַרכביין

אַזוי ווי די מאַמע אַמאָל אין די יונגע יאָרן האָט געהאַט צו טון מיט יונגען, דער זון איצט מיט מיידן; אָפּגעגעבענע זאַכן...

פאַרברענטע הדס

קומט אַרויס

אַ כּשרע נשמה, נעבעך! באַלעקט זיך נאָך היינט, ער נעמט רעדן פון די

שוואַרצע, וואָס איז געקראָכן צו אים אין די קאָשאַרן ; האָט אַ פֿול מויל מיט איר...

אַלטער מאַרכבֿײַן

לאַכט גוטמוטיק

אײַ, אַ שטיק פֿײַער געווען... כ'זאָל איר אַצינד האָבן, מיך אוודאי צוריק יונג געמאַכט, — נאָך די ערשטע הונדערט יאָר וואָס כ'האָב אָפּגעלעבט...

קראַנקער מאַרכבֿײַן

האַלט שוין בײַ די צווייטע הונדערט, און זי ליגט אים נאָך אין קאָפּ.

פֿאַרברענטע הדס

קוועלט אָן, לאַכנדיק

ער שפּייט אויבעט נישט אויף דעם, וואָס איר האָט אין די יונגע יאָרן געלעקט די פֿינגער...

קלײנע מאַרכבֿײַנדל

בײַם שלאַגבאַן

ס'גייט עמעץ...

אַלטער מאַרכבֿײַן

פֿאַרחידושט

אַ פֿערד?

פֿאַרברענטע הדס

שטעלט זיך קוקן

ביין, אַ רבי.

אַלטער מאַריבֿײַן

קוקט

אים אַ סך מאָל געזען, נאָר נישט אַליין ; מיט ייִדן.

קראַנקער מאַרכבֿײַן

ס'מוז שוין זײַן עפּעס אויס די וועלט אַרויס, אַז ער האָט זיך אַצינד אַרויסגעלאָזט.

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

אַ קליין פיצל יידעלע, און גאַנץ אַרויס פון די גזלנימס הענט.

ד ע ר צ ד י ק

קומט אָן, אַ לויטערער ייד מיט אַ ליכטיקן קאָפּ, קוקט זיך שאַרף אַרום

דאָ האָבן די מאַרכביינער ס׳מקום זייערס?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

טוט אַ ציטער

כ׳זע אַזאַ ייד, — גיט זיך מיר אַ צאַפּל ס׳האַרץ.

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

מיט הכנעה

אין די צעפּאַלענע בויד, רבי.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

נישט צו פאַרזינדיקן.

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

מ׳לעבט פון פּרוטהס, וואָס מ׳נעמט ביי די בעלי-עגלות; קאָפּ-געלט פון די פערד, — וואָס קומען אַריין אין שטאָט...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

חוץ: וואָס דער עלטערער זון ברענגט אַריין, ער גייט שלאָגן פּויערן אויף ירידים.

ד ע ר צ ד י ק

דער עלטערער, דער שלעגער?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

ס׳הויז לייכט פון די גבירות זיינע, וואָס ער באַווייזט.

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

מ׳קומט צו אים פון איבערן צענטן דאָרף; וואו מ׳ברויך צוליייגן אַ האַנט, וועמען אָפּרייבן אַ מאָרדע, — טראָגט מע עס אים אונטער, דעם יונגן מאַרכביין; מ׳ציטערט פאַרן אויף מיילן...

ד ע ר   צ ד י ק

אַ גבור?

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

אַז ער לאָזט אַראָפּ אַ האַנט, איז, ווי מ וואָלט צוגעלייגט מיט אַ משא פון הונדערט פוד; און וואָס ס'זאָל נישט אויסקומען אונטער איר: אַ הויז, אַ ביק, אַ פערד, — ווייסט מע דערנאָך נישט וואו ס'אַהינגעקומען...

ד ע ר   צ ד י ק

אַ ליימענער גולם אָן שם המפורש.

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

דאָרט וואו ער טרעט, וואַקסט נישט קיין גראָז.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע   ה ד ס

די גזלנים זיך אַצינד אָנגעלייגט, איז די שטאָט אַראָפּגעקומען און אים געפאַלן צו די פיס: „גיי אַרויס, זיי אַראָפּרוימען פון וועג!"

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

שניידיק

נאָך קיין איינער פון זיי נישט גוט אָפּגעשניטן; און ס'זאָל אים כאָטש די שטאָט צוליב, — גלאַטיק אָנגיין.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע   ה ד ס

פאַרביסן

מיר נישט געווען אַזוי איינגעבאַקן אין האַרץ, און משוגע ליב געהאַט, — אים שוין לאַנג מיט מיינע פינגער געהאַט דערשטיקט און דערוואָרגן. .

ד ע ר   צ ד י ק

קוקט זיך אום

ווער איז ער?

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

אַן איינציקל אויכעט; אירער אַ זון, די שנור מיינערס, נאָר אַ קראַנקער מאַרכביין...

ד ע ר   צ ד י ק

אים שאַרף אין די אויגן

נישט די זעלביקע מראה.

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

אָבער, אויפן אייגענעם פעלד געוואַקסן; אַן אַנדערע הויט בלויז, אַ ביסל אַ דינערע... אַ ווייכערע...

ד ע ר   צ ד י ק

נעמט נישט אַראָפּ פונם די אויגן

קענסט לערנען? גיט אים אַ כפר שוין דאָס אַמאָל געהאַלטן אין האַנט?... כאַפּ-אָן, ערגעץ... עפּעס פון דיר הערן... צעקייע אַ וואָרט... מאַך אַ תנועה... זען בלויז, צי ס'לייגט זיך דיר אויף די צונג... נו?... גיב אַ שלינג...

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

גראָד אַ גוטן קאָפּ, נאָר ווילד ווי דער וואַלד; מ'ברויך אים אויס-רייניקן...

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

נעמט בראָקן, און דערזעט די דאָרפישע מיידן אָנקומען, און ווערט פאַרצאַפּלט

די מיידן ווען מיך גוט באַקליידן...

ד ע ר   צ ד י ק

ס'ציט אים נישט צו זיי אין גן-עדן.

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

נעמט זיי פאַרוואַרפן מיט העלבער

מיידן זאָלן אַזוי קלעפּן אין אַ יונג?...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע   ה ד ס

ווייניק אין אייך געקלעפּט, אַז איר זענט יונג געווען?

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

אָפּ מיטן צדיק

גאַנצע טעג מוז איך צוליב זיי אָפּליגן אין די שטאַל, באַהאַלטן...

פּ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

שטייט און הערט זיך איין מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ווי דער צדיק לערנט מיט אים.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

קומט אָן, אַ שוואַר בייכיקער ייד, אומגעהייער הויך, ברייט, פּרייכט

קוים געקאָנט אויף די צוויי פיס דעם בויך דערטראָגן...

פּ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

טאָקע מיט נסים! צו אַזאַ בויך ברויך מע נישט ווייניקער ווי זיבן-אַכט פיס, — זיי זאָלן אים קאָנען טראָגן.

ק ל יי נ ע מ אַ ר כ ב יי נ ד ל

פאַרשטעלט אים דעם וועג

אַ דרייער אַ קאָפּ פון אַ פערד.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

פאַרוואַרפט אים

שטיי נישט וואו אַ מענטש ברויך אַדורכגיין.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

עפעס אַ מענטש? אַ בויך אויף צוויי פיס...

ק ל יי נ ע מ אַ ר כ ב יי נ ד ל

כאַפּט זיך אויפן אַרויף

דאָ אַרומעט גייען בלויז פערד.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

נעמט מלחמה האלטן מיטן

דיר געבן רייטן אויף אַ פערד! אַראָפּ! אַראָפּ, זאָג איך דיר, מיט גוטן זוואָרן, ביי וואָס כ'וועל דיך אָנכאַפּן: אַ האַנט, אַ פוס, — דיך מעגן געזעגנען דערמיט...

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן, פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס
קײכן בײדע פּאָר געלעכטער
זיך, נישקשה, אַרויפגעכאַפּט.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר
זען: כ'צאַפּל מיך מיטן טויט, איז אויף זײ אַ געלעכטער אָנגעפאַלן; און דאָ, האָב צו טון מיטן בויך; כ'נעם אַוועק אַ האַנט, מײן איך, — כ'פאַרליר די געדערים...

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן
ווערט בײז
נישט געהאַט קײן בעסער געזעס זיך אָפּצוזוכן, וואו בײם טרעלבויך אויפן קאַרק?...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר
בלאָזט זיך
מיך באַזעצט ווי אַ בײזע פליג; ער האָט נאָך אײן גליק, וואָס כ'מוז מיר שטענדיק מיט אײן האַנט כאַטש אונטערהאַלטן דעם בויך...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס
ס'אַ טײערע זאַך: זיך אַרומצוטראָגן מיטן בויך אין די הענט, נישט מיר געדאַכט... אָפּ אין הויז.

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן
שוין פאַרגעסן דעם טעם, הדסל.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר
קומענדיק צו זיך
ס'זאָל דאָס גאָרנישט זײן, וואָס ס'וועט אויפוואַקסן פון אים...

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן
זײ נאָך אַלע פאַרשטעקן אין אַ מויזנלאָך.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר
אַזוי קלײן ווי ר'איז, און שוין נישט זיכער מיטן לעבן בײ אים.

אַלטער מאַרכבֿ״ן

גייט דאָ אַנימעלטן אַריבער אויפֿן דאָרף, וואָס אַזאַ קליינעם יונג קאָן אָנחשקן?... דערטרונקען אַ קאַץ אין אַ ברונען, אַ לעבעדיקע קאַץ.

פערדהענדלער

מ׳ברויך האָבן אַ לב.

קליינע מאַרכבֿ״נדל

אויפגעהויבן הויך ביים ווינדל, און זיך אַזוי געצאַפּלט מיט די פּיס־לעך, — נאָר געווען אַ שיינע זאַך צו קוקן; כ׳ווייס נישט, ווי אַזוי ס׳איז פּונקט אויסגעקומען די ברונען אונטער איר?... אַז כ׳האָב איר נאָכגע־לאָזט — האָט זי געגעבן אַזאַ פּאַטש אין וואַסער אונטן, מיר פאַרשפּריצט ס׳גאַנצע פּנים...

אַלטער מאַרכבֿ״ן

און אַ ברונען אויפֿן דאָרף. איז עפּעס טיף...

פערדהענדלער

אויף מיר געבראָכט אָנטרעפֿן.

קליינע מאַרכבֿ״נדל

נעמט אים פאַרוואַרפן מיט העלצער

אַ סך מורא געהאַט.

אַלטער מאַרכבֿ״ן

די פויערן זיך אָנגעלאָפֿן, און נישט אַזוי די קאַץ, אין וועלכע זיי האָבן זיך געשפּיגלט, נאָר די ברונען, — איבערגעפּירט אַ ברונען זיס וואַסער... איר ברויכן אויסשעפּן ביזן גרונט... נו?...

פערדהענדלער

נו?

אַלטער מאַרכבֿ״ן

זיך נאָך געכאַפּט זיי שלאָגן...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

די פויערן ?

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

בײ אַזאַ לאַנגן פויער אויסגעשטאָכן אַן אויג ; און בײ נאָך אַ גרע־סערן, — אָפּגעביסן די נאָז...

פ ע ר ד ה ע נ ל ע ר

אים באַלד גלײבן.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

ווי אַזוי זאָל איך אים נישט גלײבן, אַז ר׳האָט מיר געבראַנגט אַ שטיק באָז אין די האַנט אַריין צו טראָגן ! וואָס כ׳האָב אַליין אויף מײנע אויגן געזען...

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

קומט אָן, אינגאַנצן קײלעכדיק, בלויז שמאַלץ, פאַרגאָסן ס׳פּנים, דער קאַרק ; דער קאָפּ גאָל, גלאַנצט רויט ; לאַנגע וואָנסעס, טראָגט אַ סטעקן־וואַטן שטעקן

אָבער, אַ וועג...

ק ל ײ נ ע מ אַ ר כ ב ײ נ ד ל

פאַרשטעלט אים

אַ דרײער אַ קאָפּ פון אַ פערד.

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

דיר אַזוי צולײגן, אַז דו וועסט מעגן גײן קײען די ערד.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

זײ אים מכבד ; דער הונט איז ווערט נ׳שטעקן...

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

קומט אַריבער

טרעלבויך זיך צוגעאײלט.

פערדהענדלער

ס׳לאָזט מיך דען איינזיצן ?... כ׳קוק אויף די פערד, פאַלט פון מיר ס׳בלייש אַראָפּ ; נאָך באַדאַרפט פאַר אייערגעכטן אַוועקגיין...

חזירטרייבער

ביי מיר אַ שטאַל חזירים, נעמען זיי מיר דעם קאָפּ אַראָפּ.

אַלטער מאַרכביין

טרעלבויך נאָך מאָרגן אַוועקרייטן אויף די פערד, און אים די חזירים אויפהערן עסן...

פערדהענדלער

שוין געוואָלט לעבן און זען די גבורות פון אים.

אַלטער מאַרכביין

ס׳קליינע מאַרכביינדל וואָלט זיי אויכעט צום קאָפּ געזען ; נישט נאָך, — אַז ס׳שטייט אים פאַר אַ הויז אויפן מאַרק צו קריגן.

חזירטרייבער

און נאָך וואָס פאַר אַ הויז ?

פערדהענדלער

היינט אַליין די ווענט אָפּגעקאַלכט.

חזירטרייבער

דעם שאַבער מיט אַ טאָטשקע אַרויסגעפירט.

פערדהענדלער

און אַזוי גיך ווי כ׳הער פון זיין מויל : אַז ס׳אי נאָך זיי, — מעג ער אַריינגיין דערין אפילו מיט כלי־זמרים...

זייגערמאַכער, מעלהענדלער

קומען ביידע אינאיינעם

אַזוי פאַרוואָרפן...

זייגערמאַכער

א שיינע ווייסע באָרד, איידל געזיכט, האַלט זיך ריין, רעדט קוים

איך צוויי מאָל אומגעקערט; אַ וועג, — אָנגעזעצט מיט הינט מער ווי מיט שטיינער; און מאַכט איינער אויף ס׳מויל, נעמען זיך אַלע גלייך רייסן...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

אַלטער מאַרכביין

קוקט זיך אַרום

געקומען גאַנצערהייט?... ס׳פעלט פון אייך גאָרנישט?...

זייגערמאַכער

אַ מערכה: אָנגעטראָפן אויפן מעלהענדלער, און מיט אים אויכעט גע־קאָנט זיין אַ בריה?...

מעלהענדלער

א דינער, מיט א שוואַרצע באָרד, איינגעמעלט פון קאָפּ ביז די פיס, בייז

אַ פשיקרע ייד! מורא אַליין צו גיין, און שרייט: כ׳זאָל מיך, למען השם, צו אים נישט צורירן; נאָר פונדערווייטנס...

זייגערמאַכער

בלויז מעל! וויניק ער גייט, טרייסלט ער זיך נאָך דערצו; מיט איט־לעכן טרייסל מאַכט ער אָן אַ ווינט, און פון מינדסטן ווינטל, — אַ שטויב מעל אויף די מלבושים. פוצט זיך.

מעלהענדלער

זעצט זיך צו

דאָס, — ס׳גאַנצע מעל וואָס כ׳האָב, אויף זיך; ס׳איבעריקע, די מענטשן פאַרלאָפן די מייז, און נאָכגיכער פון זיי עס צעשלעפּט; אַ קראָם מעל ביזן באַלקן, פיר איילן פון די ווענט, — זעק מעל!...

חזירטרייבער

און, נישט געבליבן שוין קיין לעק דערפון?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

וואָס ס׳זעט, אויף די מלבושים; מוז איך נאָך אַלע אויף דער נאַכט שטשעפּיען, כ׳זאָל האָבן דערפון פאַר די מייז; טאָמפּען אַרום אויפן קאָפּ, אַזוי ווי די פויערן מיט די שטיוול אויף אַ חתונה, אַז די ווענט שאָקלען זיך; און אַז כ׳זאָל נישט קאָנען מער גאָר דערפון אויסקראַצן, — נאָך אַליין מוזן ערגעץ גיין אָפּקויפן מעל פאַר זייערטוועגן, זיי זאָלן מיר ס׳הויז נישט צעלייגן...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

מ׳ווייסט; די אייגענע מייז, זיי וועלן נישט האָבן ביי דיר, — זיך גאָר נישט שעמען צו קומען צו מיר.

ז ײ ג ע ר מ אַ כ ע ר

און צו מיר אויכעט.

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

זיך וועלן צוכאַפּן צו אַ לעבעדיקן חזיר, און אָפּבייסן פונם אַ שטיק...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

מ׳הערט דאָס אָנקומען פון מילכיקן מיטן פליישיקן.

פ ל ײ ש י ק ע ר

ס׳האַק־מעסער בליצט, זיך קיין איינמאָל נישט אָנגערויטיקט דורך די גאַנצע וואָך...

מ י ל כ י ק ע ר

די קאַנען אָנגעריבן, זיי פינקלען נאָר.

פ ל ײ ש י ק ע ר

מ'רײַסט אַוועק אַ קעלבל בײַ אַן ערל.

מ י ל כ י ק ע ר

אַ שעפל מילך בײַ אַ גויע דאָרט...

פ ל ײ ש י ק ע ר

ס'אי קײן מילך נישט.

מ י ל כ י ק ע ר

קײן מילך נישט.

אָנגעקומען און אַוועקגעזעצט זיך, שטיל.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

קומט אַרויס

זיצן אַלע רויט
און טויט, —
וואו איז די מויד?
דער קלײנער?
די אַלטע
זיצט דערפרוירן,
און וואַרימט זיך אירע קאַלטע
אויערן,
ביים פלעמל
פון אַ מאָגער שפּענדל.

דערזעט דעם קלײנעם

אָ, קומט דאָס דאַרע הענדל!

באַווייזט אים

ווי קלײן ער איז, --
שלינגט ער אײן אַ האַלב טײַץ
זעמל, —
מיט אײן ביס.

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

ער רעדט פֿון היץ.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

אַזוי קליין?
נישט צו פֿאַרשטיין:
וואו ער טוט עס אַהין?

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

פֿון פֿריִער

קנייפּט אויס אַ לאָך אין ברויט,
פּילט אים אָן מיט וואָרים קרויט,
און פּטרט עס אַראָפּ מיט איין שלונג.

פּ ל ײ ש י ק ע ר

אַזאַ זולל וסובא פֿון אַ יונג?
אים בעסער געוואָלט קליידן
ווי שפּייזן.

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

יענער ברעכט שוין אייזן.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

די מוטער האָבן פֿונם
אַ גאָלדענע שטול אין גן-עדן.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

נו, באַווייז עפּעס וואָס דו קענסט,
און ווי דו ברענסט
אַ וועלט; ווילסט נישט עסן?
איז אויף אַן אַנדערן שטייגער,
און זען פֿון דיר אַ חכמה, —
דער עולם זאָל עטוואָס פֿאַרגעסן
דערין, ביז ער וועט קומען.
נעם דיך נאָכקרומען

ווי מ׳פירט אַרויס אַ פּגר
ביי זיי, —
אָן אַ ברעקל געשריי;
און ביי אונז, ס׳אי ווער טויט, —
ווי מ׳קריכט פון די הויט;
צי, נאָך אַזוינס און אַזעלכעס,
וועלכעס
דו ביסט אַ מזיק, —
און זיי אַ ביסל דערוואַרימען;
נישט קלעמען
אַזוי ביים פּיפּיק, —
שוין פאַרלוירן באַלד די קעפּ!

קליינע מאַרכביינדל
קלערט נאָך

פאַר זיי איבערקערן אַ פולע שעפּ
מיט וואַסער, ס׳זאָל זיך נישט אויסגיסן.

אַלטער מאַרכביין
אויב די חכמה גילט
נאָך, און איז נישט אויסגעשפּילט?

פליישיקער
שוין איינער פריער דאָס באַוויזן,
איינער פון צווישן די געפאַלענע ריזן,
וואָס האָבן זיך דאָ אַרומגעשלעפּט.

מילכיקער
און דאָס, שוין אויסגעוועפּט.

אַלטער מאַרכביין
נעם דיך ווידער שיסן
זעמל, אַ סוף;
הענג דיך, באין ברירה, אויף, —

אויף די גראָבע פינגער,
און ווערן דורכדעם יינגער
מיט אַ האַלבע שעה.

כאַפּט זיך

שאַ-שאַ! די אַלטע איז דאָ!

פאַרברענטע הדס
מיט אַ קופּקע אין האַנט

ווער ס'וועט געבן אַ צענער,
קריגן אַזוינע שפּענער,
וואָס וועלן שטענדיק ברענען,
און נישט ווערן פאַרברענט.

חזיר־טרייבער
און דאָס קאָנען גענעמען
מיט די הענט?

זייגערמאַכער
בלויז פאַר איין צענער?

פלייִשיקער
איך גיב צוויי.

מעלהענדלער
איך, דריי.

מילכיקער
און איך, מער פאַר זיי.

פאַרברענטע הדס
נעמט ס'געלט, און פאַרנאַרט זיי

איר זעט דעם אַלטן,
קאַלטן
גזלן? ווי ער גייט
און שטייט, —

אַוועקגעריסן מיט אַ קייט
אַ שטיינערנעם באַרג;
נעמט אַ דראָנג אויפן קאַרק,
און ביי יעדן עק,
פון ביידע לענגען, —
זיך ניין מענטשן ביי אים
מעגן אָנהענגען.

חזירטרייבער

ס'אַ שרעק!

פליישיקער

ס'קומט: נישט פון קיין תעניתים,
און פאַסטן.

אַלטער מאַרכביין

פאַרכאַפּט

כ'האָב ליגן ביי מיר אין קאַסטן
אַ ביציסקע; כ'זאָל איר געבן
אַ וואָרף, ווערט פון איר אַ שלאַנג, —
ניין און דרייסיק איילן לאַנג.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

אַלטער מאַרכביין

פון פריער

יעדער קענען איבערמעסטן,
פון קלענסטן ביזן גרעסטן,
און פאַר יעדן שטרייך, ס'וועט פעלן
צו די ניין און דרייסיק איילן, —
צאָל איך צען גראָשן.

מעלהענדלער

די חכמה איז שוין אַלט
און אויסגעדראָשן.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

האָב איך אַ היטל מיט זיבן שפּיצן,
אין יעדן שפּיץ, — זיבן בליצן,
אין יעדן בליץ, — זיבן אויגן,
אין יעדן אויג, — אַ רעגנבויגן
פון זיבן קאָלירן ;
אין יעדע קאָליר, —
אַן אָפענע טיר ; אין יעדע טיר, —
זיבן קעלבער ווי די בערן ;
און ביי יעדן קאַלב
אין מויל, — אַ גאָלדענע שוואַלב
מיט אַ בריליאַנטענעם שטערן.

אַ ל ע

גיבן זיך אַ וואָרף

וואו איז ס'היטל ?

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

דער פערדהענדלער, מוחל זיין,
פריער אָנטון דעם קיטל,
אַראָפּוואַרפן די שיך,
מיך טראָגן הין צוריק אויף זיך,
און אַלע שרייען :
אַ — האָ ! אַ — האָ ! אַ — האָ !

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

טוט אָן דעם קיטל, נעמט אים טראָגן אויף זיך

אוי, דער בויך !

אַ ל ע

שרייען

אַ — האָ ! אַ — האָ ! אַ — האָ !

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

נאָכדעם

וואו איז ס׳היטל ?

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

חכמים ? כאָטש אַזוי שרייען אַ גאַנצע שעה !

ע ט ל י כ ע

ס׳אי געגאַרעריי.

ז י י ג ע ר מ אַ כ ע ר

ווי איך פאַרשטיי,
האָט ער גאָרנישט צו ווייזן.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

נעמט זיי איין

ווער וויל זען
ווי כ׳צעברעך אַ שטיק אייזן,
אָדער צעבייס עס מיט די ציין ?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

ליגט בלויז איין גראָשן
אין די קופקע אַריין.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

פאַרמעסט זיך

אָקן, פּלאָקן,
טויזנט גלאָקן
ציטערן אויף דערשראָקן,
און נעמען קלינגען, —
ווען ס׳אייזן
ווערט צעשפּרינגען.

ע ט ל ע כ ע

אויף אַמאָל

— צעבראָכן.

— שטיקלעך דערפֿון געוואָרן.

ז ײ ג ע ר מ אַ כ ע ר

באַטראַכט אים

די קנאָכן
אין די הענט בײַ אים,
זענען נישט גלײַך, נישט קרום,
און ווי אויסגעבויגן.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

און די אויגן
געוואָרן שפּיציק,
אויסגעלאָשן.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

גייט מיט די קופּקע

אַ דרייער, אַ גראָשן!

פ ל ײ ש י ק ע ר

די האָר שאַרף און דין,
און ס׳פּנים מיט אַ גרין
פּייער.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

גייט מיט די קופּקע

אַ גראָשן, אַ דרייער!

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

לאָזט זיך הערן

פּראָשטשייטיע, גלאַזקי גאָלוביע,
פּראָשטשייטיע, נאַגלאַדניע מאָיע.

קומט אָן אַ באָרוויסער, אָנגעטון אין שפּאַנצער, הויז, ס׳היטל מיט אַ בלעך, די שווערד, שטאַרק געעלטערט.

אַלטער מאַרכביין

כאַפּט זיך מיטן אַרום

אויף יעדע יידישע שמחה מוזטו זיין, בערגטרייבער? גאַרנישט געבן גאָר צו טרינקען.

סטראַזשניק

נעמט אַרויס אַ פלעשל, טרינקט

געמיינט: כ׳וועל זיין דער ערשטער.

מעלהענדלער

אַלעמאָל אויפסלעצט.

איינקע

מיטאַמאָל

אַ סטראַזשניק צום טיש צו גיין.

סטראַזשניק

גיט אייך אָן אויף אַן אַנדערן, כ׳טויג נישט.

חזירטרייבער

זאָל גאָר די שטאָט אָפּציען נ׳אָטעם, איר אַראָפּנעמען דעם שטריק פונם האַלז, — ווי מ׳וועט אים שוין זען צו באַגראָבן.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

סטראַזשניק

קוקט זיך אַרום

אַזוי פיל מיילער, און כ׳האָב נישט מער ווי צוויי הענט, צוויי פיס, איין קאָפּ; אויף וועמען פריער עפּעס אָנקומען, — אַלע וועלן זיך וואַרפן אויף מיר?

חזירטרייבער

פאַר די חזירים מיינע, אויף איין אָנבייסן נישט געקלעקט.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

סטראַזשניק

הלוואי שיקט מען מיך אָפּ אַ לעבעדיקן אַהיים, ווי כ׳גיב זיי שוין די מי־נוט אָוועק די שווערד, ס׳היטל, און דאָס אָנטון וועמען זיי ווילן האָבן חשק...

אַלטער מאַרכביין

שוין דאָ שמאַרבן מיט אַלע אינאיינעם, אין די משפחה אויכציען די פיס און גלייכלייגן די ביינער.

סטראַזשניק

קאָן זיך נישט שטנקען

אוודאי; אַז כ׳וועל מיך גיין שטעלן מיט די גזלנים אין וואַלד, — מיך אויסטויגן; כ׳היט די שטאָט ביינאַכט: זיי זאָלן קאָנען שלאָפן במנוחה, און וויסן, — מ׳וועט זיי די בעביכעס נישט אַרויסטראָגן, ווייניק?

זייגערמאַכער

נישטאָ קיין גנבים אין שטאָט; מ׳מעג זיך גיין לייגן שלאָפן, און מ׳זאָל אָפן לאָזן די טירן...

סטראַזשניק

נישט קיין שטאָטישע, אָבער קעגן פרעמדע, — מיט וואָס זענען זיי באַ־וואָרנט...

זייגערמאַכער

מ׳ווייסט פון יעדן איינעם, וואָס קומט אַריינצופאָרן.

אַלטער מאַרכביין

נאָר איין שעה אָפן געלאָזט די טיר, — זיך שוין די זייגערלעך נישט מער געחברט מיטן, זאָג אים.

סטראַזשניק

דו פרעג מיך, אַלטער גזלן; דריי שליסער אויפן פרענט אָנגעהאָנגען, אַן אייזערנע טיר, און רוימט מיר איין אַ סוד אויפן אויער: גייסט ביי נאַכט אַרויס איבער די שטאָט, — האָב די אויגן אויף מיין פענסטער מיט זייגערלעך.

חזירטרײבער

נו?

זײגערמאַכער

נאָר וואו דען זאָל ער האָבן די אויגן? אויף דײנע חזירים? אַ חזיר איז נישט באַלד אַזאַ צדיק, — ס׳זאָל זיך לאָזן שטילערהייט אַוועקגנבענען.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

נישט אויסגעליידיקט בײ ר׳ זישין די שענק זײדענע שאַלן, — אים געלאָזט בײ די גאָלע ווענט?

פלײשיקער

באַ! גראָד געטראָפן דערנעבן... שטילערהייט אַליין די טיכער אַוועקגעפירט... דערנאָך אַרויסגענומען די שויב, און געמאַכט אַ געוואַלט: מ׳האָט אים באַגנבעט!... ר׳זאָל קאָנען אָנזעצן, און קיינעמען אַ גראָשן נישט געבן...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מילכיקער

אַזאַ שײנער ייד ווי ר׳ זישי?

סטראַזשניק

אַ שאָד געווען די שײב... און אַזוי ווי מ׳איז געגאַנגען זוכן אַ שלאַד פון די גנבים, — איר געפינען אונטערן קישן...

פלײשיקער

און געזען: ר׳האָט זיך אַליין ס׳היטל פונם קאָפּ אַראָפּגעגנבעט.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

אויף מיינע אַלטע ביינער נאָך טראָגן אַ שטאַט? איר אַוועקגעגעבן פופציק יאָר פון מיין לעבן; געטריי געדינט ווי אַ הונט; אַריינגעשפּאַרט וואו אַ געשלעג; אָפּגעהיטן יעדן וועג; און אויף ירידים זיך אוודאי אָן מיר נישט געקאָנט באַגיין... און נאָך אַלעם זיך אַוועקגעזעצט אויף מיר בילן?... וואָס כ׳זאָל נישט טון, איז אויכעט צופיל... שוין געבראָכט נעמען מערטורע...

ז יי ג ע ר מ אַ כ ע ר

נעמט זיך איבער, ס׳קעסט-קינד; וואָרן, מ׳צאָלט דיר נישט?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

יאָרן, כ׳ווייס: ווי אַ גראָשן זעט אויס?

ע ט ל ע כ ע

ווער ווייסט דען יאָ?

מ י ל כ י ק ע ר

וויל זיין מער אויסגענומען פאַר אַלע.

ז יי ג ע ר מ אַ כ ע ר

מ׳גיט דיר נישט קיין געלט, איז עסן; אַ חילוק?

מ י ל כ י ק ע ר

אַ קוואַטירל מילך, יעדן טאָג.

פ ל יי ש י ק ע ר

גלאַט אַזוי פלייש וויל ער נישט; בעט זיך אויס: שפּאָנדרע גיבן; שפּיץ-ברוסט.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

אָן אַלעם אַריינגיין צום מילכיקן, מיר אויכעט ס׳קוואַטירל מילך נישט פאַרזאָגן; דער פליישיקער אַ שטיקל פלייש, — כ׳זאָל אַפילו די שווערד נישט טראָגן...

אַלטער מאַרכביין

אַ שווערד טראָגט ער? אַ שטיק האָלץ!

סטראַזשניק

פֿאַלט אָן אויף אים

און אין אַלעם ביסטו מיר שולדיק, הינטישע לעבער; מיר איינגערעדט:
אַ פעטע מדינה, אַ דרייער, — אַ קוואַטירל אָקעוויט; אַ גילדן, — אַ
גאַנז; מ׳קריגט פאַר אַ פרוטה אַ לעבערל...

אַלטער מאַרכביין

מיך אפשר געכאַפּט ביי אַ ליגן?

סטראַזשניק

און געלאָזט צורעדן... אַליין געגאַנגען בעטן: מ׳זאָל מיך אַראָפשיקן
אַהער פאַר אַ סטראַזשניק... אַצינד שוין אַלע ציין פון מויל אַרויסגע-
יואָרפן... די האָר ווייס, ווי פריש געפאַלענער שניי... קוק דעם טויט אין
די אויגן...

אַלטער מאַרכביין

און, שוין מוחל ס׳גוטס?

סטראַזשניק

פון פריער

זיבעציק יאָר, און ס׳זאָל עמעצן דאָרט איינפאַלן אַ קוק צו טון: צי
כ׳לעב? אָדער ליג נישט אונטער אַ באַרג ערד, און ס׳וואַקסט אויף מיר
גראָז?...

אַלטער מאַרכביין

האָבן נישט מער קיינעמען אויפן קאָפ, נאָר מיט דיר זיך אַרומצוטראָגן?

סטראַזשניק

אויף די קני, קלאַפט זיך אין האַרץ אַריין

געפרעסן לעבערלעך, און צומאָלט אין צערקווע נישט געדענקט אַריינ-
צושמעקן; בראָנפן געטרונקען, און קיין גלח פאַר די אויגן נישט אָנגע-
קוקט; אַלץ איז געווען דער פרעס; געדינט צום בויך: נאָך אַ טאָג
מייערן! אַ זאַק קרויט! אַזוי הויך מיט חזיר אים אָנלייגן!...

חזירטרײַבער

זיי לעבעדיקערהייט מיט די אויגן געשלונגען...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

סטראַזשניק

פון פריער

און נאָך מיין טויט, זיך די ביינער פאַרדאָס אַרומוואַלגערן אויף די מיסטן; נישט זיין וואו זיי צו באַהאַלטן...

אַלטער מאַרכבײַן

זיך לאָזן דאָס טון, וואָס איך וואָלט מיר קלײנערהייט נישט געלאָזט טון, — דיר צוטיילן פיר איילן ערד הינטער די מויער, וואו מ׳וועט מיך לייגן...

סטראַזשניק

פון פריער

אויסגעריסן אַ בוים פון אַזאַ פעטע ערד, אַ יונגן בוים פון צווישן אַזוי פיל שיינע ביימער; אַ פעטער וואַסיל מיט אַ בייכל, — פון דער מאַטעריי; אַ ברודער פיאָטר, — אַ גבור; אַ שוועסטער מאַרי, אַ רויטע, — נאָך אין מיין צייט זיך צו איר געשדכנט דער אוראַדניק...

אַלטער מאַרכבײַן

אויפמישן יענע, וואָס האָבן געלעבט, — זענען אַ סך מער לייטישערע מענטשן געווען, ווי די, וואָס האָסט אויפן צעטל.

סטראַזשניק

פון פריער

אַ ברודערנזון, מיכאַיל, — אַ געשטופלטער, לעכער אין פנים, נאָר אַ גוטער; מיט אַ לאַנגע ברייטע באָרד, ווי דער רבי דאָ האָט; נאָך דענסטמאָל אויפן געזאָגט: ר׳וועט זיין אַ גלח, און אפשר גאָר אַ פּאָפּ; און יעדעס מאָל, כ׳קוק אויפן רבין, — וויל איך אים אַרומכאַפּן קושן, אַזוי ווי ר׳וואָלט געווען מיין ברודערנזון מיכאַיל מיט די באָרד, וואָס איז געוואָרן אַ גלח, און אפשר גאָר אַ פּאָפּ...

ק ל יי נ ע מ אַ ר כ ב יי נ ד ל
וואָס רייט אויפן שלאַגבאַן, שרייט אויס

ער גייט!

אַ ל ע
גיבן זיך אַ צאַפּל

אַ לעבעדיקער?

ק ל יי נ ע מ אַ ר כ ב יי נ ד ל
טאַנצט אַרום

ס'אי די שוואַרצע פּערל! די שוואַרצע פּערל! די שוואַרצע פּערל!

ד י מ ו י ד
קומט אָן

אַ האַלבע שטאָט וואַרט אים שוין אָפּ.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן
גיט אַ יאָג דעם קליינעם

ליג איינגעלייגט.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

מעג צאַפּן ס'בלוט, אַז ר'קאָן.

ח ז י ר ט ר יי ב ע ר

אַ שיין געלעכטער.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס
קומט אַרויס איר אַנטקעגן

עפּעס געברענגט צו קאָכן פאַר אים, עסן?

ד י מ ו י ד

אַ מיקערל מיט קעלבערנע פיסלעך.

ק ל יי נ ע מ אַ ר כ ב יי נ ד ל
טאַנצט אַרום

מיר די שטרודלקעס!

אַלטער מאַרכבײַן

װאַרימע באָבע־דזשאַדע מיט מילך אים בעסער געמאַכט, אָנצוטרינקען ;
אַ קרופּניק מיט אַ פעטן ביין...

פאַרברענטע הדס

אַ שטיקל רויט פלייש, געגומען.

פליישיקער

דריי טעג װי די שטאָט לעבט װי אין מיטן די ביין טעג, און װילן זיך אויסביטן קאָפפלייש ; כ׳װייס נישט, װאו זי האָט דאָס ערגעץ געקאָנט אויסקראַצן ?...

די מויד
אָפּ מיט די פאַרברענטע הדס

פון אונטער דרערד.

פליישיקער

ס׳דרויב ליגט שוין הייגט נאָך טיפער װי אונטער דרערד.

מעלהענדלער
איינגעהאַלטן

גרייטן שוין פאַרן אַ מאָלצייט.

אַלטער מאַרכבײַן

עסן גייט נישט פאַר קיין טאַנץ ; געהייסן קאָכן װיעטשערע אַזוי װי יעדן טאָג, גאָרנישט אַנדערש.

קליינע מאַרכביינדל
שרייט אויס

אַ פור !

אַלע
גיבן זיך אַ װאָרף

— אויף פיר רעדער ?
— און מיט פערד ?

זייגערמאַכער

קוקט דורך די ברילן

זאָל שוין קאָנען אַריינקומען ?

מעלהענדלער

מוז דאָך דער וועג זיין אָפן !

ס'קומט אָן אַ פור מיט יידן, ווייבער, פון צווישן וועלכע עס קריכט אַראָפ דער ווייַנשענקער און דאָס שניידערל.

ס'שניידערל

אַ קליין דאַר יידעלע, זייער פראָסט און משוגע פרום

ס'ביסל יידן האָט זיך אַ לאָז געטון מיט אַלע וועגן ; די גאַנצע שטאָט גייט אַהער : ווער צופיס, און ווער ס'קאָן כאַפּט זיך מיט פורן...

מעלהענדלער

מיט אַ נאָז

געמיינט : אַ פויעריש וועגעלע פירט אַ זעקל תבואה אין די מיל אַריין...

פליישיקער

מיט אים

אַ קעלבל אויפן מאַרק אַרויף.

ס'שניידערל

מ'ווייסט נאָך גאָר גישט, ווי ער האָט אָפּגעשניטן ?

זייגערמאַכער

מ'זיצט און מ'קוקט אין הימל אַריין.

ווייַנשענקער

אַ געלער ייד, אַ גרויסער ליגנער, בלויז גנב

ווען איז ער אַרויס ?

אַלטער מאַרכביין

די הענער האָבן נאָך געקרייעט אויף טאָג.

װײַנשענקער

שוין באַדאַרפֿט דאָ זײַן צוריק.

סטראַזשניק

ס'גייט בײַ אים װי געשמירט.

ס'שנײַדערל

צעטראָגן

ייִדן, געװאַלט, ייִדן! װאָס שלאָפֿט מע?

פֿלײַשיקער

װער זאָגט דיר, אַז מ'שלאָפֿט? זעסט נישט: מ'איז אױף?

ס'שנײַדערל

מ'ברויך מרעיש עולמות זײַן, די װעלט אײַנלייגן...

חזירטרײַבער

נישט מײַנע הײַזער.

ס'שנײַדערל

די הימלען שפּאַלטן, אַלע מלאכים אױף די ערד אַראָפּברענגען; די אבות אױפֿװעקן, און אױף די פֿיס אַװעקשטעלן...

פֿערדהענדלער

אױ, דער בױך!

ס'שנײַדערל

טאָמער, חלילה, קומט ער צוריק מיט די ליידיקע הענט? אָדער גאָר אײַנגאַנצן אים מער נישט צוריקזען קיין לעבעדיקן?

פֿערדהענדלער

אױ, דער בױך!

סטראַזשניק

ברױכן אױסגיסן ס'עסן, װאָס מ'גרייט פֿאַרן אָן.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

איך, אַוועקפּגרן ביי די פערד.

ח ז י ר ט ר יי ב ע ר

מיך די חזירים אויפּעסן.

ס׳ ש נ יי ד ע ר ל

אַ שטאָט לעבעדיקע נפשות אָנגעכאַפּט ביים האַלז, ווי לאַנג וועט זי דאָס אַזוי קאָנען אָנטרייבן ? ?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך !

ס׳ ש נ יי ד ע ר ל

זיך אויפגעקליבן, קיין נ׳האָרע, איינער ביים אַנדערן, — די קעפּ פון די שטאָט : ר׳ משה מרדכי טרעלבויך, פערדהענדלער !

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

חזירטרייבער.

ח ז י ר ט ר יי ב ע ר

מעלהענדלער.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

פליישיקער.

פ ל יי ש י ק ע ר

מילכיקער.

מ י ל כ י ק ע ר

ויינשענקער.

וו יי נ ש ע נ ק ע ר

וייגערמאַכער.

ס׳ שנ ײ דער ל

אויב ס׳זאָל נאָך הלילה, אויפגעלייגט זיין לענגער צו בלייבן ביי די גזלנים אין די הענט, איז שוין מאָרגן נישטאָ...

מעלהענדלער

נישט, קיין מעל.

פליישיקער

נישט, קיין פלייש.

מילכיקער

נישט, קיין מילך.

ווײנשענקער

נישט, קיין לעק בראָנפן.

זײגערמאַכער

זאָל זיך דער סטראַזשניק זאָרגן.

ס׳ שנ ײ דער ל

ערגער: דער אַפטייקער האָט געלאָזט וויסן, ר׳האָט נישט גענוג קיין רפואות; גאָרטשיצע איז אויסגעגאַנגען; איין שפּאַנישע פליג; ברעכווײן אויף געציילטע טעג; רעבאַרבערע אויפן שפּיץ-מעסער; ריצינאייל האָט שוין אַ ברירה מער נישט צו זיין...

ווײנשענקער

וואָס האָבן זיי זיך אַזוי צוגעכאַפּט צום ריצינאייל, ווי די שיכורים צום גלעזל?...

חזירטרײבער

צופיל אויפגעזונגען פאַרן וויין, דיינעם.

דער צדיק

קומט [illegible]יס פון שטאַל

יידן, נאַראָנים! ברעכן זיך די קעפּ, און מיינען: די וועלט גייט אונטער מיט די גזלנים...

אלע
אויף די פיס
דער רבי ר׳ הלל!

סשניידערל
צעטומעלט
דריי וואָכן ווי ס׳אי נישט אַריינגעקומען קיין נפש חיה; ווי אַזוי, רבי,
קומט איר אַהער?

דער צדיק
מיטן ווינט; דער ווינט האָט מיך אַהערגעבראַכט.

סשניידערל
די גזלנים ליגן אויף די שטאָט, און היטן איר אָפּ יעדן טריט, רבי.

דער צדיק
געבראַכט קומען, איז נישט געווען קיין תירוץ, — גזלנים.

סשניידערל
געלויבט השם יתברך, נישט זיין אַליין; אַזוי: די שטאָט לעבט, איז
אויכעט געבוג שווער אויסצוקומען אָן אַ גוטן ייד; מכּל־שכּן, — ס׳גיט
זיך אַזוי אַ מאַך?...

דער צדיק
זיך איינגעשטעלט ס׳לעבן מיט יעדן טריט, ווייל די שטאָט בלוט;
און די יידן, האָב איך געוואוסט: איז זייער נישט גוט...

סשניידערל
דער רבי ברויך נאָר בעטן: דער יונגער מאַרכבֿיין זאָל ריכטן, — שוין
זיין צוריק שטאָט...

דער צדיק
און אַז ער וועט שוין ריכטן, און בייקומען די גזלנים?

י י ד ן

פֿרום

— איין קלייניקייט.

— מ׳ברויך גאָרנישט מער.

— גענוג און איבעריק.

ד ע ר צ ד י ק

און ווי אַזוי זיך העלפֿן מיט די מייז, איר האָט זיי פֿיל אין די טעפּ?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

פ ל י י ש י ק ע ר

טאַקע נישט אויסצוהאַלטן פֿון זיי.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

טוען אָן אַ מינוט צום טויט.

ו ו י י נ ש ע נ ק ע ר

לויפֿן אַרום פֿרעַנק און פֿריי איבערן מאַרק פֿאַר יעדן איינעם אין די אויגן, און רייסן אַרויס ס׳ביסן פֿון מויל.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

מ׳טאָר נישט טראָגן קיין ברויט אָפֿן איבער די גאַס, זיי זאָלן זען, — נאָר הינטער די פּאָלע; אַנישט, איז מע איינגעשטעלט מיטן לעבן...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

זאָל מע נאָר דערלעבן צו הערן: ס׳אי נאָך זיי, — ווי מ׳וועט זיך מיט די מייז אויכעט אַן עצה געבן...

ד ע ר צ ד י ק

שוין אַפילו די מייז אויכעט בייקומען, — מיט וואָס זיך פּאַרהיטן פון א היישעריק, אַ טאָטער, אַ שוואַרצן פּיפּערנאָטער?...

ס׳ ש נ יי ד ע ר ל

צעטומעלט

רבי, וואָס רעדט איר?

ד ע ר צ ד י ק

אַ בלינדער זעט דאָך: די גזלנים זענען ס׳אייגענע וואָס די מייז; אָדער גאָר איינגאַנצן קיין מייז נישט, קיין גזלנים נישט, נאָר מכות...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד ע ר צ ד י ק

די שטאָט ברויך געשלאָגן ווערן מיט מכות, איז אַ חילוק: צי דיי באַשטייען אין גזלנים, מייז, צרעת, צפרדעים?...

ס׳ ש נ יי ד ע ר ל

יידן, וואָס טוט זיך דאָ?

ח ז י ר ט ר יי ב ע ר

דו הערסט דאָך.

ס׳ ש נ יי ד ע ר ל

כ׳ווייס נישט וואָס כ׳הער.

ד ע ר צ ד י ק

ס׳אַ קללה.

אַ ל ע

אַ קללה?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ס׳שנײדערל

עפּעס אָנגעשיקט אַ קללה אויף די שטאָט, זי זאָל געשלאָגן ווערן מיט מכות?

זײגערמאַכער

און נאָך אַ שטאָט, וואָס האָט נישט אויף זיך דעם מינדסטן פלעק...

מעלהענדלער

נישט, מ׳גזלט נישט.

פלײשיקער

נישט, מ׳ראַבירט נישט.

מעלהענדלער

נישט, מ׳גיט אַ פאַלשע וואָג.

מילכיקער

אַ פאַלשע מאָס.

פערדהענדלער

מ׳לאָזט נישט צו קײן אַלטע מײדן; מ׳זעט באַלד אַרומצודרײען, — זי זאָלן נישט דערלעבן אַלט צו ווערן...

ס׳שנײדערל

ווײבער היטן אָפּ טבילה צו שקיעה, און האַלטן פרום צוגעדעקט די לײַבער...

פלײשיקער

טיקערינס שנײַדן די נעגל ביזן בלוט.

מעלהענדלער

גאַלערקעס שערן די קעפּ, ווי די וואָל בײַ שעפּסן.

פלײשיקער

דער שוחט איז זיך טובל דרײַ מאָל, אײדער ר׳גײט צו שעכטן אַ בהמה.

מילכיקער

די מילכיקע קאָנען ביי מיר זײַן נישט אָן קיין פליישיקע טעם, א גאַנץ קיילעכדיק יאָר.

ווײַנשענקער

נאָך קיינמאָל נישט פארקויפט קיין ווײַן, וואָס אַן ערל האָט אויפן געקוקט, — פאַר יין של קדוש נר הבדלה.

זייגערמאַכער

אַן אָפגעהיטענע שטאָט, אַ כשרע.

ס'שנײַדערל

מ'קאָן איר צדורכקוקן און זען ס'לויטערקייט ווי אויף די זון, דורך אַ שטיקל גלאָז...

קליינע מאַרכבײַנדל

וואָס איז צרויכגעקראָכן אויף אַ בוים, היטן דעם וועג, — שרייט אויס

ר'אי דאָ!

אַלע

שטעלן זיך גלייך אויף די פיס

יונגער מאַרכבײַן

שטייט פאַר זיי מיט אַ זאַק אויף די פלייצעס.

חזירטרײַבער

שטיל

טויט אונטער די אויערן.

מעלהענדלער

שטיל

ס'פנים — ווייס מעל.

מילכיקער

שטיל

ס'בלוט איז אינם געזעצט, ווי איבערגעשטאַנענע זויערע מילך.

פ ל י י ש י ק ע ר

שטיל

די ליפן — בלאָ ווי מילך.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ז

גיט נאָך אַ ווײַלע, ווי אַ שנײדיק שמייכעלע שפּילט בײַ אים אויפן פּנים, — אַ נעם אַרויס פון די האָר עטלעכע קעמפונם זאַק, און טוט זיי אַ שליי- דער צו זייערע פיס.

אַ ל ע

צעטומעלט

פון די גזלנים ?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך !

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

גיט זיך אַ וואָרף אים אַנטקעגן ס'היטל

דו ביסט עס מער ווערט פאַר מיר, צו טראָגן.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

מאַכט אים אַוועק

אַ טרונק וואַסער, שוואַרצע.

ד י מ ו י ד

אויפגערוימט

זיי נאָך געברענגט די קעפּ צו ווייזן.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

אים אַזוי אויכעט געגלייבט.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

פאַרן קליינעם, ר'זאָל זיך האָבן מיט וואָס צו פאַרנעמען...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אָנגעטרונקען

כ׳גײ אַדורך פֿאַרטאָגט דעם װאַלד: אײנמאָל, נאָכאַמאָל, און כ׳הער נישט מער װי די פֿײגל; כ׳זע נישט קײן גזלן פֿאַר די אױגן; כאַטש נעם און שטעל דיך אַװעק אין מיטן צװישן די בײמער, און שרײ געװאַלט: מ׳זאָל מיך קומען באַרױבן...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אױ, דער בוי־ך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

געזען די גזלנים האָבן מיך אין אַרבל, אַװעק צו אַ פֿױער אױפֿן דאָרף, בײ אים גענומען פֿערד און װאָגן, און אַרײַן װי אַ דונער אין װאַלד בײמער: „גיכער, אַנטלױף, — מ׳װעט מיר דאָ דעם קאָפּ אָפּשנײַדן!...״ און אַזױערנאָך זײַ אַרױסגעקריגן... געהערט דאָס געשרײ פֿון די רעדער, קנאַקן פֿון די בײטש, און געמײנט: די אמתע סוחרים װילן זיך דאָ אַדורכשװאַרצן... כ׳גיב אַ קוק: צװײ בחורים קריכן מיר גלײַך אין פּנים אַרײַן, די מעססערס שנײַדן שױן די אױגן, — קלער איך נישט קײן סך, און גיב אײנעם גלײַך אַ בריקע אין בױך, אַז כ׳האָב אים דערנאָך געמוזט אַרױסזוכן צװישן די קזשאַקעס, װאו ר׳איז מיר פֿאַרפֿאַלן געװאָרן, און געפֿליגן אַ טױטער; און נאָך אײדער דער אַנדערער האָט געקאָנט צוזען װי כ׳האָב יענעמען געבענדיקט, — איז שױן זײַן קאָפּ געלעגן בײ מיר אױפֿן װאָגן...

ד י מ ו י ד

פֿאַלט אים אַרײַן מיט אַ הילך

ביסט אַ יונג, כ׳זאָל אַזױ לעבן.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

גענוג שטאַרק פֿאַר דיר, שװאַרצע?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

אסור, געװאַלט קריגן אַ פּאַטש פּונם.

אַלטער מאַרכביין

בײַ מיר קיין שום קלער נישט געווען, אַז ר'וועט זיי גלייך לייגן; אָבער אויף איין פוס, — זיך אַפילו זייגע זיידעס, וואָס זענען אַ קליין ביסל שטאַרקער געווען פאַר אים, נישט געקאָנט איינרעדן...

ס'שניידערל

פאַרגלאָצט די אויגן

אין זכות פון די שטאָט, איר באַשערט געווען צו בלייבן לעבן.

פערדהענדלער

קומט אַרויס

ס'הויז שטייט גרייט אויפן מאַרק׳

אַלטער מאַרכביין, פאַרברענטע הדס

נעמען זיך ביידע פאַר די הענט, גייען אַ טענצל

טאַקע אויף די עלטער,
אָבער גאָרנישט קעלטער.

פערדהענדלער

מיט אַ גדולה

שוין קאָנען פירן פערד, ס'וועט גיין אַ רויך.

חזירטרייבער

מיט אים

און חזירים טרייבן.

מעלהענדלער

מיט זיי

ברויט באַקן.

מילכיקער

זיך באָדן אין מילך.

פליישיקער

פרעסן פלייש צעזעצטערהייט.

ווײנשענקער

און אויף שמחות, מיך אויכעט נישט פֿאַרגעסן צו נעמען אין מויל אַרײַן.

אַלע אָפּ.

קלײנע מאַרכבײנדל

קומט אַרויס מיט אַן אָנגעגליטן שפּיז

וואו זענען די קעפּ?

סטראַזשניק

וואָס ווילסטו פֿון די קעפּ?

קלײנע מאַרכבײנדל

זײ אויסבּרענען די אויגן.

אַלטער מאַרכבײן

ביטע! זײ אויפֿהענגען אויפֿן שלאַגבּאַן, און קאָנען צוזען זײער בּראָך: ווי ס׳קומען אַרײַן פֿורן צו פֿאָרן.

סטראַזשניק

נעמט אים אַוועק די שפּיז

אַ קלײן ײנגל טאָר זיך נישט שפּילן מיט קײן פֿײַער...

אַלטער מאַרכבײן

פּלוצלינג

הע? אַ קאָפּ פֿון אַ הונט גאָר? אַ הונט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ גזלן, אָדער אַ גזלן אויף זיך געהאַט אַ קאָפּ פֿון אַ הונט?

יונגער מאַרכבײן

אויפֿגערוימט

כ׳טראָג אַהײם די צװײ קעפּ אין זאַק, לויפֿט מיר אַרויס אַנטקעגן אַ הונט פֿונם הויף, — דערשמעקט פֿלײש, און זיך אָנגעלײגט אויף מיר. כ׳זאָל זײ אים אַוועקגעבּן... ער איז בּילכער... כ׳פּרוּװ מיט גוטן, מיט בּײזן, כ׳זע אָבּער: ער פֿאַרשאַרצט די ליפּן, װײַזט מיר די צײן װי אַ װאָלף, און כ קאָן נישט אַהין אָדער אַהער, קײן טריט שטעלן מער; אים געכאַפּט בּײם קאַרק, אָפּגעדרײט נ׳קאָפּ, און אַרײַן אין זאַק; און מיט יענע צװײ הינטישע קעפּ נאָך אַ דריטן געהאַט צו טראָגן...

די מויד
צעפלאַמט
ביסט ווערט אַ גלעט אין בעקל...

יונגער מאַרכביין
היציק
ס׳אי דיין גבורה, שוואַרצע.

פאַרברענטע הדס
קוממ אַרויס, האָט אַ שטיק פלייש אויפגעשטאָכן אויף אַ דראָט
אַ גראַפּקע, ווי דו האָסט ליב, — ס׳בלוט זאָל זיך פון איר גיסן...

יונגער מאַרכביין
נעמט בייסן פון איר שטיקער
אַז כ׳הער אויף צו זען בלוט, בין איך אויס מענטש!

די מויד
באַווייזן אַ קונצשטיק צו כאַפּן אַ הויז אויפן מאַרק, — מיט די בלויזע הענט.

יונגער מאַרכביין
לייגט זיך אַוועק
גיב מיר אַ ביס. נאָך אַ רגע כ׳פיל נישט... זי קושט אים הייסער אָן די ציין ?...

די מויד
דיך קישן מיט די ציין, ביי מיר פליען אין לופטן...

יונגער מאַרכביין
נישט פאַלן דיר אין קאָפּ אַריין.

די מויד
מיר בלויז פאַלן אויף אַ פוס, איז אויך נאָכן; בלייב איך אַ מויד מיט איין פוס...

יונגער מאַרכביין

גראַבט זיך איין אין איר

מיך קושן מיט די ציין, גיכער אַוועקפליען קיין באַגריע אויפן מאַרק, אָפּ-שניידן ביי די בעלי-עגלות די קעפּ...

די מויד

שוין לאַנג געמעגט ביי דיר ליגן אין דרערד.

יונגער מאַרכביין

בייס!

די מויד

פּייסט

טיף אין פליישׁ אַריין?

יונגער מאַרכביין

קורטשעט זיך

הער אויף, כ׳בין דאָך נישט פון שטיין.

קליינע מאַרכביינדל

שוין אַ גרויסער מאַרכביין!

יונגער מאַרכביין

גיט זי אַ וואָרף אַוועק

איינס, צוויי, דריי, וויפיל ציין זי האָט אין מויל, — זיי איבערגעלאָזט אויפן לייב.

די מויד

דורך טרערן

קושן מיט די ציין,
און ס׳זאָל אים נישט אָנגיין
קיין געוויין;
לעקן מיט די צונג, —
אַזאַ גזלן פון אַ יונג.

אַלטער מאַרכביין

רימפּעלט מיט אַ שטעקן אויף אַ בלעך

האַרציקע כּלה, ווייַן מיט אַ הייסע כּוונה;
דאָס איז אַ סימן: דער חתן האָט פֿאַר דיר אָנגעגרייט
די ריכטיקע מתּנה;
די מתּנה איז באַלייגט מיט גינגאָלד,
דאָס איז אַ סימן: אַז דער חתן האָט
די כּלה געוואָלט.

יונגער מאַרכביין

דיר אַ שנעל געטון?... נישט געקאָנט העלפֿן... אַז ס'באַפֿאַלט מיך, — מוז איך מיך שטילן מיט אַ קלאַפּ, נישט קיין חילוק: צי כ'גיב אים מיין אייגענע מאַמע... אַלע מאָל מוזן זיין דערויף אָנגעגרייט.. און ברויכן אונטערשטעלן די באַק... ווייַן נישט... פֿון דיר האָב איך ליב אָנצוקוקן.. זען צאַפּלען ווי לעבעדיקע קרעלן... שיס אַרויס אַ געלעכטער... הויך, דער וואַלד זאָל הילכן... די שאָלן אויף די ביימער פּלאַצן... שוין... שוין זאַט... פֿאַרמאַך מיר די אויגן... שלעף מיך איין... גלעט, גלעט מיט האַריקע הענט... באַוואַקסענע שטיקער פֿעל... ציסט אַרויף דיין קעצישע פֿעל... כע-כע.. קעץ קריכן מיר אַרום אויפֿן פּנים...

די מויד

קעציש

אַ וואוילע קאַץ, די שוואַרצע.

יונגער מאַרכביין

שווערע קעץ אויף אַ פֿאַרשלאָפֿן פּנים... גיט זיך אַ וואָרף ס'בלוט הייבט אָן זינגען... ס'בלוט פֿונם יונגן מאַרכביין זינגט, און כ'הער ווי שטיקער אייזן קרעכצן מיר אונטער די הענט; ביימער וויינען אויף זייערע יאָרן; מויערן, — צעקריכן זיך ווי שפּינוועבס; שטיינער ווערן צעשיט אויף זאַמד...

די מויד

רוקט זיך אוועק

די גבורה זיך אינם צעשפּילט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

טרעט מיך, טרעט מיך צו מיט די פיס... דערשטיק אַ ריז... ער רייסט זיך ביי מיר דורך אַלע שפּאַלטן, און מאַכט געוואַלטן...

ד י מ ו י ד

גיט זיך אַ שטעל אַוועק אויף אים

ביסט אַ לייב!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

ס'גאַנצע דאָרף איז איינגעשטעלט... אויסרייסן די שטיינער פונם פעלד... דיביימער צעקנייטשן... פון די גרעבסטע צווייגן ווערן אין מיינע הענט, בייטשן...

ד י מ ו י ד

גיט אַ כאַפּ דעם קליינעם

אים אויכעט אויסהאַלטן.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

דערציטערט

נאָך אַרויסקוועטשן די געדערים פון בויך...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

געמיטלעך

מ'קאָן אויפן אַרומרייטן מיט אַ וואָגן און אַ פּאָר פערד.

אויסברוך פון קולות ביי די דאָרפישע מיידן.

ק ר אַ נ ק אַ ר מ אַ ר כ ב י י ן

רייסט זיך דורך זיי אַדורך

מאַכן אַ ראָד, ער זאָל שטאַרקער זיין פון אייזן, – און אים אַדורכרייסן... בלייבט שטיין מיט אָפענע אויגן געשלאָגן די רוצחים!

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

אָפּגעדרייט לעבעדיקערהייט, די קעפּ.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק
שפּילט זיך מיט אים.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן
שטייף אויסגעצויגן, — גליט מיט די אויגן

קוקן אַראָפּ פונם שלאַגבאַן, און מוזן צוזען זייער בראָך: ווי כ׳וועל הייסן סוחרים אַריין און אַרויספאָרן פון שטאָט, מיט בריליאַנטן אויף די הענט...

פּ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס
אַרויסטראָגנדיק ס׳בעטגעוואַנט איינגעבינדן

נישט געוואָלט צולאָזן, מ׳זאָל אַרויס פון די בודע; אַלע מאָל: ר׳איז געגאַנגען פּאָר אַ גלעזל בראָנפן, אַ האָזנפעלכל, גוט געוועזן; אַצינד: אַז דאָס הויז אויפן מאַרק האָט צוגעוואונקן מיט אַן אייגל, — אים גע-בויערט אין קאָפּ ווי מיט אַן עגבער... אָפּ צוריק.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן
אים נישט מקנא מיט די גבורה זיינע.

ק ל יי נ ע מ אַ ר כ ב יי נ ד ל
מאַכט אַ נאָז

איילעם ביילעם, קוש אין צלם.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק
געטראָפן

שאַ-שאַ! דיר נאָך טריפה מאַכן ס׳מויל מיטן.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן
דיך סיי-ווי לייגן צווישן יידן אין דרערד אַריין, וואָס קריכסטו נאָך פון די הויט פאַרן?

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב יי ן
רעגירט אַרום, ווי ס׳וואָלט גאָר קיינמאָל נישט קיין טאַטן געהאַט...

יונגער מאַרכבֿיין

צוגעטוליעט צו די מויד

אַ יונג שטעלט זיך אַוועק ביים שלאַגבאַן, מיר נאָכקוקן; געווען אַ מייל אַוועק פון שטאָט, — מיך אַלץ די אויגן זיינע געשניטן ווי מיט מעסערס...

אַלטער מאַרכבֿיין

אים, יעקב-העשלען, אויכעט אַזוי נאָכגעקוקט, — ווען ר'איז אויפן יריד אַרויס...

קלײנע מאַרכבֿײנדל

רויטע אויגן, כ'זאָל אַזוי לעבן! אַמאָל געזען ביי אַ טויטן פוקס אַזוינע...

יונגער מאַרכבֿיין

אַרויס אין וועג אַ לייב, און זיך געפּילט אַזוי שטאַרק, אַז כ'וואָלט בע-קאָנט ביי לעבעדיקע אָקסן די קעפּ צעשפּאַלטן; מיר אונטערקומען לייבן, טיגריסן, העלפּאַנטן, — און זיי מיט די בלויזע הענט איינעם ביים אַנדערן אויף שטיקער צעריסן; נישט: זיינע אויגן, וואָס האָבן מיר נאָכ-געקוקט, און געשפּירט ווי ס'פּאַלן מיר אָפּ די כוחות, און כ'ווער געבונדן; מיין גבורה ווערט טונקל, אויסגעלאָשן, און גלייך ווי ביי יעדן איינעם די גזלנים הייבן אויף די מעסערס נישט איבער קיין מאַרכבֿיין, נאָר איבערן קאָפּ פון אַ פּראָסטן מענטש...

אַלטער מאַרכבֿיין

דיך אויכעט געוואָלט דערהרגענען, ווי ר'האָט יעקב-העשלען דערהרגעט.

יונגער מאַרכבֿיין

אַלע דערהרגעט ער; אַ פליג, און ברענגט אום לייבן. אָפּ מיט די מויד.

קראַנקער מאַרכבֿיין

לייגט זיך אַוועק אויף דר'ערד

די גבורה ברענגט זיי אום; די גבורה אַליין ברענגט זיי אום...

סטראַזשניק

פאַרקריכט זיך הינטערן שלאַגבאַן, פּיפּקעט

פאַרגעסן, ברידערל, ווי מ'פאַרגעסט אין אַ טויטן...

אַלטער מאַרכּביין

פֿון אוראַל אהערצו, איז ווי די ערד וואָלט צוגענומען; בלויז פֿאָרן האָט דאָך דיר גענומען אַ ווינטער מיט אַ האַלבן זומער.

פֿאַרברענטע הדס

קומט אַרויס, טראָגט אַ שטיק מעבל

אויף מיינע הענט ברויכן קומען ס׳גאַנצע הויז גראַטעס?

אַלטער מאַרכּביין

קלויבסט דיך שוין אַרויס?

פֿאַרברענטע הדס

וואַרטן ביז ר׳וועט חרטה קריגן, דער גראָבער טרעלבויך?

אַלטער מאַרכּביין

דער וועג איז אָפֿן; פֿורן וואָס זענען געבליבן שטעקן אין וועג, — האָבן געריירט, און אוודאי באַלד אָנהייבן אַריינצוקומען.

פֿאַרברענטע הדס

מ׳קאָן זיך דערמיט פֿאַרלאָזן אויפֿן קליינעם; אים אַוועקזעצן, — קיין לע-בעדיקער הונט נישט אַדורך, אָפּ מיט אים אין הויז.

קראַנקער מאַרכּביין

מאַכט משוגענע קונצן

אַז דער ווינט ברעכט צווייגן, הערט מע; דער רעגן פֿאַלט, זעט מע; און אַז אַ האַרץ ברעכט זיך און פֿאַלט איין, — זעט מע נישט, און מ׳הערט נישט...

סטראַזשניק

קלאָץ-קשיות האָב איך מער צו פֿרעגן: אַלמאַי, אַז אַ קאַץ גייט זיך אָפּקעצלען, פֿאַרקריכט זי זיך, און לייגט זיי אָן אויף אַ קופּע: פֿיר, פֿינף, אויף אַמאָל; און אַ ייִדענע גייט האָבן אַ קינד, איז ווייניק וואָס עמעץ מוז זיין דערביי, נאָר זי מאַכט נאָך פֿול מיט זיך די שטוב...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

שטעלט זיך אויפן קאָפּ

האָפּ, האָפּ, האָפּ,
דער הימל פּאַלט אַראָפּ.
די ערד הייבט זיך אויף,
כ׳בין שוין באַלד אַרויף, אַרויף.

ט ט ר אַ ז ש נ י ק

פּיפּקעט

פּראָשטשייטיע, גלאַזקי גאָלוביע.
פּראָשטשייטיע, נאַגלאַדניע מאָיע.

לאָזט אַראָפּ נ׳קאָפּ, דרעמלט איין.

דאָרפישע מיידן רוקן זיך אַרויס.

א ײ נ ע

אים אַוועקכאַפּן
און צעטראָגן.

צ װ ײ ט ע

ביי מיר אויפן האַרץ אויסטאָגן.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

שטייט אָנגעדראָלן

קיין איינע פון זיי נישט שווינען,
וואָס וועט אונטערקומען.

ד ר י ט ע

אַפילו ס׳ברומען
ביי אים, איז זיס און טייער.

פ י ר ט ע

געבן אַ לעק צום פייער
פון זיינע באַקן,
און באַשטיי צו ברעכן האַלז נ׳צאַקן.

דער צדיק

קומט אָן מיטן שניידערל, גיט אַ פּאַטש מיט אַ פּאַטשיילע

ס'זאָל ווערן פון זיי ווינט.

די מיידן

צעשפּרייטן זיך

ער איז זיס,
ער איז מיאוס,
און צעגייט אין יעדן גליד.

נעמען בילן.

ס'שניידערל

דערשראָקן

מיידן זאָלן בילן ווי הינט ?

קראַנקער מאַרכביין

צעטומלט

זיי היטן מיינע טריט.

דער צדיק

אים אַנקוקנדיק

אַ יונג מיט אַזאַ ווילדן קאָפּ...

ס'שניידערל

ווי קומט ער צו זיי דאָ אַראָפּ ?

דער צדיק

פון פריער

וואָס וואָלט געקאָנט : ר'זאָל וועלן, זיך פּאַרמעסטן מיטן גרעסטן, — קומט אָפּ די טעג מיט גאָרנישט ; האָט אַ הנאה פון ליגן אויפן גראָז, און שפּירן ווי אַ ווינטל גיט זיך אים אַ ברוגז איבערן פּנים, אומגערן אַ בלאָז.

קראַנקער מאַרכביין

רוקט אַריין ביידע חענט אינם מויל, גיט אַ פייף.

ד ע ר   צ ד י ק

אין ישיבה אַריין, קום!

ס׳ ש נ ײ ד ע ר ל

אַ מאַרכביין אין ישיבה? מיט אײדעלע קינדער? אַ שטיק האַרטע סוק־מאַנע צווישן זיידענע קליידער

ד ע ר   צ ד י ק

פון אַ מאַרכביין ברויך די שטאָט אויפגעריכט צו ווערן.

ס׳ ש נ ײ ד ע ר ל

דורך איין ברודער זיינעם, שוין באַוויזן אַ נס.

ד ע ר   צ ד י ק

און ער האָט מיך פאַרזידושט מיטן קאָפּ זיינעם; אַ ווילדן קאָפּ, אַ שאַרפן, וואָס צעשניידט מיטן קוק אַ געדיכטן וואָלקן, — די זון זאָל אָנהייבן שיינען...

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

רוקט אַריין ביידע פינגער אין מויל, גיט אַ פייף.

ס׳ ש נ ײ ד ע ר ל

דערשראָקן

ס׳בליצט אויפן הימל פון זיין פייפן... די וואָלקנס צעשפּרייטן זיך... כמאַרעס נעמען גיין...

ד ע ר   צ ד י ק

אָפּגייענדיק מיט אים

מיט דונערן און בליצן גייט ער אין ישובה אַריין, לערנען.

ס׳ ש נ ײ ד ע ר ל

נאָכגייענדיק, זאָגט מיט שרעק

השם ישמרנו, ומצילינו מכל אויבינו...

די דאָרפֿישע מיידן

גייען נאָך, ווי געוואָלט אים אָנקריגן אין זייערע הענט

מיט יעדן בליק
צינדט ער אונזער בלוט;
און פֿון יעדן קריץ,
פֿלאַמט אויף דאָס געמיט.

אַלטער מאַרכביין

טראָגט נאָכדעם אַרויס אַ שווערן גראַט, און לייגט אים אָפּ

ווייסט וואָס ס'קומט מיר אין קאָפּ אַריין, בערנטרייבער?

סטראַזשניק

כאַפּט זיך אויף

כ'ווייס, וואָס בײַ אַזאַ אַלטן נאַר קאָן זיך האָבן פֿאַרוואַלגערט אין קאָפּ?

אַלטער מאַרכביין

זײַ אַ חכם, און טרעף.

סטראַזשניק

וואָס וועט זײַן, אַז כ'וועל טרעפֿן?

אַלטער מאַרכביין

אַ קעלישעק בראָנפֿן.

סטראַזשניק

פֿאַרטראַכט

נישט, ס'קריט וואָס איז איבערגעזייצט?

אַלטער מאַרכביין

ניין.

סטראַזשניק

די אוגערקעס, וואָס מ'ברויך אָנשטעלן?

אַלטער מאַרכבײן

אויכעט נישט.

סטראַזשניק

אַוודאי ס׳חזירל, וואָס איז מיר אַוועקגעפגרט ?

אַלטער מאַרכבײן

דער קאָפּ דײַנער איז שוין אויסגעוועפּט, בערנטרײַבער.

סטראַזשניק

אויב נישט ס׳קרויט, נישט די אוגערקעס, ס׳חזיר, — מוז אוודאי זײַן דאָס שוואַרצע מײדל, וואָס איז געקראָכן אין די קאָשאַרן...

אַלטער מאַרכבײן

לאַכט

וואו ער איז פאַרפאָרן, כע־כע... אַזוי ווי מ׳קלויבט זיך מאָרגן אַריבער אויפן מאַרק, אין געשענקטן הויז אַרײַן, — שטאַרק חשק געהאַט דיך צו מאַכן ירשענען דעם שלאַגבאַן...

סטראַזשניק

שפּרינגט אויף

און דאָס האָסטו געוואָלט, זאָל איך טרעפן, — אַלטער גזלן ?...

אַלטער מאַרכבײן

אַ שאָד : דער וועג זאָל בלײַבן הפקר, און די פויערן קאָנען אַרײַנפאָרן בחנם ; דיך אַוועקזעצן און בלויז אַראָפּציִען דעם בעליק, אָנצינדן בײַ־נאַכט די רויטע לאַמטער, — קאָנען נעמען בײַ זײ קאָפּ־געלט פון די פערד...

סטראַזשניק

מיר נאָך באַשערט זײַן אַזאַ גליק, אויף די היגע ערד ? כאָטש איך קושן כ׳וואָלט געגאַנגען שווערן : האָסט נישט קײן ייִדישן אָדער אין זיך...

אַלטער מאַרכבײן

אויכעט עפּעס וועלן דערפון האָבן.

סטראַזשניק

זיך טיילן מיט יעדע פּרוטה.

פאַרברענטע הדס

מיטן קאָפּ אין פענסטער

זיך שוין צו אים צוגעקלעפּט?

סטראַזשניק

כ'לויף שוין אַהיים צו מיין ווייב... ווי אַזוי זאָגט מע דאָס איר?... זי וועט עס נישט איבערהאַלטן... זיך אויסציען און קריגן די פּלאַץ אויפן אָרט... אָפּ.

אַלטער מאַרכביין

פאַרציט דעם שטריק פון שלאַגבאַן, דער בעליק לאָזט זיך אַרונטער, — דער וועג בלייבט פאַרמאַכט; צינדט אָן די רויטע לאַמטער, און זאָגט אָן דעם קליינעם מאַרכביינדל

אַ דרייער אַ קאָפּ פון אַ פערד.

קליינע מאַרכביינדל

און אויב מיט צוויי קעפּ?

אַלטער מאַרכביין

צו אַ פערד מיט צוויי קעפּ, ס'וועט זיך דיר מאַכן, — זאָלסטו מיך קומען רופן... אָפּ.

קליינע מאַרכביינדל

גייט און חזרט זיך

אַ דרייער אַ קאָפּ פון אַ פערד.

מ'הערט דאָס אָנקומען פון וועגענער.

אַ בעל־עגלה

ווייזט זיך

כ'ברויך אַריינפאָרן.

קליינע מאַרכביינדל

מ'קאָן נישט אַצינד.

בעל-עגלה

כ'האָב מעל אויפן וואָגן; שטיי דריי וואָכן אין וועג, און נישט געקאָנט צוליב די גזלנים, — אַדורך דעם וואַלד; די שטאָט איז אָן ברויט...

קליינע מאַרכבינדל

אַזוי לאַנג געקאָנט באַגיין אָן דעריך, — נאָך אַ נאַכט קיין ברויט נישט האָבן...

אַ צווייטער

קומט אָן

בראָנפן אויפן וואָגן; די אַנטיליקלעך רונען אויס, — נישט קיין שפּייעכטס מער אין מויל, מיט וואָס זיי צו פאַרקלעפּן.

אַ דריטער

קומט אָן

הירזש, בלעך, נאָדלען, רייז, פעפער, באָבקע-בלעטער!

ערשטער

לאָזט נישט אַרייַנפאָרן, דער קליינער.

דריטער

נעמט זיך אויפהייבן דעם שלאַגבאַן

קוקן אויף אים, שיין לייט זיין.

קליינע מאַרכבינדל

פאַרוואַרפט אים

דער יונגער מאַרכביין שלאָפט; נישט לאָזן, די רעדער פון די פורן זאָלן אים אויפוועקן...

יענער

שטעלט זיך צוריק אויף די פיס

בייגעקומען יענע גזלנים, אַ נייער גזלן אויפגעשטאַנען.

ערשטער

פאַרייכערט

גאָרנישט אויסנעמען ביי אַ מאַרכביין.

צ ו ױ ט ע ר

פֿאַרײכערט

דער קלײנער איז שטאַרקער װי איך און דו, — אין גאַנצן לײב און לעבן...

ד ר י ט ע ר

פֿאַרײכערט

אַז ער הײסט שטײן, שטײט מע.

שטײען אַלע דרײ װי די פּלעקער, לאָזן װאָלקענעס רױך פֿון די מײלער.
ערגעץ טרילערט אַ פֿײגעלע. אָװנט-שטילקײט, און באַגילדטער זון-אונטערגאַנג.

ק ל ײ נ ע מ אַ ר כ ב ײ נ ד ל

גײט הין און צוריק, אַזוי אײגן װי פֿריער

אַ דרײער אַ קאָפּ פֿון אַ פֿערד.

פּ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אקט

אויפן מאַרק.

פאַרן האַלבן טאָג.

מ׳זעט כמעט אַלע הייזער וואו די בעלי־בתּים זיצן: דעם ווײַנשענ־
קערס שענק; מעלהענדלערס מעלהאַנדל; די יאַטקע פונם פליישיקן;
די מילכקראָם פון מילכיקן; דעם זייגערמאַכערס פענסטער זייגערלעך.
רעכטס: טרעלבוֹיכס הויז, חזירטרײַבערס הויז; אַקעגנאיבער: די שול.

א ייד

אויף די שוועל פון שול

דער יונג, זאָגט מע אינעווייניק, — האָט אַן עלוישן קאָפּ אויף זיך.

צווייטער

מיט אים

געוואוינט געווען צו הערן זאָגן: אַ מאַרכבֿיין האָט אַ פּאָר הענט, וואָס טויגן זיך אויס צו געבן אַ קלאַפּ; אָבער אַ קאָפּ, וואָס זאָל פֿאַרנעמען אַ בלאַט גמרא?

ערשטער

שוין לאַנג געזען אין אים אַן אַנדערן, נאָר ס'אי נישט געווען קיינער, ס'זאָל זיך אויפֿן אומקוקן; ערשט ווען די שטאָט איז אַרונטער אַפּוואַרטן דעם שטאַרקערן, — האָט דער רבי דערזען אַ גבור אינם שוואַכערן...

צווייטער

און נישט געקאָנט מער פֿונם אָרט אַוועק, ביז ר'האָט אים מיט זיך מיט־גענומען.

ערשטער

זיך בלויז אויסגעזען גראָב צו זיין; אָבער, ס'לערנען האָט זיך שוין פֿון פֿריער אין אים געריסן, — ווי ס'וואַסער אין אַ פֿאַרשטאָפּטן קוואַל...

קראַנקער מאַרכבֿיין

לאָזט זיך הערן מיט זיין לערנען פֿון שול.

אַלטער מאַרכבֿיין

קומט אָן, טראָגט ס'איינגעבונדענע בעטגעוואַנט אויף זיך

כ'ווייס נישט, וואו מ'לייגט דאָס דאָ אָפּ.

קליינע מאַרכבֿיינדל

קומט נאָך אים, טראָגט די קאָץ, פֿירט מיט זיך אַ הונט אויף אַ שטריקל

ביים גראָבן טרעלבויך אין הויז.

אַלטער מאַרכביין

וואָרן איין הויז האָט ער, דער גראָבער טרעלבויך?

קליינע מאַרכביינדל

וואָס שטייט אויפן מאַרק.

אַלטער מאַרכביין

אויפן מאַרק שטייען אַ סך הייזער, זייבע. הערט זיך איין צום לערנען פון די שיל גאָרנישט ס׳אייגענע קול ביי אים; וואָס די שול האָט פונם געמאַכט?

פאַרברענטע הדס

קומט אָן, אָנגעלאָדן און אַרומבאַהאָנגען פון קאָפּ ביז די פיס

געבליבן שטעקן אין מיטן?

אַלטער מאַרכביין

כ׳ווייס נישט וואו מ׳גייט.

פאַרברענטע הדס

דאָ לאָזט זיך די וועלט אויס?

אַלטער מאַרכביין

הערסט גאָרנישט: ווי דער זון דיינער לייגט איר איין, די וועלט?

פאַרברענטע הדס

האָרכט זיך איין

מיט אַזוי פיל געהאַט צו טון, כאָטש מיט איינעם האָבן געטראָפן...

אַלטער מאַרכביין

נישט געכאַפּט

זיך מיט עמעצן פאַרלאָפן?

פערדהענדלער

קומט פון הויז אַרויס

ברוך הבא! וואָס עפּעס אין דרויסן? גייטס אַריין! מער זיין אָנגעלייגט אייך צו האָבן אויפן מאַרק, ווי אויף די טאַרגאָווע.

אַלטער מאַרכבײַן

די מאַרכבײַנער שטייען שיין.

פאַרברענטע הדס

וואו איז דאָס, דאָס הויז?

פערדהענדלער

שטייט דאָך פאַר די אויגן, צוגלייך מיט אַלע בעל-הבתישע הייזער אין איין שורה; פון דער לינקע האַנט מיך האָבן פאַר אַ שכן; פון די רעכטע, — דער חזירטרײַבער.

אַלטער מאַרכבײַן

מיט יחוס האָט מיך שוין דער זיידע פאַרזאָרגט.

חזירטרײַבער

קומט אַרויס

האָבן קיין שלעכטן שכן אין מיר, כאָטש מ'האָט מיך איינגעוויגט נישט פאַר קיין גוטן מענטש; בייזע צונגער.

פערדהענדלער

פון פריער

אַקעגנאיבער: דער מעלהענדלער; אַ טריט אַהער, — דער פליישיקער; אַ טריט אַהין, — דער מילכיקער, זייגערמאַכער, ווײַנשענקער...

פאַרברענטע הדס

בלויז שמאַלץ.

אַלטער מאַרכבײַן

וואו מ'זאָל נישט וואַרפן אַ שטיין, אַלץ טרעפן אין אַ היימישן מענטש.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרײַבער

איבער אַ נאַכט געוואָרן היימיש, און געקומען וואַרפן שטיינער?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

הלוואי זיי זאָלן אַזוי קאָנען אויסקומען מיט אונז, ווי מיר וועלן שוין גאָר מיט זיי קיין טועכץ נישט האָבן...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

כ׳קאָן זאָגן פֿאַר מיר, פֿאַר איר, נאָר נישט פֿאַרן קלײנעם ; דאָס קלײנע ווי קלײן ס׳איז, — באַשטייט פֿאַר צען גרויסע...

ק ל י י נ ע מ אַ ר כ ב י י נ ד ל

נעמט אַדורכקריכן דורך אַ פענסטער

ביז זיי וועלן צווישן זיך אַדורכקומען, דערווייל אַרײנשטעקן די נאָז.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

דערצונדן

אַמאָל אַזוי אַרײנפֿאַלן, אַז מ׳וועט אים די האָר פֿון קאָפּ נישט אַרויסזען...

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

ס׳זאָל נישט זיין אין קיין וואַסער.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך !

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

האַלט אים

וואָס פֿאַר אַ שטיקל גייסטו שוין אָפּטון ?

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

וואָס פֿאַר אַ שטיקל ?

ק ל י י נ ע מ אַ ר כ ב י י נ ד ל

אָפּלאָזן די קאַץ.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

קאָן ער זי נישט אַרײנלאָזן דורכן פענסטער, און אַליין אַרײַנגיין דורך די טיר ?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

נאָך אין קיין שום הויז דורך אַ טיר נישט אַריינגעגאַנגען.

ק ל י י נ ע מ אַ ר כ ב ײ נ ד ל

פאַרוואָס זאָל איך נישט קאָנען גיין דורכן פענסטער?

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

נישט וואַקסן גרעסער.

ק ל י י נ ע מ אַ ר כ ב ײ נ ד ל

שטיין דערנאָך מיטן בלויזן קאָפּ, אונטער אַ רעגן. אַא.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אַ ממזר, אַ יונג?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

אַפילו נישט גרעסער ווערן, נאָר אַזוי בלייבן ווי ר׳איז, — פאַר זיי אַלץ געזונטער זיין, נישט צו האָבן מיט זיי צו טון...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

נאָך אַלץ אָנגעשראָקן

זיכער געמיינט, ער וויל עס אַריינגיין אונטערצינדן...

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

גיט זיך אַ צאַפּל

ס׳הויז?

פ ע ר ד ה ע נ ל ע ר

אוי, דער בויך!

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אַ רגע, און ס׳פייער זאָל זיך נעמען שפּאַרן מיטן רויך, דורך אַלע לעכער פונעם בוידעם...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

אַלטער מאַרכביין

איין כאַלופּע אויפן דאָרף מיטן פּייער אַוועקגעלאָזט?

חזירטרייבער

אויב ס'אי זיך דערמיט אויף אים צו ריכטן, – זעט מע דאָך שיין אויס...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

טרעלבויך, וואָס זאָגסטו?

פערדהענדלער

וואָרן, דער בויך לאָזט מיך עפּעס זאָגן?

חזירטרייבער

זיך גוט פאַרקאָפּעט מיט אים...

פערדהענדלער

זיי געבן נאָך אַ הויז, און זיך אפשר אָפּטראָגן צוריק מיטן, פון וואַנעט זיי האָבן אים געבראַנגט?...

אַלטער מאַרכביין

קלויב דיך אויף, הדסל, אין אַ מזלדיקע שעה, און מיטן רעכטן פוס.

פאַרברענטע הדס

צוריקגעהאַלטן

ס'ברענט?

אַלטער מאַרכביין

טאַקע דערפאַר, ווייל כ'וויל נישט ס'זאָל ברענען... מיט די קאַץ וויל ער זיי דאָך בלויז פאַרבלענדן די אויגן...

פערדהענדלער

גערוואַלט, וואָס שטייט איר?... כ׳קאָן נישט איינרוען: אַז דער קליינער איז אַליין דערמיט אין דרינען...

פאַרברענטע הדס

קוקט אַרום

אַ הויז?... ס׳זעט זיך מיר אויס אַ לעבעדיק גרוב צו זיין... כ׳שרעק מיך, דער באַלקן זאָל מיר אויפן קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן...

חזירטרייבער

אַז טרעלבויך גיט עס אַוועק, מיינט ער רייך: ר׳האָט געקריגן ווען, וואָס זאָל עס ביי אים וועלן נעמען...

פערדהענדלער

אַז אַ הונט כאַפּט אָן אַ חזיר, פאַרוואָס כאַפּט ער אים אָן ביים אויער?

חזירטרייבער

ווייל ר זאָגט אים; ער זאָל קיין חזיר נישט זיין, כע-כע...

פערדהענדלער

אַ בחנמדיק פערד קוקט מע נישט אין די ציין אַריין; דער חזירטרייבער זיך געגומען זאָגן חסרונות? געדן געזען: ס׳אַר וואַשנע פאַרגעבער ער איז...

חזירטרייבער

באַלד נישט צוגעזאָגט.

פערדהענדלער

גייט אויף מיר אָנרייצן די מאַרכביינער? גייט אַריין, זעט: אויב ס׳שמעקט נישט אַרויס פון איטלעכן ווינקעלע... ריינגעמאַכט, נישט ערגער ווי ערב פסח ביי אַ גוטן ייד... טירן-פענסטער, פאַריכט... דעם באַלקן אונטערגעהויבן... שייבן אַריינגעשטעלט...

פאַרברענטע הדס

און ס׳ווינט אַזוי דערפון אַראָפּ?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

בלויז דער אויוון וואָס רויכערט; און דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען לייבעלע גזלן, פאַר מיין גוטסקייט. וואָס כ'האָב אים געלאָזט זיצן יאָרן אָן אַ גראָשן געלט: נאַר, אַז ר'האָט מיט מיר געגומען צוליל אַרומרעגירן, און געלאָזט אַרויסשטעלן די זאַכן מיטן קאָמאָרניק, — מיר אָפּגעטון אַ שטיקל און באַגראָבן דעם אויוון, ער זאָל נישט וועלן ברענען; וואָס מ'ציינדט אונטער אַ שטיקל האָלץ, גייט דער גאַנצער רויך אויף די שטוב...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

ס'זאָל זיך אים דאָרט רויכערן פונם קאָפּ, וואו ער איז, לייבעלע גזלן.

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

דאָרט וואו ר'איז, זיך שוין לאַנג אויסגערויכערט...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

געברענגט צו נ'אים כישוף-מאַכער, מכשפות... און וואָס זיי האָבן נישט געטון?... אים אָנגעשפּראָכן נאָך די האַלבע נאַכט... פאַרברענט אינם אַן אָפּגעהאַקטן ווינדל פון אַ לעבעדיקע קאַץ... פעדערן פון אַ רויטן האָן... און ער איז אַלץ אין דרערד...

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

אים גוט צום קאָפּ געטון.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

קוים מיט צרות פון ערגעץ אויסגעקראַצט אַ שטיקל קוימענקערער, אים געקריגן מיט אַנגסטן און טויטשווייס; צוגעזאָגט נישט ערגער צו באַפרייקן ווי דעם פעלדשער, אַז ער גייט צו אַ קראַנקן; ליגט ער אַ אַ גאַנצן פרימאָרגן אין קוימען, און אַקערט מיט די נאָז...

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

רופט אין לופטן אַריין

האָל-ל-ל-ל-ד-רי!

פערדהענדלער

באַלד וויסן וואָס ס'הערט זיך.

קוימענקערער

(ווייזט זיך פון קוימען, איבערן דאַך)

שוין, מיט מזל, ברענען דער אויוון...

פערדהענדלער

דערגאַנגען וואָס ס'פעלט אים?

קוימענקערער

געהאַט אויסגעהאַקט אַ ציגל, און פאַרמויערט אַ לופט.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרײַבער

אַ בעלנות?

פאַרברענטע הדס

כ'וואָלט אים געהייסן די הענטלעך דערפאַר אָראָפּנעמען.

קלײנע מאַרכבײנדל

(אין אָפענעם פענסטער)

אַ רגע כ'האָב איר אָפּגעלאָזט, — שוין געכאַפּט אַ מויז.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך

פאַרברענטע הדס

נאָך איידער מ'האָט זיך אַרײַנגעקליבן, — האַלטן זיך שוין אינעווייניק אויף מייז?

פערדהענדלער

נישט בלויז אינעווייניק, — זיי זענען אומעטום, וואו מ'זאָל זיך נישט קערן; דער גאַנצער מאַרק מיט זיי כּול; נישט פאַראַן: זיי זאָלן זיין בײַ

מיר, און ביי אים, — נישט; גאַנץ מעגלעך: אַז די אייגענע מייז, וואָס מ'זעט זיי אַצינד ביי מיר, מע זאָל זיי דערנאָך זען ביי אַנדערע; יענע האָבן דען אַן אַנדער פּנים? זיי האָבן דעם גאַנצן מאַרק, אַלע הייזער, — גייען אַריין און אַרויס פון איינעם צום אַנדערן; די גאַנצע שטאָט איז זייער...

חזירטרייבער

אַלעמענס מייז.

קליינע מאַרכביינדל

אין פענסטער

זי איז אַזוי גרויס, די מויז! זיך נישט פריער געלאָזט כאַפּן, — איר צעביסן אַ פּיסל.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פאַרברענטע הדס

ס'אי דאָך נישט קיין מויז, נאָר אַן עכבר!

חזירטרייבער

אַ ביסעלע גרעסער, נו? מ'וואָלט אוודאי באַשטאַנען, זיי זאָלן זיין קלענער, — מ'האָט אַ ברירה? ביי אונז געקומען פרעגן, ווי גרויס, מ'וויל, — זיי זאָלן זיין!...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פאַרברענטע הדס

קאָנען זיך נאָך כאַפּן צו מיר, און מיך אָפּבייסן...

חזירטרייבער

אַז כ'זע: זיי נעמען מיר אַרומטאַנצן צוקאָפּנס פון בעט, נעם איך און וואַרף זיי צו אַ שטיוול; וואַרף זיי וואָס ס'קומט מיר אונטער די האַנט;

און אַז זיי האָבן קיין מורא נישט, — וועל איך מורא האָבן: מיך פאַר זיי אָפּשרעקן?

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

קומען אַרויסצוגיין צום טיש, אַז מ׳שטעלט אַרויף ס׳עסן, — ווי די קעץ, און כאַפּן אַראָפּ פון די טעלער.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

זיך ערגער פון זיי אָפּצוזאָגן ווי פון די גזלנים; מיט די גזלנים נאָך עפּעס געווען, ס׳זאָל אַרויסגיין מלחמה האַלטן; און מיט די מייז ווער וועט זיך גיין שטעלן?

אַלטער מאַרכביין

זיי אויף די טאָרגאָווע אויכעט נישט ווייניק געהאַט.

הזירטרייבער

וואָס וויל זי זיך ווידער דאָ אויסנעמען?

זייגערמאַכער

וואָס איז געזעסן הינטערן פענסטער זייגערלעך, קומט אַרויס

וואָס האָט מע, נעבעך, צו די מייז? אַז די קללה האָט זיי אָנגעברענגט, און יעדן אַזוי פאַרענגט, פאַרדרענגט...

יונגער מאַרכביין

קומט אָן

שוין, נאָכן הויז?

אַלטער מאַרכביין

דאָס קיינמאָל נישט געווען.

פערדהענלער

אוי, דער בויך!

פאַרברענטע הדס

קוק אָן אַ הויז, גראָז אויף דעם אָנגעוואַקסן.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכביין

האָבן אויסצוזעצן אויפן הויז?

פאַרברענטע הדס

אַ הויז, ס׳שיט זיך פּרוכנע דערפון.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

כ׳זאָל אַזוי לעבן: ווי נאָטע שמש קומט קריכן פון די ווענט, ר׳זאָל האָבן וואָס איינצושיטן די קינדער נאָכן ייִדישן...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פאַרברענטע הדס

אַן אייל הויך, שימל; לעכער אינם באַלקן, — צו קענען דורך זיי ביי-נאַכט אָנציילן די שטערן; כאַפּן אַ רעגן, — ברויכן האַלטן אַ שירם אויפ-געמאַכט איבערן קאָפּ, מ׳זאָל נישט אַוועקשווימען מיטן בעט...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פאַרברענטע הדס

אַ קללה אין אויוון; מ׳צינדט אונטער אַ שטיקל האָלץ, איז דער גאַנ-צער רויך אויף די שטוב.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

געהאָלפן געוואָרן דער אויוון.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אויסהערנדיק

אַזוי ? האָסטו גאָר פאַרשאַרצט די נאָז ? געמיינט : טרעלבויך האָט זיך פאַרדרייט ס׳הינטל.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

כ׳זאָל באַהיט ווערן פון אַ יונגן טויט.

ה ו י ר ט ר ײ ב ע ר

ער וועט שוין מיט קיין יונגן טויט נישט שטאַרבן.

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

וואָס האָסטו געוואָלט, ר׳זאָל זיך נאָך איבערגעמען דערמיט ? מיט וואָס ? כ׳זע שוין די גליקן, וואָס ער האָט אַלע יאָר דערפון געהאַט ; נישט מער געמיינט ווי צו פאַרבלענדן די אויגן : אַ הויז ! און גיין געהרגעט ווערן פאַר אים...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

זאָגט איר : ס׳אי קיין הויז נישט ?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

ס׳אי יאָ אַ הויז :

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

ס׳אי נישט ?

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

ס׳אי יאָ ?

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

מאַכט אַ סוף

טראָגט אַריין די זאַכן ! זאָל זיין אין אַ גרוב, אָן אַ ברעט אונטער די פיס, באַלקן איבערן קאָפּ, נאָר אויפן מאַרק ! און וויסן : כ׳בין דאָ אַרויס,

ווייל כ׳בין שטאַרק! אַ לײבֿ! קנעט אויס אײַזנס מיט די הענט! בײס שטאָל מיט די ציין! צעטרעט אַן אָקס מיט די פֿיס! לײג אַוועק אַ ביק מיט איין קלאַפּ! דערהערט דאָס לערנען פֿון קראַנקן מאַרכבֿיין, און בלײַבט דערציטערט.

פֿאַרברענטע הדס, אַלטער מאַרכבֿיין

טראָגן זיך אָפּ מיט אַלעמען

אַז ער זאָגט, איז נאָך ערגער ווי אַן אַנדערער שלאָגט...

יונגער מאַרכבֿיין

מורמעלט

מיך נישט לאָזן צערײַבן פֿון אים...

ס׳דערהערט זיך מיטאַמאָל שפּילן, און אַ האָרמע יידן מיט ווייבער, קינדער, קומען אָן אויפֿן מאַרק, צווישן וועלכע עס זענען דער מילכיקער, פֿליישיקער, מעלהענדלער, ווײַנשענקער, — יעדער איינער טראָגט, וואָס ער האָט צוגע־זאָגט צו ברענגען: מילך, פֿלייש, מעל און ווײַן.

בדחן

גראַמט

אויפֿגעשפּילט זאָל ווערן דעם גבור הגדול והנורא.
געבן קלעפּ איז הײַנט די גרעסטע תורה.
און לכּבֿוד די גבורה פֿון יונגן מאַרכבֿיין
אויפֿרופֿן דעם מילכיקן אַליין, —
ער זאָל אים מהנה זײַן.

מילכיקער

בייגט זיך אײַן דרייען

קעז, מ׳ברויך אים האַקן מיט אַ האַק־מעסער.

חזירטרײַבער

יענער צעבײַסט אַ שטיק אײַזן מיט די ציין, קנעט אויס שטאָל ווי טייג מיט די הענט.

פֿערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ב ד ח ן

ווי פריער

אויפגעשפּילט זאָל ווערן דעם גבור הגדול והנורא.
געבן קלעפּ איז היינט די גרעסטע תורה.
און לכבוד די גבורה פון יונגן מאַרכביין,
אויפרופן דעם פליישיקן אַליין, —
ער זאָל אים מהנה זיין.

פ ל יי ש י ק ע ר

בויגט זיך אין דרייען

ס׳זיסטע שטיקעלע פלייש; ס׳זעט די פּאַרע פונם וואַסער, — איז עס אָנגעקאָכט.

ב ד ח ן

ווי פריער

אויפגעשפּילט זאָל ווערן דעם גבור הגדול והנורא.
געבן קלעפּ איז היינט די גרעסטע תורה.
און לכבוד די גבורה פון יונגן מאַרכביין,
אויפרופן דעם מעלהענדלער אַליין, —
ער זאָל אים מהנה זיין.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

בייגט זיך אין דרייען

ס׳מעל איז נישט פון קיין געמאָלענעם ווייץ, נאָר פון געשטויסענע מאַנדלען.

ב ד ח ן

ווי פריער

אויפגעשפּילט זאָל ווערן דעם גבור הגדול והנורא.
געבן קלעפּ, איז היינט די גרעסטע תורה.
און לכבוד די גבורה פון יונגן מאַרכביין,
אויפרופן דעם ווייַנשענקער אַליין, —
ער זאָל אים מהנה זיין.

ווײַנשענקער

בייגט זיך אין דרייען

דער אָקצוויט מיינער קאָן אַוועקשטעלן אַ טויטן אויף די פיס; אַ פײַנ־
געריט מ׳טרינקט אויס, — פאַרדרייט ער דעם קאָפּ ביים געזונטסטן פויער.

יונגער מאַרכביין

פון די גאַנצע וועלט, נעמען טראָגן צום יונגן מאַרכביין.

בדחן

לעבעדיק

אויפגעשפּילט זאָל ווערן אַלע מאַרכביינער,
פון גאָר דעם קליינעם ביזן אַלטן;
נישט געבליבן אין ערגעץ קיינער
אין אַ שטוב באַהאַלטן, —
וואָס אי זיך נישט געקומען פרייען
לכבוד זיי, אין די נייע דירה.

יונגער מאַרכביין

מיט אַ ברען

מיין גבורה גילט!

אַלע אָפּ מיט אַלעם, — אין הויז.

פערדהענדלער

שוין באַלד געקאָנט האָבן אַ מנוחהדיקן קאָפּ, נישט: די מייז.

זייגערמאַכער

נעמט זיך קראַצן

נאָך רעכט אויף זיי אומגעקוקט, און ס׳האָט שוין אָנגעהויבן ביימן; אַ
האַלבע נאַכט קיין אויג נישט געקאָנט צוטון.

פערדהענדלער

נעמט זיך קראַצן

כ׳שעם מיך גאָר אויסצוזאָגן: אַז ס׳בייסט מיך אויכעט...

חזירטרייבער

נעמט זיך קראַצן

ס׳עסט די הויט פֿונם לייב אַראָפּ.

זייגערמאַכער

דערשלאָגן

זי זאָל דאָס אָפּלאָזן אויף אַ רגע, די קללה.

אַלע הייבן אָן צוריקקומען צוריק, אָן אַלעם.

פֿליישיקער

בוקט זיך צו איִם

אַ שטיקעלע רינדפֿלייש, קעלבעריינס, אַן עוף, – יעדן טאָג, אַ גאַנץ גייענדיק יאָר.

מילכיקער

בוקט זיך צו איִם

מילכיקס, ביי מיר.

מעלהענדלער

בוקט זיך צו איִם

גערשטן-מעל, ווייצן-מעל, קאָרן-מעל, — אָן אַ וואָג און אָן אַ מאָס.

ווײַנשענקער

בוקט זיך צו איִם

ווײַן, בראָנפֿן, ביר, און אַפֿילו מעט, — וויפֿיל ס׳וועט נאָר אַרײַן...

פֿערדהענדלער

מעגן טרינקען, נאָר אַהיימנעמען, — לא; אַזוינער וואָס איז געוואוינט צו נעמען, קאָן נישט געבן.

יונגער מאַרכבֿיין

גרויס

נישט זיין בחנם! אַז איך וועל זיין מיט אייך אויפֿן מאַרק, – מעגן אָפֿן לאָזן די קראָמען בײַנאַכט, און מיינע אויגן וועלן אָפֿן זיין איבער

זיי; די פויערן אַריינקומען אויף ירידים, — דאָס נישט זיין קיין פויערן, נאָר מלאכים; קוקנדיק אויף מיר, — נישט רייסן פון די הענט, צעטראָגן די געוועלבלעך, נאָר שטיל זיין און גוט, ווי די קעלבלעך.

עטלעכע

זיך גאָר בעסער נישט געוואונטשן.

יונגער מאַרכביין

פּלאַמט

בלויז אויפמאַכן ס'פענסטער צום מאַרק, און דער טויטער מאַרק נישט מער זיין טויט, אַ בית-עולם; כ'וועל אַרויס אויף די דערפער, און אַ געשריי טון: מיט פערד, אָקסן, חזירים, — דאָ אַהער אויפן מאַרק! מיט תבואה, קרויט, מייערן און שטרוי, — דאָ אַהער אויפן מאַרק! און די שטיינער אויף אים באַלד ווערן אָנגעריבן פון די רעדער, אָנהייבן פינקלען ווי די בריליאַנטן; די גרעזער, — אויסגעטרעטן פון די פערדישע פּאָדקאָוועס...

עטלעכע

גאָרנישט זיין מיט וואָס אים צו באַלוינען.

נאָך עטלעכע

דער גאַנצער מאַרק הייזער, ווייניק.

יונגער מאַרכביין

פּלאַמט

פון צריבער דעם רויטן מאַרק, ליים-גריבער, ווייכע זאַמדן, העט יענע זייט שוואַרצן וואַלד, — דאָ ווי ציגיינער אויפשטעלן ביידלעך; און שטיוול, הויזן, רעקלעך, — זיך אויף דרענגלעך וויגן, הוידען; טעפּ, רידלעס, שערפן, — אייזנוואַרג, פון די זון גלאַנצן; ליוועוונט, וואַלנס, — וויקלען, מעסטן; הירזש, רייז, אַרבעס, — ווי פּערל בלישטשען; טעלער, גלעזער, ערדענע און פּאָרצעלייענע; די חזירים נעמען קוויטשען, פערד צו הירזשען, זיך רייסן, — אייך אין די בעטן נישט לאָזן איינליגן און אַרויסוואַרפן... אַפּ.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

הלוואי, ר׳זאָל דאָס קאָנען באַווייזן.

ו ו י י נ ש ע נ ק ע ר

און יעדע וואָך האָבן אַ שטיקל יריד.

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

וואָס וואָלט אונז אַזוי געפעלט?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

שלום וויינשענקער זיך געמעגט פּאַטשן אין בויך אַריין; אים האָבן אויפ־געשפּילט.

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

גיט שוין לאַנג נישט פאַרן געלט.

ו ו י י נ ש ע נ ק ע ר

וויפיל כ׳גיב, באַצאָלט מע מיר אויכעט נישט; מאַכן זיך באַלד נאָכן ערשטן גלעזל, — שיכּור; און גיי, הרגע דיך אויס מיט אַ וועלט שיכּורים...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ב ד ח ן

גיט אַ כאַפּ

אויפגעשפּילט זאָל ווערן, כּלי־זמרים,
פאַר די מאַרכּביינער און די גאַנצע שטאָט;
ס׳וועלן אָנהייבן בליִען די מסחרים,
און פרייען מיט אייך דער הקדש, די באָד.

אויפגעשפּילט זאָל ווערן, און זייער שטאַרק.
יידעלעך, ווייבעלעך, נעמט זיך פאַר די הענט,
און גייט אַ טענצל אויפן מאַרק, —
ס׳זאָלן ציטערן פונם טאַנצן די ווענט.

וואויל איז אונז יידן, וואויל, —
זייער גבורה באַשטייט נישט אין מויל ;
זייער גבורה שטעקט אין די הענט,
יידעלעך, ווייבעלעך, טאַנצט ווי איר קענט,
ס'זאָלן ציטערן פונם טאַנצן די ווענט.

א ס ף

נעמען זיך פאַר די הענט

הנה, מה טוב, ומה נעים, שבת אחים גם יחד.

ס׳ש נ יי ד ע ר ל

קומט אָן ווי אַ ווינט

די גדולה איז אַזוי גרויס, אַזוי ווי זיי וואָלטן שוין מיט אַלעם געהאָלפן געוואָרן.

ו ויי נ ש ע נ ק ע ר

אוי, קיקעלע ! נישט די מייז, — זיך שוין טאַקע געקאָנט פרייען מיטן גאַנצן האַרץ.

ס׳ש נ יי ד ע ר ל

כאַפּט אָפּ דעם אָטעם

נישט געריכט, כ׳זאָל כאַפּן די גאַנצע שטאָט אינאיינעם, און אויף איין אָרט ; פאַרשפּאָרן דערמיט גיין צו יעדן באַזונדער אַהיים, אין הויז אַריין ; עצבא אלוהים !

פ ל יי ש י ק ע ר

אָפּגעשראָקן

פריש עפּעס פאַרקאָכט ?

ח ז י ר ט ר יי ב ע ר

קראַצט זיך

הוצן בייסן?

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

הער דיך אויף צו שיבערן !

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך !

ס'שניידערל

אָן אָטעם

כ'זיץ און ניי, ווי אַלעמאָל, אַז ס'מאַכט זיך, – אַ פעלן, ביים גראַף אין הויף; און אַז כ'הער דעם יריד, וואָס ס'גייט אָן מיט די הינט, קוק איך מיך אַפילו נישט אום; ווייל כ'ווייס, דער הויף שטייט פון תמיד איין ביי הינט אין די הענט; און אַז ער איז משוגע פאַר הינט פאַרקייכט זיך.

חזירטרייבער

גייט שלאָפן מיט די הינט, און שטייט מיט זיי אויף.

מעלהענדלער

האָט אַ פול מויל מיט הינט.

ס'שניידערל

אַזוי ווי גאָט גיט דעם טאָג, און ער מאַכט אויף די אויגן, דער משוגע־נער גראַף, – גייט ער, ס'ערשטע, זען...

מעלהענדלער

די הינט.

ס'שניידערל

אויב ס'האָט זיך נישט ווען, אים אויף צו להכעיס, פאַרגליסט צו גיין שלאָפן אין פעלד, און כאַפן אַ פרעס דווקא פון מיסט אַראָפ; נישט, פונם פאַרצעלייענעם טעלער.

מעלהענדלער

פאַרט נישט מער ווי הינט.

חזירטרייבער

כאָטש ער זאָגט: זיי האָבן מער שכל פאַר מענטשן.

מעלהענדלער

זאָגט ער.

ס׳ שניידערל

און אַזוי ווי ער קוקט זיי אין דער פרי איבער, זעט ער: ווי איינער, אַ ווייסער הונט, פעלט אים; נעמט עס אים וואַרפן הייזער הויך: אַ דבר אחר פון אַ הונט, — ער זאָל זיך נישט וויסן אַוועקצולייגן אין בעט, נאָר ערגעץ פאַרפאַלן ווערן אויף אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ צויג הינטער אַ פלויט? ר׳וועט אים צערייסן אויף שטיקער, טרייבערן די אָדערן...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ס׳ שניידערל

ערשט, עס קומט אַריינצולויפן אַ פאַרבעק אין איין טויטשרעק: דער הונט ליגט ביים וועג אָן קאָפ! פויערן שווערן: מ׳האָט אים נאָך נעכטן געזען אַרומלויפן מיטן קאָפ! נאָר אַנדערע ווייסן גלייך צו זאָגן, אַז דער יונגער מאַרכביין האָט אים דעם קאָפ אַראָפּגעדרייט...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ס׳ שניידערל

טוט זיך חושך... נישט געהייסן אויפמאַכן מער די לאָדנס, נאָר ס׳זאָל זיין פינסטער אין שלאָס...

פערדהענלער

אוי, דער בויך!

ס׳ שניידערל

און זיך געזעצט שבעה נאָכן...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ס׳ שניידערל

געלאָזט די וואָנסעס אַראָפּהענגען; נישט מער אַרויפגעדרייט, און ביי זיי צופּגעשאַרפט די שפּיצן, זיי זאָלן בליצן...

ווײַנשענקער
אַראָפּגעפּאַלן

נאָך נישט אַרויס פון די אַלטע צרה, שוין אַ פרישע אויפן קאָפּ צו טראָגן...

חזירטרײַבער

ס'גייט גאָרנישט גלאַטיק אַראָפּ.

מעלהענדלער

אים שאַפן אַ הונט; אַ דאגה: אין אַ הונט? קאַרג הינט אויף דער וועלט פאַראַן?...

ס'שנײַדערל

ניין; דעם אייגענעם הונט וויל ער האָבן צוריק, אַזוי ווי ער איז געווען פריער...

חזירטרײַבער

מעג ווען; אַז מ'וועט אים קאָנען דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס אַרויפזעצן...

ס'שנײַדערל

דער קאָפּ זיינער, זאָגט ער: איז גאָרנישט צו באַצאָלן; ער האָט מער געהאַט שכל אין אים, ווי אַלע יידן אין שטאָט האָבן...

מעלהענדלער

זאָגט ער.

ווײַנשענקער
פאַרזינקט

אָווע-טאָווע, פריש אין עסק.

פערדהענדלער
פאַרזינקט

שוין מיט מזל אָוועקגעריטן אויף די פערד, אויכעט.

חזירטרײַבער
פאַרזינקט

און מ'זעט נישט אָן די קלאַיִם פון אַ חזיר.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

פאַרזינקט

מעל אַריינגעקומען.

מ י ל כ י ק ע ר

פאַרזינקט

מילע קאַנען מילך.

פ ל יי ש י ק ע ר

פאַרזינקט

רויט פלייש, ווי אַ העלליש פייער.

וו יי נ ש ע נ ק ע ר

ערשט געקאָנט אָנהייבן צו לעבן.

ז יי ג ע ר מ אַ כ ע ר

נו, האָט דער הונט, אַ שטן, זיך צערייגעלייגט.

ד ע ר צ ד י ק

קומט ארויס פון שול

זיך נישט געווען מאַכן דער הונט, עפעס אַנדערש אונטערגעקומען: אַ קאַץ, אַ הון, אַ טויב, — אַ קשיא אויף אַ מעשה ?... אַז די קללה ברויך שטיין, — האָט זי ווייניק אין וואָס אַנצוהאַלטן ?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך !

פ ל יי ש י ק ע ר

אַזוי ווי ער וואָלט געשטאַנען דערבײַ, דער רבי.

ח ז י ר ט ר יי ב ע ר

אַ קללה פון די העלע הויט...

ד ע ר צ ד י ק

די גזלנים זיך נאָך געצאַפּלט בײַ אים אונטער די האַנט, — שוין דער הונט דעם קאָפּ אונטערגעשטעלט.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פלײשיקער

מיט איין פוס אַרויס, און מיט בײדע אַרײַן...

ס׳שנײדערל

אַלע יאָרן געווען שטיל... אַ שטאָט ייִדן געוואַקסן ווי בײמער, און אַזוי־נע שײנע פּירות די וועלט געגעבן: ר׳ מאָטעלע וואָכאַצקער, בערישל ווינערושבינקער, לײבעלע פון דרילטש, — און פאַרוואָס זי האָט געזאָלט אָנהײבן דאַרן, ווערן אונטערגעשניטן, בלײבן אָן יאָרן צום לעבן?...

דער צדיק

דער קאָפּ מײַנער פאַרנעמט עס אויכעט נישט.

פלײשיקער

נישט באַמערקט קיין שום חשד אויף גאָר?

דער צדיק

נישט אויף די האָר...

מעלהענדלער

באָר סתם אַזוי: אויפן הימל געוואָרן אָנגעשריבן...

דער צדיק

כ׳שטעל מיך אויפן טראָפּ פון יעדן ניגון... פאַרוואַקסענע טריט פון אויסגעטרעטענע וועגן... דאָ אַ פלעק... דאָרט אַ פלעק... און פון וואַנעט ס׳וואַקסט אַרויס די שרעק?...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

און די קלה זיך אַזוי שטאַרק אויסגעבעטט?...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פליישיקער

איינגעגעסן זין פלייש און אין בלוט פון די שטאָט?

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מילכיקער

גראָב אָנגעוואַקסן אויף איר, ווי קופּערנע קרעץ?

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

דער צדיק

שוין איבערגעאַקערט יעדע אייל ערד... צו יעדן בוים געשמעקט... זיבן דורות אויפגעוועקט... און קיין איינער ווייסט מיר נישט צו זאָגן...

ס'שניידערל

אויפן קראַנקן מאַרכביין אַ סך געשטעלט.

דער צדיק

ער איז דערווייל איר רעטעניש, און אויבעט מוזן זיין איר באַשייד...
אים אַריינגעבערענגט אין שול, — זיך ס'ארון הקדוש פאַרן אויפגעמאַכט;
די לייבן געבויקט, געפאַלן כורעים; די שול איז מיטן ענג, — ער צעשפּאַרט די ווענט; אַז ס'קול זיינס שלאָגט אָפּ אין די מויערן, נעמען זיי זיך וויגן ווי פלאַכטעס, — דער ווינט וואָלט אויף זיי געבלאָזן... אָפּ מיט אַלע אין שול.

פערדהענדלער

פאַרחידושט

אַזאַ בחור איז ער? ווייסטו גאָר וואָס, חזירטרייבער?

חזירטרייבער

וואָס ווילסטו זאָל איך וויסן, טרעלבויך!

פערדהענדלער

גאָרנישט געשאַדט זיך איינצוריכטן דעם יחוס מיטן; כ'האָב אַ מויד, איינגאַנצן ווי דו זעסט מיך...

חזירטרייבער

מיט אַזאַ בויך?

פערדהענדלער

מיט דעם זיין באַוואָרנט שפּעטער, אַז ר'וועט איר קאָנען געוויגן טון ווי מ'באַדאַרף; אָבער די אייגענע הויך, ווי דו זעסט מיך; די אייגענע ברייט, אַ האָר נישט שמעלער; מיט גאָרנישט אַנדערש פאַרן טאַטן אירן.

צעגייען זיך אין זייערע הייזער.

יונגער מאַרכביין

קומט אַרויס, דערצונדן, דער גבור אינם וואַקלט זיך; דערגייט האַרט צו די שול, בלייבט שטיין פאַרגליווערט, פול מיט גבורהדיקן אויסדרוק אויפן פּנים, — אַ שטיק אייזן אין האַנט; דאָס לערנען פון קראַנקן מאַרכביין איבעווייניק רייצט אים, און ער פאַרמעסט זיך לאַנג און ברייט אַקעגן דעם מיטן שטיק אייזן, ביז ער צעבריכט עס מיט אַ הילכיקן געשריי

מיין גבורה איז נאָך דערווייל מער פאַר זיינע... זעצט זיך אַראָפּ און פאַרזינקט צוביסלעך.

קליינע מאַרכביינדל

גנבעט זיך אונטער, און פאַרשטעלט אים פון הינטן צרום די אויגן מיט ביידע הענט

טרעף: ווער ס'גייט אַהער?

יונגער מאַרכביין

הייטערער

אוודאי, דער הונט אַן קאָפּ!

קליינע מאַרכביינדל

מיר צוזאָגן מיטצונעמען קיין באָגריע, שלאָגן די בעלי-עגלות?

יונגער מאַרכבֿיין

זיי צו שלאָגן, מיר אַליין אָנטון ס׳פֿאַרגעניגן.

קליינע מאַרכבֿיינדל

נישט רוען; ביז כ׳וועל זיי נישט זען ליגן אויסגעצויגן.

יונגער מאַרכבֿיין

האָבן זיך שוין אָרנטלעך צו קאָפּען... נאָך ,יענע נאַכט אונטערגעשפּרונגען אויפֿן וואָכנאָצקער וועג, צו דער קרעטשמע, וואו די פֿורן זענען געשטאַנען, און געכאַפּט אַ קוק, — די בעלי־עגלות לאָזן זיך וואוילגיין איבער די הייסע טאָפּ קרויט, מיך אַ נעם געטון צו די פֿערד זייערע, און געשניטן די צונגען... שלעפּט צרויס אַ בינט אויפֿגעמאַכט ביי איינעם דעם פּיסק, אָנגענומען די צונג, איר אַרויסגעשלעפּט ווי מיט אַ צוואַנג, און בענק! בענק! געשניטן צונגען, וואַרימע צונגען ביי לעבעדיקע צאַפּלדיקע פֿערד...

קליינע מאַרכבֿיינדל

צופֿלויפּט

די קאַץ מיטן הונט זיך האָבן צו באַלעקן...

די מויד

לאָזט זיך הערן

אומאַר, מאַטשעק, אומאַר,
לעזשי נאַ דעסצע;
קיעדי מאַ זאַגראַלי,
פּאַסקאַקאַל בי יעשצע.

אוי־דינאַ, אוי־דינאַ,
אוי־דינאַ, דאַנאַ;
אוי־דינאַ, דינאַ, דינאַ,
אוי־דאַ־דינאַ, דא־נאַ.

קומט אָן מיט אַ לאַנגן קוויטש, אויסטערליש פֿאַרפּיצט אין גאַנץ פּויליש דאָרפֿיש אָנטועכטס, מיט בענדער און קרעלן.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

גיט איר אַ כאַפּ

גלײך אַהערגעטראָפן, שוואַרצע ?

ד י מ ו י ד

קײנמאָל נישט געגלײבט, כ׳זאָל צום יונגן מאַרכבײן ברױכן גײן אױפן מאַרק ; אױפן מאַרק, געװאוסט צו גײן אין די אַפּטײק אַרײַן...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

נישט בלױז צו די מאַרכבײנער, נאָר צו זיך אַלײן גײן, — װעסטו אױך ברױכן אױפן מאַרק, שװאַרצע.

ד י מ ו י ד

מיט דעם װאָס מ׳הײבט דיר אָן געבן פאַר די גבורה דײנע, — זיך דער יונגער מאַרכבײן אָפּזוכן אַ שװערע מױד, ס׳זאָלן איר אַראָפּהענגען שטי־קער פלײש פונם לײב...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

כ׳ברױך נאָך האָבן מיט שטיקער פלײש, װען אַזאַ שװאַרצע מױד װעקט אין מיר אױף אַזעלכע כוחות, גראָבט זײ אַרױס װי פון אונטער דרערד, — כ׳זאָל אױפשטײן און צעשפּרײטן הײזער, אַז די גאַסן זאָלן װערן ברײטער...

ד י מ ו י ד

װי פריער

צװינד אײן הױז, דערנאָך : נאָך אַ הױז, — די שװאַרצע מױד האָבן אַ פּנים װי אײנגעריסט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

נישט האָבן די שװאַרצע מױדס גבורה, — מיר עמעץ געבן זעק געלט ?

ד י מ ו י ד

ביסט דאָך אַ מאַרכבײן !

יונגער מאַרכבײן

יענער כוח, וואָס רױשט בײ מיר אין בלוט, — קומט אַװעק, לױפט אָפּ װי פֿון אַ געפּלאַצטן אָדער ; דאָס רױטע, פעטע, מאַרכבײנערישע בלוט װערט שיטער און װײס װי װאַסער...

די מויד

שמײכלט אים

דיך װער אָנגעשראָקן ?

יונגער מאַרכבײן

װי פֿריער

אויב דו זעסט מיך שטײן אויף די פיס, שלאָגן אַ מינוט צום טויט, איז, װאָס כ׳בין אַמאָל אַזוי שטאַרק געװען ; דער אימפּעט פֿון יענע כוחות, פֿון יענע גבורה, די מאַרכבײנערס ; אָבער כ׳זאָל בלויז ברויכן גײן מיט דעם, — שוין לאַנג װאו אָנגעשפּאַרט ; יענע גבורה אין מיר שטאַרבט אָפּ, גײט אַראָפּ אין גרוב ; כ׳באַגראָב איר אַלײן, און פֿאַרשיט איר אײלן הויך מיט ערד ; דײן גבורה רײסט איצט אויף מײנע גלידער, טראָגט מיך װי אַ װינט, און בלינד װי אַ הונט : כ׳זאָל מיך פֿאַרמעסטן אַזוי גרויס, און מיט די פֿאַרע פֿון די נאָזלעכער אַװעקבלאָזן אַ הויז, פֿון זײ אַראָפּטרײבן די אַלטע, אײנגעזעסענע דעכער.

די מויד

קושט אים פֿאַרפּלאַמט

נעמסטו מיך גאַר מיט, אַז דו גײסט אַרויס ?

יונגער מאַרכבײן

נעכטן אים געפֿילט, דעם העלישן כוח דײנעם, אַז די גזלנים זענען מיר אַנטקעגן געקומען, — ער האָט אַרויסגעפּלאַמט אין װאַלד פֿון דײנע אויגן ; דײנע אויגן האָבן געשאָסן מיט פֿײער, און כ׳האָב זײ מיט אים פֿאַרברענט...

די מויד

נאָך אויפֿשלאָגן בײ זיך, און באַלד איבערנעמען : אַז דו האָסט דאָס הויז דורך מיר געקריגן ?...

יונגער מאַרכבײַן

נישט ס׳הויז, נאָר אַלץ וואָס ס׳ווערט מיר אַריינפאַלן, — וועט זיין דורך דיר, שוואַרציג...

די מויד

מיך האָרכן?

יונגער מאַרכבײַן

אויב ס׳אַ גלייכע זאַך?

די מויד

נישט פריער גיין אַ טריט, ביז מ׳וועט דיר פאַר אים נישט באַצאָלן...

יונגער מאַרכבײַן

עס קיינמאָל נישט אויסגעקוקט... אַלעמאָל נאָר געוואָלט אַ שפּיל טון מיט אַ קלאַפּ... אָנקוועלן: ווי כ׳פּאַרוואַרף מיט אַ שנעל אַ ביק... און פון אַ דריגע מיטן פוס, קוילערט זיך דריי-פיר מאָל איבער אַ פערד, און קאָן זיך שוין מער נישט אויפהייבן פון דרערד... כ׳וויל מיך בלויז אויספּרוּוון דערמיט, וואָס מענטשן גיבן מיר אָוועק ס׳געלט, — צי כ׳קאָן זיי נאָך דאָ אויסהיטן אין דער פויערישער וועלט, זיין זייער מאַרכבײַן, כאָטש מיט דיין בלוט... אָבער, ס׳הויז?... ביי מיר אַזויפיל אָנגעלייגט, וואָס כ׳האָב די מאַרכבײַנער אַרויסגעבּרענגט אויפן מאַרק... מיט אַלע גלייך אויפן מאַרק...

די מויד

אויפגערוימט

אַזוי ווילד און פאַרוואַקסן... מ׳ברויך אָוועקרייסן די שוועלן, אַראָפּרוימען די שטיינער... נעמט זיך טון וויפיל מאָל כ׳בין געווען אויפן מאַרק, און קיינמאָל נישט אויסגעקומען די שטיינער צו זען...

יונגער מאַרכבײַן

אַ פרעמדע זאַך, אַז ס׳ווערט אייגן, — נעמט זיך עס גיכער וואַרפן אין די אויגן..

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר, ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

שטעקן בײדע מיטאַמאָל אַרויס זײערע קעפּ דורך די פּענסטער, מיט די לולקעס אין דרויסן.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

פריער געאַרט: וואָס איין האַלב הויז שטײט אַרויף, ס׳אַנדערע האַלבע הויז ליגט אַראָפּ, און איז צוגעלײגט? בײ דעם איז אַ גרוב, און בײ יענעם אַ באַרג?... געוואָרן אַ מחותן דערמיט, הײבט נישט אָן צו געפעלן, און ס׳באַרירט..

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

די שטײנער זענען צוזי אַרײנגעוואַקסן אין דרערד, נאָך פריער אײדער די יידן האָבן יעזוסן פאַרפײניקט; שוין געהאָנגלט אויף זײ, ס׳פײער פון הימל געפאַלן, — און אַלץ געבליבן שטעקן; איצט האָבן געקומען אויף זײערע הענט...

ד י מ ו י ד

פאַרמעסט זיך אויף אַ שטײן

לײג צו די האַנט, גבור מײנער; מיר נאָך ס׳האַרץ רירן...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

נאָך אַלץ אײנגעשפּאַרט? וויל נישט נאָכגעבן? אים בלויז צוזען מיטן קאָפּ, און באַלד אָנהײבן גײן ווי אַ קלײן קינד... שפּאַרט צו דעם קאָפּ, און דער שטײן נעמט זיך רירן.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

זײ צעטרײבערן דעם מאַרק!

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

אים נאָך אין אַ שיינעם פרימאָרגן איינפאַלן, אַז ר׳וועט האָבן אַ האַס אויף די שטאָט, — ר׳זאָל צעשטופּן די הייזער מיטן קאָפּ, און זיי פאַרוקן ערגעץ אין אַ וואַסער, אין אַ וואַלד... און ברויכן אַרומלויפן זוכן אַ הויז מיט ליכט, עס נישט קאָנען געפינען...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

נעמט אַריין ב׳קאָפּ

אוי, דער בויך!

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

נעמט אַריין ב׳קאָפּ

אַ גבורה ס׳שטעקט אין אים.

געשרייען אויפן מאַרק.

ק ל יי נ ע מ אַ ר כ ב יי נ ד ל

קומט אָנצולויפן

די באַגריער בעלי־עגלות זענען אַריינגעקומען...

באַגריער בעלי־עגלות לאָזן זיך הערן.

א יי נ ע ר

אָנקומענדיק

אַזאַ טייער פערד! באמנות: ר׳זאָל מיך פריער פרעגן, — באַשטאַנען מיר צו לאָזן די צונג פאַר אים אָפּשניידן.

צ ו יי ט ע ר

מיינעם אָפּגעקויפט פון אַן אַלטן גענעראַל אויף אַ ליציטאַציע, ווען ער האָט גענומען לאָמען, און נאָך קוים געגאַנגען אויף דריי פיס; אַריינ־געבראָקט אינם וואָס כ׳האָב געקאָנט, ביז כ׳האָב אים דערלעבט אַרויס־צובערענגען: ער זאָל אָנהייבן גיין מיט אַלע פערד צוגלייך אויף פיר פיס, — קומט ער און שניידט אים אָפּ די צונג?

ד ר י ט ע ר

אַן אויסגעוויקט, אויסגעטרענקט אָרים שטיקל שקאַפּע; קוים וואָס ס׳חיות האָט זיך אין דעם דערהאַלטן; אים שוין פֿון פֿריער געפעלט אַ האַלבער ווינדל; קיינמאָל נישט מער געהאַט ווי האַלבע אויערן, — נאָך אַצינד פעלן אַ שטיק צונג?

פ י ר ט ע ר

דעם הינטל האָבן רייך געמאַכט... האָבן צו פרעסן פלייש אַ קיילעכדיק יאָר, בחנם, — און נאָך שיין איינגלייזן פאַר די פעלן...

ע ט ל ע כ ע

איינאיינעם

ווער וועט שלעפּן די וועגן פאַר אונז, — ער האָט זיי צוזאַמענגעלייגט?...

אַ נ ד ע ר ע

מ׳קאָן זיך באַלד איינרעדן צו גיין קויפן אַנדערע פערד?

אַ נ ד ע ר ע

פאַר וועלכן געלט?

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

וואָס איז געשטאַנען דערייטענט, מורמעלט צום קליינעם

האָבן וויינ״ק, און געקומען, — דו זאָלסט זיי דערליגן!... אויפגערויזט נעם זיי אַראָפּ די קעפּ, אויב דו קענסט!.. נישט פריער קילן, ביז ב׳וועל זען: ס׳אַי קיין איינער פון זיי נישט גאַנץ אַרויס פון דיינע הענט...

ק ל ײ נ ע מ אַ ר כ ב ײ נ ד ל

פאַלט גלייך אַריין צווישן זיי

באַלד אַלע איינאיינעם ליגן אויף דער קופּע, ווי די פערד זייערע, — מיט די פיס אויסגעצויגן...

ב ע ל י - ע ג ל ו ת

צעפאַלן זיך

— מ׳וועט זיך נישט לאָזן פון אים.

— און פאַרן גרויסן קיין מורא נישט...

— אים נאָך פאַר די פערד אויכעט נישט זיין געשענקט.
— נאָך אַ מיאוסערן סוף פאַר זיי איינעמען...

יונגער מאַרכביין

וועדט גלייך מיטגעריסן

אַזוינע טריפהנע העלזער!... האָבן יעקב-העשלען אָן יאָרן אין דרערד אַריינגעלייגט, — און שטעלן זיך נאָך אונטער אַהערצוקומען מיט טענות?...

די מויד

קוקט זיך אַרום פאַרוויירט

וואו איז די פאַרבערענטע הדס? נישט איינקויפן אין זיי קיין מצווה?.. זיך עס קיינמאָל נישט שענקען... נעמט אַריינהאַקן אין פענסטער קומט אַרויס! ס'האָבן זיך געמאַכט קעפ צו האַקן...

פאַרברענטע הדס

באַווייזט נאָך אַרויסצולויפן מיט אַ געשריי, און נאָכצוואַרפן וואָס ס'קומט איר אונטער די האַנט

פאַרשטאָכענע אויגן!... יעקב-העשלס בלוט שרייט צו מיר פון דרערד אַרויס, כ'זאָל זיי נישט שענקען...

דערוויטערן זיך אַלע, שלאָגנדיק.

סטראַזשניק

אומגעהייער און אומגעזען, שרייט

סמיר — — ר — — ר — — ר — — ר — — נאָ!

אַלטער מאַרכביין

פאַלט אַרויס פון שטוב, אָנגעטאָן אין אַלטן ניקאָלאַיסקן מונדיר,
שטיוול, רוקנזאַק אויף די פלייצעס, ביקס, — בלייבט שטיין פאַרשטייפט,
אָפּגעבנדיק טשעסט, און רייסט זיך אין די וועלט אַריין

ודראַי וזשעלאַי, וואַש פרע — וואָ — סכאָ — די — טעלס — ט — וואָ!

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

קומט אָן אויפן מאַרק, אָנגעטון אין אַלטן ניקאָלאַיסקן מונדיר, שטיוול, היטל, רוקנזאַק אויף די פּלייצעס, ביקס, — און רייסט זיך פאַרשיכורט

נאַ — לע — וואָ ! נאַ — פּראַ — וואָ ! ראַז, דוואַ, טרי... ראַז, דוואַ, טרי...
ש — ש — ש — ג — אָ — אָ — אָ — ם ! און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך ביידע אָנגעמושטירט, בלייבן זיי שטיין ווי אויסגעניכטערט, און פאַלן זיך אויף די העלזער, צעקושן זיך.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

דאָס האָסטו געקאָנט באַווייזן די חכמה : אַז כ'זאָל נאָך נעמען לויפן, שפּרינגען ווי אַ יונג צוציקל, בערגטרייבער ?...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

ווי פאַלסטו עפּעס איצט אויס אַריינצוטרעפן אין מונדיר, שווערער פּאָטראָנער ?...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

איבערגעצויגן, איז מיר דאָס געקומען אויף די אויגן ; און געוואָלט אויספּרווון, זען : צי כ'לעב נאָך...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

מיר ווידער נישט אויסגעטראָגן אַהערצוגיין צו גאַסט אין נייעם הויז אַריין, אויפן מאַרק, אין די וואָכנדיקע לאַטעס, — און אַריין אין שינעל, הויזן, אַרויפגעשלעפּט דעם זאַק, די ביקס, פאַרקעמט די באָרד ווי אויף פּאַסכאַ, כ'זאָל אויסזען ווי דער אַלטער גענעראַל, סמירנאָוו... אַ שטאַרקער גענעראַל געווען, פּאָמניש ?...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

און מיך געוואָלט איבערשרעקן ? קלאַפּן טרעוואָגע ?...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

ניין... איך, אַז כ'קריך אַריין אין די זעלנערישע הויזן, נעמט מיר גלייך קריכן אין קאָפּ...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

דאָס שוואַרצע שיקסל פון די קאָשאַרן ?...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

נײן, די קאָמאַנדע...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

ס'זייניקע

דיך אַלעמאָל איבער איר געשלאָגן, און געוואָלט זיין צוערשט...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

פון פריער

און ווער שטייף ווי אַ האָרן... הונדערט יאָר דערנאָך, און נאָך אַלץ אַ סאָלדאַט, דער זעלביקער סאָלדאַט, און ווייסט צו קאָמאַנדעווען: נאַ פּראַ — וואָ — אָ — אָ — אָ —אָ! נאַ לע — ע — ע — ע — וו — אָ!

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

שטעלט זיך אונטער די ביקס, און פאָלגט אויס ביז אין יעדן פּרט.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

לאַכט אויפריכטיק

אַ סאָלדאַט, נאָך מיט די ביינער.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

ווישט זיך דעם שווייס

הונדערט יאָר דערנאָך, און נאָך אַלץ אַ סאָלדאַט... און ברויך שטיין פּאָד־קאָמאַנדע, אויפגעהויבן נ'קאָפּ: „גרוד וו — פּיע — ר — אָ — ט!" אין מיטן שלאָף אַפילו, אַז כ'שלאָף, — בוועט זי מיר אַדורך דעם קאָפּ: „וו — פּיע — ר — אָ — אָ — אָ — ט!"...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

דיך באַדאַרפט אָנגעבן אין ראַפּאָרט, זאָלסט קריגן אַ בענדל.

אַ געשריי אויפן מאַרק.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

אַ ה־אַ! ס'קליינע האָט זיך אַרויסגעלאָזט, און ס'מוז שוין זיין הימלען מיטן...

אַ שטײַערקע
מיט אַ צעבראָכענעם שאַרבן

אויסגעלייגט אַ ביסל ערדערנע טעפּלעך, און קוקט נישט וואו, — נאָר דער באָק זאָל מיר אַ קוגל-בעקעלע צעטרעטן.

קלײנע מאַרכבײנדל
קומט אָן צו רײַטן אויפן באָק

אוי, געוואַלט, הירשל ברענער ברענט.
זאָל ער ברענען ווי אַ פייער,
וועט ער וויסן: געלט איז טייער!
אוי, געוואַלט, הירשל ברענער ברענט!

סטראַזשניק
אָן: קומט ער ווי דער גענעראַל, ווען ער האָט אײַנגענומען פּלעווּנאַ, — אויפן באָק צו רײַטן... קאָמאַנדירט סטראָי — סיאַ!

בלײַבן ביידע פאַרשטײפּט, אָפּגעבנדיק שטעסט

קלײנע מאַרכבײנדל
פלוצלינג

וואָס רודערט זיך עס ביי דיר אין זאַק?

סטראַזשניק
האָספּאָדי! גאָר פון קאָפּ אַרויס, אַז כ'האָב דיר אָפּגעברענגט די קאַץ...
נעמט איר פון דאָרטן אַרויס.

אַלטער מאַרכבײן
פאַרגעסן איר מיטצונעמען? ווי קומט זי אַי צו אים?

קלײנע מאַרכבײנדל
שעמט זיך אויסצוזאָגן, בערנטרייבער, — ר'האָט איר צוגעגנבעט; אים לאָזן פאַרשיקן קיין סיביר, אויף קאַטאָרגע...

סטראַזשניק
טשודאַק; ווייסט דאָך: אַ קאַץ האַלט זיך נישט מיט קיין מענטשן, נאָר מיטן אָרט...

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

אָפּגעלאָזט, איז זי געלאָפן אַהיים.

ק ל יי נ ע מ אַ ר כ ב יי נ ד ל

אַצינד ביי מיר שטיין אָנגעבונדן אין הויז, ביי אַ פּיסל פון אַ בעט.

אָפּ מיט איר אין הויז.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

נעמט פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָסל

ביים אַוועקגיין, כ׳גיב אַ קוק: די נאַרישע קאַץ שפּרינגט אַ משוגענע אין די פענסטער, — וויל מיר אויסברעכן די שייבן.

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

נעמט זיך אויך פאַרדרייען אַ פּאַפּיראָסל

נישט ווערן פריער היימיש און צוגעבונדן, ביז זי וועט זיך דאָ צעלייגן, און האָבן קליינע קעצלעך... פאַרייכערט אַריינגעקומען ווענן ?...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

נעמט פייער ביי אים

דריי פורן מיט פינף פערד ; צוויי, מיט צוויי פערד אין אַ וואָגן ; און איין פערד מיט צוויי וועגן !

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

אַזש ! צוויי וועגענער מיט איין פערד ?... און אים אַדורכגעלאָזט פאַרן זעלביקן דרייער ?...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

נעכיי זדאָכניט ! מיך גיין שטעלן מיט אַ בעל-עגלה, אַ היצל ?

א ל ט ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

אָפּגעזעסן יאָרן, און אַזאַ טריפה מזל נישט געהאַט ; געוואָרן אַ גביר איבער נאַכט.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

מיך אויכעט געפרייט, נישט : מיין ווייב זאָל מיר פאַרשטערן די שמחה...

א ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

וואָס איז מיט דיין ווייב ? באַשטייט נישט אויפן עסק ? דערלייגט די באָ-
בעס ירושה ?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

אַ נאַרישקייט : און מיר די נאַכט שיער פון די וועלט געגאַנגען...

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

אַזוי ווייט שוין געהאַלטן מיט איר ?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

כ'זע : זי זיצט, קוק איך מיך אויף איר נישט אום ; ווייל, כ'ווייס, אַז
זי גייט נישט אַרום, — זיצט זי ; אָבער אַז ס'גייט אַוועק אַ שעה, און
מער, און רירט זיך נישט פונם אָרט, נעם איך איר זאָגן : „אַלטע, טרייב
אַראָפּ די פליגן פון די נאָז !" נאָר וועק הייבט, וועק מאָרגן, מ'קאָן אַ
טויטן אַ סך דערוועקן ? כ'גיב אַ טאַפּ די פיס, זיי זעגען ביי איר טויט,
די הענט טויט, מיט אַלעם טויט...

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

און וואָס האָסטו געטון ?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

געשריגן... וואָס האָב איך מער געקאָנט טון, ווי שרייען ?... אַזוי גע-
שריגן, אַז נאָר מיינע קולות האָבן איר באַנומען און דערופען, פון טויט
צוריק לעבעדיק געמאַכט... איי, פאָטערל, טאָמער קאָנסטו וויסן ס'אַר
שלאָף ס'איז ?... כ'שרעק מיך אַזוי...

אַ ל ט ע ר   מ אַ ר כ ב כ י י ן

דער אייביקער שלאָף, בערנטרייבער... די עלטער שלעפט איר איין אין
איר אייביקן שלאָף... אַלט איז מע, און ס'העלפט נישט, — שטאַרבן מוז
מע ; און קראַנק זיין, זי זאָל קאָנען אויסציען די פיס אויפן גלייכן וועג, —
האָט זי זיך איינגעשפּאַרט, און וויל נישט; ווי אַזוי וועט די קאַץ קומען
איבערן וואַסער ?... שלעפט איר די עלטער אָן אַלעם אַליין איין :

אייי, לו-לו-לו, לו,
לו-לו-לו-לו,
אין גריבעלע שלאָפן.

סטראַזשניק

איי, ס׳כאַפּט מיך אָן אַ גרויל, אַז כ׳גיב אַ טראַכט: זי וועט מיר אַוועק־גיין, און ברויכן בלייבן אַליין... נישט געשעמט פאַר די הויזן פון דעם אַלטן סאָלדאַט, מיך בנאמנות, צעוויינט... יעי באָגו... כליפּעט.

אַלטער מאַרכבֿיין

הייטערער

קום אַריין צו שלום וויינשענקער, צעקראָכענע באַבע; מ׳ברויך פאַרגיסן מיט אַ גלעזל אָקעוויט, פאַר די פּאָר גראָשן. נעמען זיך ביידע אַרום, און גייען אָפּזינגענדיק.

איי, לו, לו־לו,
איי, לו, לו־לו,
אין גריבעלע שלאָפֿן.

אָפּ.

קליינע מאַרכבֿיינדל

קומט אַרויס אויפן דאַך פונעם הויז, מאַכט נאָך ווי מ׳רופט אַ קוי־מענקערער

האָלדרי! האָל – ל – ל – ל – ד – רי — און נעמט רייסן שטיקער, זיי וואַרפן אין מאַרק אַריין.

פערדהענדלער

מיטן קאָפּ אין פענסטער

טאָמער האָב איך געהאַט אַ קלער: אַז די לעבער איגם דאַך זעגען קליין, — זעט ער שוין זיי זאָלן זיין גרעסער...

חזירטרייבער

מיטן קאָפּ אין פענסטער

ס׳הויז ביי אים לאַנג אָנטרייבן.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

קומט צרויס

דער גאַנצער מאַרק הייזער שיין אויסזען.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

גאָרנישט לאַנג געמען, און אַפּילו נישט וויסן: ס׳אַמאָל אַ הויז אויפן מאַרק געשטאַנען. קריגט צוגעוואָרפן אַ שטיק האָלץ קרין צראָפּ פון דאָרטן, וואָרן כ׳וועל דיך ממיתן, קליינער גזלן.

פערדהענדלער

קומט אַרויס

שוין באַצייטנס צו טון מיטן קליינעם!... מיט די אַלטע מאַרכביינער נאָך ווי ס׳איז אַדורכקומען, — און מיט אים זיך ברויכן וואָרגן ווי מיט אַ שלעכטן ביסן; נישט קאָנען אַראָפּשלינגען... ווערט געטראָפן פון אַ שטיק האָלץ
אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

אויסער זיך

ער הרגעט דאָך מענטשן.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכביין, די מויד

קומען צוריק פון געשלעג, קייכן פאַר געלעכטער

אָפּגעפּאַרטיקט מיט די בעלי־עגלות, — זיך גענומען צערעכט מאַכן ס׳הויז.

חזירטרייבער

זיי קיצעלט עס, און האָבן אַ הנאה...

פערדהענדלער

נישט זיכער זיין מיטן לעבן, אים נישט זען צו צוימען...

יונגער מאַרכבֿיין

צינדט אָן אַ שוועבעלע

אים בלד פון דאָרט אַראָפּקריגן, קוקט צו ס'גרייטע... הויך כ'גיי שוין אונטערצינדן ס'הויז, גייסט נישט אַראָפּ...

קליינע מאַרכבֿיינדל

וואַרט, ביז כ'וועל פריער אַרויסנעמען די קאַץ. אַנטקומט

חזירטרייבער

אַמאָל אַזויערנאָך אַראָפּגעקריגן אַ משוגענעם פון אַ דאַך, מ'האָט גע־הימלט, — ר'זאָל זיך נישט אַראָפּוואַרפן.

יונגער מאַרכבֿיין

נו, אַן עצה געגעבן מיטן?...

די מויד

איין מאַרכבֿיין קען זיך אויפן אַנדערן.

חזירטרייבער

כדאי געווען זיך צו לאָזן קאָסטן, מ'זאָל אים אָנהאַלטן אין אַ שטייג...

די מויד

וואוילעריש

ווייסט נישט, ווען די ציגיינער קומען אַריין?

יונגער מאַרכבֿיין

גיט איר אַ וואָרף

זיי פעלן דיר אויס?

חזירטרייבער

זעצט זיך פאַר די טיר, געמיטלעך רייבערן

נישט אַזוי ווייט איר, ווי די שטאָט; די קרעמער געהאַט ביי וועמיצן אַ ביין אָפּצולעקן; טייערע קונים, — פאַרשטעקן די פויערים אינם אַרבל.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

זעצט זיך פאַר די טיר, געמיטלעך רייכערן

פאַר זייער גראָשן קיינער נישט שטאַרבן.

ד י מ ו י ד

כ האָב איינעם: אַ רויטן, — מיך אויסגעלערנט גיין אויף אַ דראָט...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ״ ן

ווילסט דיך דערמיט באַווייזן פאַרן מאַרק?

ד י מ ו י ד

נישט אַזוי היציק...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ״ ן

נעמט פאַרציען אַ דראָט

כ'ברען נישט אַזוי שטאַרק דערפאַר,
ווי צו פאַרטונקלען דעם אייגענעם צער.
און אויב דאָס וועט מיך פריילעך מאַכן,
כ'זאָל מיך קאָנען הויך צעלאַכן, —
וועל איך דיר קויפן
אַ הויפן
בריליאַנטענע שטערן,
ווי די בערן, —
זיי דיר איינפלעכטן
אין די צעפ;
און זיך מעגן ריכטן:
ס'זאָל זיך דיר צוקאָפּנס
שמעלצן טראָפּנס, —
קוואַקערן פולע טעפ
מיט הענער, —
אויף גאָלדענע שפענער.

מעלהענדלער, זייגערמאַכער, פליישיקער, מילכיקער, וויינשענקער, און אַנ־דערע, — קומען אַרויסצוגיין פון שול, און בלייבן ווי פאַרגאַפט.

מעלהענדלער
בו? שלעכטע שכנים?

חזירטרייבער
געמיטלעך

ווי פאַר איינעם.

מילכיקער
האָבן אַ פּאַרטיקן צירק אין קעשענע.

פליישיקער
ווייסן אַלע שבע חכמות פונם...

ווייַנשענקער
זאָלן זיך וועלן באַווייזן מיט זיי אין די מאַרק-טעג, — זיין די בעסטע סגולה צו פאַרנאַרן פויערן.

מעלהענדלער
יענע גלייבן אין דעם ווי להבדיל אין גלח מיטן יוזל.

פליישיקער
ווייסן ווי צו פלעכטן צעפּ פון די עקן,
ביי קעץ;
און אַריינשטעקן
אין מיטן אַן אָנגעצונדענעם פלאַקן,
זיי זאָלן מיאַוקען דערשראָקן,
זיך וועלן צערייסן, —
און אַליין די ווייַנרלען אָפּבייסן,
אויף צו קאָנען אַוועק אַנטלויפן.

פערדהענדלער
אוי, דער בויך!

זייגערמאַכער
אַצינד, אַריינפירן יענעם אין חשד:
ר׳פאַרט מיט פערד און וואָגן.

אויפֿן סאַמע שאַרף פֿונם דאַך;
און שלאָגן ס׳פֿערד,
עס דערשלאָגן
פֿאַר אַזאַ ווילדע זאַך, —
ס׳זאָל פֿאַלן טויט דווקא אויף דרערד.

פֿערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מילכיקער

און ווי צו ציען
רימענס פֿון געשפּאַנען.
קעלבלעך זאָלן פֿליען,
און האַרטע שטיינער גיסן
מיט וואַסער, ווי פֿון אָפֿענע קראַנען.

פֿערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

אַרויפֿשיסן
צום הימל מיט ליידיקע שטורף,
און פֿאַרגיסן
ס׳פֿעלד מיט קלאָרן טוי...

פֿערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פֿליישיקער

עסן רעטעך מיט אויסגעקוועטשטן לעמען.
און ס׳זאָל נישט פֿאַרקלעמען
ביים נאָפּל;
מיט אַ ווידלע אָנשטאָט אַ גאָפּל
דערלאַנגען צום מויל, —
אויסגעגליטע קויל.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

וו יי נ ש ע נ ק ע ר

אַרויפזעצן אויפן קאָפּ אַ קרוין
פון ציבעלע־שאָלן, —
און תיכּף אים דערמיט אָפּגאָלן.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי דער בויך!

ז יי ג ע ר מ אַ כ ע ר

דרייען שטריק פון אַ האָרן, —
שלאַנגען פון בייטשן, —
און אַריינטייטשן
אין יעדן פּעריִשן צאָן,
ראשית: וויפל ר׳האָט צעקייעט קאָרן,
והשנית: גענומען אויף זיך יאָרן,
און לאחר כּל אלה, ערשט אויסגעבראָכן
אין וועלכן ביינערדיקן קנאָכן,
אָדער אויסגעטרוקנטן שפּאָן.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד י מ ו י ד

גרייט זיך גיין

צו גיין אויף אַ דראָט,
איז פּונקט ווי שטעלן אויף אַ קאָרט;
אָנהאַלטן אין עמעצנס באָרד,
און האָבן אָנגעגרייט ליגנס,
אַ פולע קוואָרט.

גייט מיט גרויס סכּנות נפשות

נישט געוואַקלט: אַהער, אַהין,
ס'אי געווענדט:
ווי מ'שטעלט אַ טריט;
אַביסל יענעם די אויגן פֿאַרבלענדט,
און נאָכמער, — זיך האַלטן גראָד,
אין דער מיט
פֿון דראָט.

פֿערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פֿליישיקער

דער שטעקן אין האַנט ביי איר איז די וואָג.

מעלהענדלער

כ'גלייב אַזוי פֿיל דעם שטעקן,
ווי מ'זאָל קאָנען אויפֿוועקן
מיט אים אַ טויטן;
זי גייט מיטן כּוח
פֿון שוואַרצן רויך,
וואָס בלאָזט פֿון אירע נאָזלעכער,
און באַלייכט אים מיטן פֿייער
פֿון די אויגן.

חזירטרייבער

דער שטריק איז אַזוי אויסגעבויגן, —
נאָך אַרונטערררייסן ביידע דעכער,
און קאָסטן צו טייער
ס'שטיקעלע פֿאַרגעניגן.

מעלהענדלער

מ'ליגט מיט אַזוי פֿיל אין דרערד,
נאָך מיט צוויי דעכער ליגן.

די מויד

נעמט מאַכן אַ קונץ

ווער קאָן זיך אונטערנעמען,
און נישט שעמען
דאָס צו צייגן:
זיך אויסבייגן
ביז אין די העלפט, און גרייכן
צום דאַך, מיט די פיס;
און שטיין אַזוי אַ גאַנצע שעה,
ביז
דער קאָפּ וועט אין דרערד אַריין,
און די האָר ווערן גראָ
פאַר אַ צייכן.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מילכיקער

אַ סוף, זאָל זיין פריילעך.
אויסטראַכטן אַ פאַפירענעם מלך,
אָנפילן מיט היי, צעמאָלענע קאָרע,
און אַרויסשטעלן פאַר די אויסגעדברטע קי,
וואָס גיבן נאָך דערוויל, קיין נ׳האָרע, —
ווי לאַנג די קללה
וועט אונז לאָזן צורו...

אַ טומל אין הינטערגרונט.

דאָרפסיידן

קומען אָן

וואו איז עמעץ?

אייניקע

גיבן זיך אַ הייב אונטער

אייך קליין אין די אויגן?

ד אָ ר פ ס י י ד ן

וױ פריער

— מ׳װעט אַזױ שלאָפן ?

— לאָזן אױף זיך טרעטן ?

אַ נ ד ע ר ע

אָפּגעשראָקן

װאָס אי װידער ס׳געשרײ ?

ד אָ ר פ ס י י ד

ס׳דאָרף פֿױערן האָט זיך אָנגעצונדן, און דער כּעס ברענט אױף מײלן אַרום...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אױ, דער בױך !

אַ ס ך

צעטומלט

ס׳דאָרף פֿױערן ?

אַ נ ד ע ר ע

װאָס אי זײ װידער צוגעקומען ?

ד אָ ר פ ס י י ד

האָבן אַ טועכטס.

פ ר י ע ר ד י ק ע

װאָס אי ס׳טועכטס ?

ד אָ ר פ ס י י ד

באשר בכן : אונזערע הײזער שטײען אױף זײער ערד.

צ װ ײ ט ע ר

אױף זײער ערד זאָלן שטײן אונזערע הײזער.

ז ײ ג ע ר מ אַ כ ע ר
נו, עפּעס אָפּקומען פון איר ?

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר
קאָנט זיך נישט צונױפרעדן, און פאַרגלײכן ?

ד אָ ר פ ס י י ד
ניין ; נאָר מ׳זאָל נעמען די כאַלופּעס און גיין ; זיך אָפּטראָגן מיט זיי.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר
אוי, דער בויך !

ד אָ ר פ ס ו ו י י ב ע ר
אַזוי ווי ס׳וואָלטן נישט געווען קיין הײַזער, נאָר קעלבלעך.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר
וואָרן זיי שטייען ערשט פון נעכטן צי אײער נעכטן, — איצט דאָס אַרומ־געזען און באַרעכנט ?...

ד אָ ר פ ס י י ד
די מחלוקה גייט נאָך אָן פון פאַר אונזערע צייטן ; און דערצו אַלץ נישט די העזה געהאַט, — ביז זיי האָבן דערשמעקט, דער הויף האָט זיך אָנ־געצונדן אויף די שטאָט, צוליבן הונט.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר
אוי, דער בויך !

ד אָ ר פ ס י י ד ע נ ע
ווי ביי אַ קרענק, ס׳פאַלט צו די בראַנד איבער אַ נאַכט, אַזוי האָט דער הויף, נישט דאָ געדאַכט, — צוגעשלאָגן...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר
אוי, דער בויך !

ד אָ ר פ ס י י ד ן
נישט אַזוי דער הויף, ווי דער הונט.

עטלעכע
נישט דער הונט, נאָר די קללה.

דאָרפסיידן
נישט קיין קללה, נאָר פויערן.

פלײשיקער
געכאַפּט
זי גייט ווי אַ מגפה.

מילכיקער
געכאַפּט
געפערלעכער פון אַ שרפה.

װײנשענקער
געכאַפּט
און גיכער פון אַ געוויסער.

זײגערמאַכער
איבער אַ רגע.

חזירטרײבער
אַ בלאָז מיטן ווינט.

מעלהענדלער
און, פאַרטשעפּעט אָן אַ קאָפּ פון אַ הונט.

פערדהענדלער
אוי, דער בויך!

פלײשיקער
און ס׳דאַרף פויערן ברענט.

פערדהענדלער
אוי, דער בויך!

מ י ל כ י ק ע ר

ס'טרייסלען זיך פון יידישע הייזער, די ווענט.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

אַז מ'באַוויזט נישט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד אָ ר פ ס י י ד

קלאַפּט זיי אַראָפּ

באַ! ס'אי גאָרנישט ווי מ'לייגט דאָ אויס... ס'ביסל פויערן האָט זיך צעהיצעלט, נו?... מיט זיי באַדאַרפט אָפּלערנען אַביסל... אויפמאַכן די קעפּ...

צ ו ו ײ ט ע ר

מיט אים

נייטיק מיטן לעבן.

פ ר י ע ר ד י ק ע ר

פויערן, מ'ווייזט זיי אַ שטעקן, באַהאַלטן זיי זיך אַריין אין די סטאָדאָלעס, און מורא ווי פאַר די דונערן, — די נאָז אַרויסצושטעקן...

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

רעדט צום יונגן מאַרכביין; וואָס קאָנען מיר, מיט אונזערע הענט, — זיי טון?...

ד אָ ר פ ס ײ ד ן

צו אים דאָך טאַקע דאָס געקומען.

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

אפשר וועלן אַריבערגיין זיי דערציילן די מעשה?

ז י י ג ע ר מ אַ כ ע ר

מיט זיי שוין אָפּלערנען בלק, — די קללה שווינען?

ד אָ ר פ כ י י ד ן

וואָס עפּעס זיך אַרייַנגענומען אין קאָפּ: אַ קללה? אַ בהלה?

ד אָ ר פ ס ו ו י י ב ע ר

ס׳זאָל, חלילה, אויסקומען אַהיימצוגיין ווי מ׳איז געקומען, — מער נישט זיכער...

ד אָ ר פ ס י י ד ן

פאַלן אים צו די פיס

— אַז די פויערן זאָלן דאָרט מעלקן אונזערע קי.

— האָבן אַרויסגעפירט די תבואות.

— צוגענומען ס׳ברויט.

— אַ ברירה האָבן נישט מער צו וועלן אַרייַנלאָזן אין די הייזער...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

וואַכט אויף

גיי, האָב צו טון מיט פויערן... איבערשרעקן האָזן...

ד אָ ר פ ס ו ו י י ב ע ר

און אַז האָזן האָבן אויפגעשטעלט די ווייַנדעלעך?

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

לייבן ברויכן מייַנע הענט צו האָבן, לייבן!

ק ל יי נ ע מ אַ ר כ ב יי נ ד ל

קומט אָן, מיט צוויי קאַנען אַראָפּהענגען פון די אַשידלעס

די באָבע אין דעם אייַנגעשפּאַנט, — כ׳זאָל איר ברענגען וואַסער; און אַז כ׳קום אַרויס צו די ברונען, שפּאַרן זיך די וואַסערטרעגער: כ׳וועל נישט קאָנען דערטראָגן! און זיי געוואָלט באַווייַזן אַ קונץ: איר אַהיים־ברענגען מיט די ציין...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכבֿיין

גיט אים אַ נעם

דו וועסט גיין מיט די ייִדן, און זיי וועלן דיר געבן אַ פּאָר אַלטע פּויערן גלייכצולייגן...

דאָרפֿסייד

נישט אַזוי שטאַרק בּאַריִרט, געקאָנט אָנגעמען אַ חשק צו לאַכן.

צווייטער

מיט אים

ער זאָל שלאָגן די פּויערן?

קליינע מאַרכבֿיינדל

קלינגענד ק

אַ סך?

פּריערדיקער

אוודאי נישט ווייניק; אַ דאָרף, — וויפֿיל ס'גייט אַריין אין אַ דאָרף מיט הייזער.

מעלהענדלער

אויף צו שלאָגן פּויערן, איז ער איינער; האָט נישט צו זיך זיינס גלייכן...

דאָרפֿסייד

געווען געשייטער: דער גרויסער אַליין זאָל זיי נעמען אין די הענט אַריין...

חזירטרייבער

דער קליינער, ר'זאָל נאָר נישט איינגעמען קיין מיאוסן סוף, — נאָך אויס־שאָקלען דעם גרויסן פֿונם אָרגל.

פּערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ד אָ ר פ ס ײ ד

געװאוסט: די פויערן װעלן פאַרן מורא האָבן, — אים אײנגאַנצן אַרי־בערגענומען אויפן דאָרף, און דאָרט געהאַלטן...

צ װ ײ ט ע ר

מיט אים

אָסור, נישט געװאוסט פון קײן דחקות.

ד אָ ר פ ס ײ ד ע נ ע

מיט זיי

זיך געקענט באָדן אין די טעפּ װײַערע מילך.

ה ז י ר ט ר ײ ב ע ר

אים אָנגעטון די שטיװל מײַנע, כ'זאָל זיי נישט ברויכן אַליין צו טראָגן; אַזאַ קלײן באַנדיטל, — אים אַראָפּלאָזן אין די הויכע כאַלעװעס און אין זיי נאָך מיט אַלעם פאַרפאַלן װערן; גאָרנישט מער אַרויסזען...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד אָ ר פ ס ײ ד ע נ ע

נעמט אים אויף זיך

אַ שאָד: זײַנע יונגע פּיסעלעך, — זיי זאָלן אים אויסגעריסן װערן; אַ גרויסער מענטש שטײט אָפּ...

ד אָ ר פ ס ײ ד

נעמט אים איבער פון איר

זי גײט זיך אונטערנעמען אים אַריבערצוברענגען אין דאָרף אַרײַן?

צ װ ײ ט ע ר

נעמט אים איבער פון יענעם

און זיך נישט אונטערדרייסן, בײַ אים װערן געבראָכט?

ד ר י ט ע ר

נעמט אים איבער פון דעם

זאָל ער זײַן דער מולדיקער האָז.

פ י ר ט ע ר

מיט א שפּרונג איבער אים

און אויף די פויערן, כּאַמעס, אָנפאַלן אַ פּחד און אַן אימה; די הענט ביי זיי ווערן אָפּגענומען און געלעמט...

אַ נ ד ע ר ע

כאַפּן אונטער מיט געזאַנג

לכבוד דעם קלייגעם,

זינגען אײנאײנעם־אײנאײנעם.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

גיט אַ קוק אַרויס

וואו נעמען זיי אים אַוועק?

ד אָ ר פ ס י י ד ן

שלאָגן פויערן.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

דער ציטערט

געהיטן: ער זאָל נישט אָנקומען אויפן קאָפּ אַרויף.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

כ'הייס אים נישט גיין.

ד אָ ר פ ס י י ד ן

זיי אַזוי לאָזן לויפן?

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

זיך געאַרגערט איינרעדן, מיט אים אַדורכצוברעכן מויערן?

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

ער האָט זיין טאַטנס בלוט אין די אָדערן, און מעג נאָך נעמען אויף זיך אַ דאָרף פויערן, אַזוי קליין ווי ער איז...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

כ'ווייס אָבער נישט, צי ס'מזל זיינס איז ליכטיקער ווי זיין טאַטנס...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

אויב נישט ליכטיקער זיין, עס די פינסטערע אויגן דיינע, וואָס האָבן נאָכגעקוקט זיין טאַטן, מיר, און אים אַצינד אויכעט נאָכקוקן, — עט פאַרשוואַרצן...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

ס׳זאָל דיר גײן אין מײנע אויגן, אַז כ׳האָב אַ בײז אויג, — מיר זײ פריער אַרויסנעמען, אײדער דער קלענסטער ציטער פון זײער שאָטן זאָל אים אָנרירן...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אַ מילדוואָרים מיט אויגן; אַ מילדוואָרים גראָבט, זעט ער נישט וואו, און מ׳קאָן זיך זוכהיטן; זאָבער קענגן אַ מילדוואָרים, וואָס זעט וואו ער גראָבט, — .ווי קאָן מען זיך אויסהיטן?...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

כ׳האָב מער מורא פאַר דײן גבורה, פאַר די מאַרכבײנערס גבורה, פון װעלכע זײ זענען אַלע אומגעקומען, — ער זאָל אויכעט איבער איר נישט פאַלן...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אויב דער טויט וועט אים נישט מײדן, ער אים דיר, ווי זײ אַלע, — אויכעט האָבן צו פאַרדאַנקען, און נישט די גבורה זײנע...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

וואָס ווילסטו אים ווידער אַװעקלאָזן, ווען ס׳לעבן זײנס הענגט אויף אַ האָר, און קאָן, ווען אַפילו דורך מיר, — אינגאַנצן אויפהערן צאַנקען?...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

דערווײל לעב איך נאָך, און ער אָטעמט מיט מײן כוח...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

און דײן גבורה אומשטאַנד זײן אים פון טויט אָפּצוהיטן?

ד אָ ר פ ס י י ד ן

פאַרנאַרט

וואָס אי דאָ אַזוי פיל איבערצוקלערן?... נישט אויסטויגן?... אים צו־ריקברענגען, און פאַרבעטן דעם גרויסן, — ער זאָל זיך מטריח זײן...

אַ נ ד ע ר ע

מיט זײ

מיר לײגן דאָך מער אין עסק אַרײן.

קליינע מאַרכביינדל

שלאָגן פֿויערן איז אַ גרויסע זאַך? כ'זאָל מיך אַפֿילו ברויכן זען מיט דרייסיק שטיק, — אויבעט נישט זיין קיין סך...

פֿערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזיר־טרייבער

נישט וויניקער ביי די ברונען, ווען ר'האָט דערטאָפּיעט די קאַץ, — צערעכט געמאַכט...

פֿערדהענדלער

אוי, דער בויך!

דאָרפֿסייד

— מיטן רעכטן פֿוס!

— און אַ סך מזל!

אַנדערע

מיט געזאַנג

לכּבוד דעם קליינעם,
זינגען אינאיינעם, אינאיינעם,
לכּבוד דעם קליינעם,
אינאיינעם, אינאיינעם,
לכּבוד דעם קליינעם,
אים איינעם, אים איינעם.
לכּבוד דעם קליינעם,
זינגען אינאיינעם, אינאיינעם.

אָפּ מיטן.

דער צדיק

פֿון שויל

וואו איז ער?... קומט אַרויס ס'מקום קדוש ווערט טונקעלער, ער גייט אַוועק; דער מזרח אָרימער...

יונגער מאַרכביין

און גאָרנישט ליכטיקער צווישן די מאַרכביינער, וואו ער קומט; גאָרנישט מער ליכטיק...

קראַנקער מאַרכביין

מיך ווער אויפגעקלערט: ווי אַזוי ס'איז מיגלעך כ'זאָל דאָרט זיין אַ ברכה צווישן אייערס גלייכן, רבי; און אַ קללה דאָ וואו כ'בין געבוירן געוואָרן...

יונגער מאַרכביין

מ'ברויך פרעגן ביי די פאַרבארגענטע הדס, וואָס האָט געקאָנט אַזעלכע צוויי זין: מיך מיט אים, — פון איין בויך אויסטראָגן... כ'ברעך אַליין אויך דאָס צו וויסן... אָפּ אין הויז.

קראַנקער מאַרכביין

עפּעס גייט מיר נאָך אַ געפיל: אַז כ'בין אַ טעות ביי די מאַרכביינער... און ווען כ'זאָל נישט וויסן, אַז מיין שטאַרקן ברודערס מאַמע האָט מיך געהאַט, געווען זיכער, — מ'האָט מיך אונטערגעוואָרפן, און פון געבוירן אַן אַנדערער; איין בלוט, און ס'גליט נישט זייער גבורה אין מיינעם, זייער רויע גבורה, וואָס באַשטייט אין שווערע הענט, ברייטע קלעפּ; נאָר שפּאַרט פון ערגעץ, כ'ווייס נישט ס'אַר טיפע הייליק, און שרייט אויף מיילן...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכביין

ברענגט אַרויס די פאַרבארגענטע הדס, טויט־שיכור, נאָך איר: די מויד

כ'וויל וויסן: ווי אַזוי ס'האָבן געקאָנט אָנוואַקסן אויף איין בוים אַזעלכע צוויי עפּל; איינער: אַ זיסער, און דער אַנדערער, — אַזאַ ווייניקער, אַז די ציין זאָלן ווערן הפּליק, זיך איינגעבייסנדיק אין אים...

פאַרבארגענטע הדס

נישט אויף אירע פיס

וואַנצן, מייז און קאַראַליוכעס; אַ קללה אין אַרוון, און דאָך אַ הויז, — אַ בעל־הביתטע פון אַן איינגענער מויער אויפן מאַרק...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

פריער זיך געברעקט דערמיט, און אַצינד איבערגעבעטן, אַ ?...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

קייע רוי פלייש, אַפילו ברוסטל, וואָס דער פליישיקער האָט געברענגט, — ס׳גייט נישט איבערן לב; שטופּ אין זיך אַריין הויפנס מעל, דעם מעלהענדלערס, ס׳מעג זיין לובלינער, פיר אול, — דער האַלז שרייט: ער איז נישט קיין העלזל פון אַ געגנזל, און נישט קיין קישקע פון אַ געשאָכטענע בהמה, — וואָס זאָל זיך לאָזן אָנפילן דערמיט...

ווי י נ ש ע נ ק ע ר

נאָר דעם בראָנפן זיך נישט אַקעגנגעשטעלט, דער האַלז; און אים געלאָזט אין זיך אַזוי אַרייַנגיסן...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

מ׳ברויך אים נישט ווייקן, זאַלצן ווי פלייש און כשר מאַכן; נישט פאַרקנעטן ווי מעל אין מילטער, און לאָזן יערן, זויערן, באַקן, ביז ער וועט טויגן צום עסן; נאָר גרייט פונם באַרל אין מויל, און פון מויל אין ערגעץ נישט ברויכן מער צו נעמען, נאָר אַליין גיין אין די פיס, אין קאָפּ, און אַפילו דאָרט וואו מ׳ברויך נישט...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

בריענט

כ׳וויל וויסן: ווי ס׳קומט צו איר אַזאַ זון?

ד י מ ו י ד

פרעגסט ביי אַ טויטע?... זעסט נישט, ס׳באַרל בראָנפן, האָט איר צערעכט געמאַכט?...

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

דעם ווייַנשענקערס באַרל בראָנפן, וואָס ר׳האָט איר היינט אַרייַנגעטראָגן?...

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

איז שוין מער אויף די לעבעדיקע וועלט נישטאָ.

די מויד

געפאַלן דעריבער, און עס נ׳טויט געמאַכט.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך !

יונגער מאַרכביין

טוט א בליק מיט א מעסער

איר גאָרנישט העלפן וואָס זי איז אָנגעטרונקען, און קאָן דעם קאָפּ אויף די אַקסלען נישט דערהאַלטן ; כ׳מוז דערגיין וואָס ביי איר אונטערן האַרץ טוט זיך, כ׳זאָל וויסן ס׳לעבן צו פאַרשפּילן...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך !

די מויד

גראָד אַצינד, ווען זי ווייסט נישט אויף וועמענס פּיס זי שטייט און גייט ?...

יונגער מאַרכביין

גיכער קאָנען אַרויסקריגן וואָס כ׳וויל מיר נישט צוגלייבן אויף אַן אייגע-נע מאַמע, ווי, ווען אירע אויגן זענען ריין, ניכטער און קלאָר ?...

דער צדיק

פאַר ביידע זיין גלייכער, מ׳זאָל וויסן א חילוק פון צווישן די צוויי גבורים : דער אַ גבור, וואָס גייט שלאָגן מיט די הענט, און שטעט, דערפער ציטערן פאַר זיין געשריי ; און דער אַנדערער, — אַ פיל גרע-סערער גבור, וואָס האָט געקאָנט איבער אַ נאַכט באַנעמען גאַנץ תנ״ך : תורה, נביאים וכתובים...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך !

דער צדיק

זיך צושלאָגן מיט די בלויזע הענט און אַן אָרימען קאָפּ צו ש״ס, גמרא, פוסקים ומהרש״א, אַזוי גרינג ווי אַ הונגעריקער עסט אויף א לעבל ברויט...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

דער צדיק

ווערן איבער אַ נאַכט אַ גאון, אַ למדן, אַ גרויסער קאָפּ...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכבֿיין

די מאַרכבֿיינער זענען אַלע געבוירן געוואָרן מיט ציין אין מויל, אַ טונקעלע הויט און געקענדזשערטע האָר; ביי אַ מאַרכבֿיין ליגט דער טויט אויפֿן פּנים, און ס׳געשריי זיינס איז ווי ביי אַ לייב; פּלינקן די פּיס, אַז ער קאָן ווי אַ הירש אַריבערשפּרינגען אַ וואַסער, און אַרומדרייען אַן אַקס ביים קאָפּ...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

דער צדיק

ביי אים האָט זיך באַזעצט אַן אַלטע מורה־שחורה; אַ בייזע ליכטיקייט, וואָס פאַרפינסטערט מיט איר שיין, און מאַכט ליכטיק מיט איר פינסטערניש...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

דער צדיק

און ווען דער שטאַרקער מאַרכבֿיין זאָל אים נישט אָנקערן אַ ברודער, ביי מיר נישט אַנדערש געווען: ווי אַ געשטראָפט קינד פון אַ טאַטן אַ צדיק מיט אַ גרויסן חטא, פון וועלכן ער האָט איבערגענומען זיין תורה מיט איר געמיינקייט אינאיינעם...

פאַרברענטע הדס

אַזוי ווי ר׳וואָלט אַרויסגעזאָגט פון די קאָרטן, דער רבי...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פּאַרבּרענטע הדס

ברעכן זיך די קעפּ, און ווייסן נישט, — זיין טאַטע איז אַ גוטער ייד געווען...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכּביין

פּארפּלאָנטערט

געוואוסט: כ׳וועל איך ציען ביי די צונג, עפּעס אויסציען...

פּאַרבּרענטע הדס

צעשפּילט

ווער געדענקט?... דער צלאָפּער גוטער ייד האָט געבּרויכט אַריינקומען... ווער געדענקט?... ס׳אַ אַראָפּגעפאַלן אַ מבול פון הימל... ווער געדענקט?... ס׳וואַסערל האָט זיך אַרויסגעריסן איבערן באָרטן... אַראָפּגעטראָגן ס׳בריקל... געבליבן ביים שלאַגבאַן... האַלטן נאַכט ביי מיר...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פּאַרבּרענטע הדס

געזען אַ יונגן, געזונטן רבּין, אַ שיינעם, — זיך דער יצר־הרע אין מיר גענומען צאַפּלען מיטן טויט...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פּאַרבּרענטע הדס

און צעלאָזט די האָר... אַראָפּגעוואָרפן די שיך... אויפגעריסן ס׳קלייד... און אַ פּאָר ברוסטן ווי די קאַנען... און אין צוויי פייערדיקע געשפּאַ־

נען... ס'האַרץ פּאַרלאָפן, ווי פון אַ בליץ געטראָפן... און כ'וואָלט אוודאי געווירט געוואָרן אויפן קאָפּ, — כ'זאָל מיך נישט געווען אָפּקילן ביי אים...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכביין
דערציטערט

נישט קיין מאַרכביין!

קראַנקער מאַרכביין
דערהויבן

אַן אַנדערע גזע!

דער צדיק
צעטראָגן

אַ זון פון צלאָפּער גאון, ז"ל, וואָס איז דורך איר אַוועקגעגאַנגען אָן יאָרן פון די וועלט, געהאַט כרת...

אַ סך
כאַפּן אונטער

די קללה.

אַנדערע
מיט זיי

אַרויפגעקומען ווי בוימל אויפן וואַסער...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

טאַקע באַלד דערנאָך ווי ר'האָט זיך אומגעקערט אַ היים, געוויסט אויף די וועלט, — זיך מיטאַמאָל אַריינגעלייגט אין בעט, און נישט מער

אויפגעשטאַנען; שוין דערנסטמאָל געווען אַ קלער: צי די היגע **נסיעה** האָט אים נישט די יאָרן דערקירצט...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

די פאַרברענטע הדס איז געווען יונג... ס'גיהנום געברענט **אין איר** בלוט... די שוואַרצע פערלס קאָפּ האָר... אירע פלינקע פיס... **און אַ רויט** צעבליט האַרץ...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

זיך אויף עמעצן פאַרלייגט, געמעגט זיין אַ רבי, אַ ציגיינער, אַ טאָטער, און נישט געאַרט: וואָס יענער וועט דערנאָך די פיס אויסציען...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד ע ר צ ד י ק

אומגעברענגט אַ צדיק, און פאַראומגליקט אַ שטאָט...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

אַריינגערוקט די מאַרכביינער אַ מעסער אונטערן האַרץ!

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

דערהויבן

יורש פון צלאָפּער רבין... טראָג זיין קאָפּ... זע מיט זיינע אויגן... און ס'האַרץ שלעפּט אַראָפּ, אַראָפּ... אין דרערד אַריין... די מאַמעס רויט האַרץ...

ד ע ר צ ד י ק

גוואַלדיק

עס אויסרייסן, די מאַמעס האַרץ, איר בייז בלוט, – און זיין דער טאַטע...

יונגער מאַרכביין

דערצונדן

דערהרגע אים פריער, שוואַרצע; פאַרברען אים מיט דיינע פיס, פאַר־טויבן מיט דיין געלעכטער, דערטרינק אים אין דיין בלוט, — ער זאָל אומקומען דורך דיר, ווי זיין פאָטער איז דורך מיין מאַמען אומגעקומען...

די מויד

גיט זיך אַ צעלאָז מיט אַ געשריי, פול תאווה, רייסנדיק פון זיך די מלבושים ביזן נאַקעטן לייב.

קראַנקער מאַרכביין

קאָן נישט ביישטיין, און כאַפּט איר אַריין אין זיינע הענט, בייסט זיך איין אין אירע ליפּן.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

דער צדיק

פאַרשטעלט זיך די אויגן

שטנ"ז! איז די מוטער אַצינד...

אין דער מינוט באַווייזן זיך די מיידן, אַ וועלט מיידן, אויסגעשטרעקט די הענט פול מיט באַגערן, ווי אַליין אים געוואָלט אָנקריגן.

די מיידן

צוטרעטנדיק

וואו ער איז,
און איז נישט;
אין ווענענס הענט אַ ריז,
און פון ווענענס ליפּן געקושט.

דער צדיק

קליפּות...

אַ געשריי אין הינטערגרונט; די דאָרפסיידן מיט די ווייבער הייבן אָן אָנצוקומען.

ד אָ ר פ ס י י ד ן

זיך געבעטן, מ׳זאָל אים נישט מיטגעבן; זיך געבעטן בײַ אים, ס׳לעבן...

ד אָ ר פ ס ו ו י י ב ע ר

מיט פאַרבראָכענע הענט

אים אַראָפּגעלאָזט, נאָך רעכט מיט די פּיסלעך אויף די ערד אַוועקגע-שטעלט, — שוין דער הויף הינט זיך געוואָרפן אויף אים...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד אָ ר פ ס י י ד ן

און אויף שטיקלעך אים צעריסן.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד אָ ר פ ס ו ו י י ב ע ר

יעדעס שטיקל באַזונדער אויף אַן אַנדער אָרט צעשלעפּט.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

גיט זיך אַ וואָרף

ס׳גאַנצע דאָרף פויערן מיט מײַנע הענט צעמאָלן; פּיס צעטרעטן... אַפּ.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד אָ ר פ ס ו ו י י ב ע ר

אַזוי פיל הינט, נעבעך, אויף אים; אַ כמאַרע הינט. אָפּ נאָך אים.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

אַ טאַטן מיט אַ זון אין קאַרגע דרײַ וואָכן.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יידן

נעמען זיך צו צעקריכן, פארקלעמט

בחנם זיך געפרייט; די קללה הייבט זיך ערשט רעכט אָן אויסצושפרייטן...

אַנדערע

מיט זיי

אַלץ די זעלביקע קללה.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

רייסט זיך ענדלעך אָפּ אויף אים

דאָס אַ ביסל היינט אָנגעבויכט, דער טרעלבויך!

פערדהענדלער

אַזוי, ס'אַלץ ביים וועג, גיט ער מיר אויכעט קיין האָניק נישט צו לעקן; ערשט: אַז ס'גיט זיך אַ מאַך אַזאַ דריידל, — בין איך שוין גאָר אויס מענטש ביי אים...

חזירטרייבער

נעם און באַגראָב אים, דעם בויך; און מאַך קיינעם נישט ב'טויט מיטן...

פליישיקער

בלויז אַריינגעבן צו מיר אויף איין האַלבע שעה, און אים מיט די פליישיקע האַק אַ ביסל צוגעזען...

פערדהענדלער

פאַרפאַלן; מיר מוזן אַריינגיין לייגן וואַרימע שטאַרצן צו אים... אָפּ.

שטיל אויפן מארק.

אַלטער מאַרכביין, סטראַזשניק

קומען ביידע אָן, האַלטן זיך אַרומגענומען, טויט שיכור

פראָשטשייטיע, גלאַזקי גאָלוביע,
פראָשטשייטיע נאַגלאַדניע מאָיע.

ווינשעגקער

באַלד נאָך זיי, מיט אַ צעבראָכענעם קופּל אין האַנט, מאַכט געוואַלטן

געשוואוירן: אים מער נישט געבן קיין ביר צו טרינקען, אַז ר'וועט זיך נישט מיטברענגען קיין שעפ; אַז כ'גיב אים מיט אַ קופל, טרינקט ער אויס ס'ביר, און האָט אַ הנאה אָפּצובייסן אַ שטיק פון אים, נו? האָב איך שוין שטיין אַ האַלבע שאַנק צעביסענע קופּלעס, וואָס כ'קאָן מיך מער מיט זיי נישט באַנוצן; אַז די ציין זאָלן אים נאָר אַרויספאַלן, און נישט האָבן מער מיט וואָס זיי צו צעבייסן, דער אַלטער גזלן...

סטראַזשניק

אויב מ'האָט זיי אים נאָך ביז היינט נישט אויסגעהאַקט, פון זיך אַליין מער נישט אַרויספאַלן...

אַלטער מאַרכביין

אויב נישט פאַר די הונדערט יאָר, שוין גיין שלאָפן מיט זיי אין דרערד אַריין...

ווייט, וואו דער יונגער מאַרכביין האָט, אַפּנים, דערגרייכט ס'דאָרף, —
לאָזט זיך פילן זיין גבורה מיט הילכיקע קלעפּ, אַזוי ווי ס'וואָלטן געפאַלן
הייזער, געפּלאַצט שויבן, געקלונגען דעכער.

קראַנקער מאַרכביין

מיטן קאָפּ אין פענסטער פון די שול

קיין איינער פון זיי נישט אַרויס אַ לעבעדיקער ביי אים, אויפן דאָרף.

סטראַזשניק

כאַפּט זיך

הערסט, ווי מ'שיסט? ס'אי מלחמה! שרייט רע־ביאַ־טאַ!... מיליטער גייט אַריין אין קרעפּאָסט!... געדענקסט הינטער פּלעוונא, ווען ס'האָט

אַזוי געריסן ?... אַז ס׳פייער איז געפלויגן, דער טויט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן, האָט די היים גענומען פיקן : ווי די מאַמע קניט פאַר די איקאָנע... די שיינע שוועסטער כליפּעט... און מ׳האָט צוזאַמענגעלייגט די קעפּ, זיך אָפּגעזעגנט מיטן לעבן...

פּראָשטשייטיע, גלאַזקי גאָלוביע,
פּראָשטשייטיע, נאַגלאַדניע מאָיע.

ס׳הילכן פון די קלעפּ שטאַרקט זיך.

אַלטער מאַרכביין, סטראַזשניק

נעמען זיך ביידע רייסן אויף די העלזער

סמיר—נא ! נאַ—פּראַ—וואָ ! נאַ—לע—וואָ, לע—זשי—ש—ש—ש—ש ! ציען זיך ביי־דע אויס אויף דר׳ערד, מיט די פּנימער צום הינטערגרונט, און נעמען שיסן נאָך דעם הילכן פון די קלעפּ, וואָס שטייגן אַלץ העכער און העכער טראַ—אַ—אַ—אַ—ך טר—אַ—אַ—אַ—אַ—אַ—ך...

פ אַ ר ה אַ נ ג

דריטער אקט

אויפן זעלביקן מאַרק. צומאָרגנס אויף דער נאַכט. די שטאָט יידן איז אין שול, אין וועלכער ס'רודערט זיך; אַז ס'שטילט זיך אַ רגע איין,— גייט ווי אַ לויטערער קוואַל אַ תפילה פונם קראַנקן מאַרכביין; אַ תפילה וואָס האָט נישט קיין אויסדרוק, איז אָן ווערטער, נאָר בלויז געשריי, געזאַנג און געבעט אינאיינעם.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

קומט אָן צו קריכן אויף אַלע פיר. איין שטיוול, איין באָרוועסער פיס, צע־שויבערט דעם קאָפּ האָר, ווילד צעשפּרייט די באָרד

פּאָמילוי, מאַט ראָדינאַ ! רוף דיך אָפּ צו אַ פּאַרוואָגלט קינד, וואָס וואַרפט זיך דאָ אום ווי אַ געבונדענער הונט, און קאָן זיך נישט אַרויסרייסן פון די בלינדע שטייג ; נעם מיך אָפּ אַהיים, מאַטושקאַ ראַסי, — כ׳וויל ליגן ביי דיר אין דרערד ; כ׳קאָן נישט שטאַרבן דאָ, אין דער פרעמד... ליג אויסגעצויגן שעהן לאַנג, גיב מיך נישט קיין ריר, און דער טויט וויל נישט קומען צו מיר...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

קומט אַרויס

אויב די שטאָט האָט ווייניק, נאַדיר אים.

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

אויף קיינעם נישט האָבן אַזוי צו וויינען, ווי אויף די פּוילישע הזירים, פעטע גענז, ביר מיטן וויין, קאָרן מיט די זיסע מייערן, וואָס האָבן מיך דאָ צוגעהאַלטן און נישט אַוועקגעלאָזט...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

ס׳גייט זיך מיר שוין אָן אַ בראַכונג פאַר אים...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

נישט אויפהערן אַזוי צו רעדן ביזן טויט אַריין.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

און אויב ס׳זאָל פון דיר נישט אַרויסשרייען נאָכן טויט, קאָן איך האָפן : זאָלסט באַלד און גיך שטיל ווערן...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

שוין באַשטאַנען : זאָלסט מיר ברויכן אויסצוגלייכן די פיס, און צומאַכן די אויגן...

אַלטער מאַרכבֿײן

בּו, אין וואָס גײט עס דיר ?... װײניק קאַליע געמאַכט ברויט ?... לײג דײן אַוועק...

סטראַזשניק

נישט דאָ ; דאָ האָט זיך דער טויט אײנגעשפּאַרט, און װיל נישט קומען צו מיר...

אַלטער מאַרכבֿײן

און װי לאַנג איך לעב נאָך, — דיר קאָנען דײן רעכטס טון ; װאָרן דער־נאָך, — דיר עס שוין קײנער נישט האָבן צו טון...

סטראַזשניק

סײ, זאָלסט מיך אָפּשטעלן אַהײם, פֿון װאַנעט דו האָסט מיך גע־בראַכט...

אַלטער מאַרכבֿײן

און ס׳װײב ?... נישט קײן מורא : דער חזירטרײבער זיך װעלן צוכאַפּן, און בײ איר אַ מצווה טון ?...

סטראַזשניק

װאו האָב איך אַ װײב ?

אַלטער מאַרכבֿײן

דיר אָנגעזעצט, און אַנטלאָפן געװאָרן מיט אַן אַנדערן ?

סטראַזשניק

קום נעכטן אַהײם... זיך פֿאַרזעסן בײם װײנשענקער איבערן גלעזל ביר... און גיב אַ קוק, — זי שלאָפֿט, מײנע ; נעם איך איר װעקן, — נאָר װעק הײנט, װעק מאָרגן, נישט געקאָנט איר מער דערװעקן...

אַלטער מאַרכבֿײ

דיר געזאָגט אַזאַ גרינגן טויט...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

געווען זיין אין דער היים... און לכתחילה נישט געלאָזט אַזוי שטאַרק איינשלאָפן, — נאָך ווי אייערנעכטן געקאָנט דערופן...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

הלוואי מיר און אַלע מיינע ליבע געזאָגט, ווען זיי וועלן האַלטן ביי אַוועקגיין פון די וועלט, — זאָל זיי נישט שווערער דאָס אָנקומען...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

פון פריער

און צוליב דעם ביטערן ביסל ביר, איר געלאָזט איינשלאָפן אויף אייביק...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

באַ! שוין געטויגט גוט אין דרערד אַריין, אַז מ׳האָט איבער איר כסדר באַדאַרפט זיצן, און אָפּהיטן... דאָס געקאָנט ביי איר אויספירן?... נישט נעכטן, איז היינט, מאָרגן... אַמאָל דאָך געמוזט פון איר אויף איין רגע כאָטש ס׳אויג אַראָפּנעמען. ניין?... אַז זי האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין, איר געקאָנט צוריקהאַלטן?... און ס׳אַ חילוק: אַ טאָג פריער צי דערנאָך?...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

אָפּגעדראַנקט, — איר גענומען אין זאַק אַריין אויף די פּלייצעס, אַוועקגעטראָגן אויפן גוטן אָרט, בעטן פאַר איר אַ שטיקעלע ערד, — און זי מיר צוגעוואָרפן: „זיי האָבן נישט קיין ערד פאַר איר...” האָב איך זיי איר דערלאַנגט אין די קעפּ אַריין: „כ׳קאָן דאָך מיך נישט אַרומטראָגן מיט איר...” און זיי איר צוריק: „כ׳זאָל מיר גיין מאַכן פון איר אַ געבראָטנס...” געוואָרפן מיט איר הין און צוריק, ערגער ווי מיט אַ געפּגרטע קאַץ...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

אָבער, מ׳האָט איר באַגראָבן?...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

אויסגעגנומען אַ גרוב, טיפֿער ווי פֿאַר אַ ברונעם; און ס׳וואַסער מיט די אויגן קוקנדיק, איר פֿאַרגאָסן...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

וואָס ביסטו ווידער געקומען מיט אַ פּזמון?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

ווי קאָן מיך אָננעמען אַ חשק לענגער דאָ צו זיין, אַז כ׳האָב דאָס ביי איר צוגעזען?... נאָכדערצו, ווען ס׳אַי ווער געווען, וואָס זאָל זיך אַרויס־שטעלן?... ווישט זיך די אויגן כ׳בין אַריין דערנאָכדעם אין שטוב, האָט עס מיך אַרויסגעטריבן... פּרוּוו זיין אויף מיין עלטער איין שעה אַליין... מיט די ליידיקע ווענט... ווען קיין באַבע איז נישטאָ...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

כ׳ווייס שוין נישט פֿון קיין ווייב, זינט כ׳האָב אין אַ מזלדיקע שעה, — אָנגעהויבן צו ווערן גראָ...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

מיטאַמאָל

כ׳גיי אַהיים.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

חתונה האָבן?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

ניין, שטאַרבן.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

אויב נישט לעבן מער, נאָר אָוועקלייגן דעם קאָפּ, איז דיר אַ גרויסע נפקא מינה, אַלט פּערד, וואו?... זעסט דאָך: אַז די ערד נעמט אומעטום צו...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

דאָ זיך ברויכן אומצוואַרפֿן מיט מיר נאָכן טויט, דאָרטן, — צונעמען מיט ביידע הענט...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ״ ן

מיינסט: ס׳זענען יענע צייטן, ווען מ׳איז אַוועק אויף מאַנעווורעס פון קרים אויף קאַווקאַז, — צו פוס?...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

נעמט זיך גיין

ס׳זאָל אַפילו זיין נאָך ווייטער... צונויפגענומען ס׳לעצטע ביסל כוחות, און די פיס הינטערן אָרעם...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ״ ן

וואַרט, דיך אַוועקלאָזן אַזוי אויף טרוקן?

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

האָסט צו פאַרטרינקען?

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ״ ן

נעמט אַרויס אַ פלעשל

זיך טיילן מיט דיר ביזן לעצטן טראָפּן... גיס נאָר נישט אין די באָרד אַריין...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

טרינקט

באָזשע מאָי! אויף די ערשטע אייל רוסישע ערד, אַז כ׳וועל קומען, מיך אַוועקלייגן און שוין באַשטיין צו בלייבן ליגן אויף איר, מער נישט אויפצוהייבן...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ״ ן

טרינקט

נאָך איינמאָל אינאיינעם...

ס ט ר אַ ז ש נ י ק

זיבעציק יאָר און אויב נישט מער, געווען אינאיינעם...

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ״ ן

אינאיינעם זיך געגעסן פון די מיילער; אינאיינעם געגנבעט פון די וועגענער; אינאיינעם אָפּגעדינט פינף און צוואָנציק יאָר פאַר מיקאָלאַיִן;

אינאיינעם ביים שוואַרצן שיקסל ; און אינאיינעם נישט באַשערט זיין צו שטאַרבן... נעמען זיך אַרום און טרעטן ביידע אָפּ, הייבנדיק שווער די פיס

פראָשטשייטיע, גלאַזקי גאָלוביע,

פראָשטשייטיע, נאַגלאַדניע מאָיע...

ז י י ג ע ר מ אַ כ ע ר

קומט אַרויס, שוואַרץ ווי די ערד און אַלט ווי די וועלט, — טראָגט אַן אַלטמאָדישן גרעגער, מיט וועלכן ער נעמט גרעגערן איינמאָל און אַ צווייט מאָל, איבערחזרנדיק

זאַמעלט אייך איין, יידעלעך ! זאַמעלט אייך איין, יידעלעך !

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

קומט אַרויס

אוי, דער בויך !

ס׳ ש נ יי ד ע ר ל

קומט אַרויס, זינגענדיק

איבער אַ האָן מיט אַ הון איז חרוב געוואָרן ביתר, און איבער אַ קאָפּ פון אַ הונט, — אַוועקגיין אַ שטאָט פון די וועלט.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך !

ח ז י ר ט ר יי ב ע ר

קומט אַרויס

און אַפילו נישט וויסן, וואו איר געביין איז אַהינגעקומען...

פון אומעטום און אַרום נעמען אַרויסקומען : דער מעלהענדלער, מילכיקער, פליישיקער, — אַלע מיט אָנגעצונדענע לאַמטערן אין די הענט, און זעצן זיך אויס ווי מיט אַ ישוב אויף די פריזמע־שטיינער

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב יי ן

קומט אַרויס פון הויז, שטייט צוגעשפּאַרט צו די וואַנט, — דער טויט ליגט אים אויפן פּנים, און אין די אויגן אַ העליש פייער.

זייגערמאַכער

מיט אַ געבראָכענע שטים

שמעו נא, רבותי, אחים; אהובים ידידים, טייערע יידן, כולם לומדים ומופלגים, חשובע בעלי־הבתים, – פעלט קיינער נישט, און די שטאָט איז מיט אייך פאַראַן? שטיל ר׳ משה מרדכי טרעלבויך, גבאי ראשון.

פערדהענדלער

חזירטרייבער?

חזירטרייבער

מעלהענדלער?

מעלהענדלער

פליישיקער?

פליישיקער

מילכיקער?

מילכיקער

שמואל קיקעלע, חייט, דאָס שניידערל?

ס׳שניידערל

שלום וויינשענקער נישט פאַרגינען אַרויסצוקומען.

זייגערמאַכער

קאָן זיך נישט אָפרייסן פון די שענק, ציטערט נאָך אַלץ איבערן גלעזל בראָנפן, דער פאַרנאַרטער ייד.

חזירטרייבער

נעמט ווארפן

אים אריינהאַקן שטיינער אין די פענסטער, און זיי וועלן אים שוין פון דאָרט אַרויסטרייבן...

ס׳שניידערל

צעטראָגן

אַז מ׳ציטערט אַזוי איבערן אייגענעם שטיקל לייב, ברויך מע נישט הערן בענסטער ברעכן.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ווײַנשענקער

קומט צרויס

ווײַניק: כ׳האָב ליגן דעם שיכור איבער מיר, און כ׳קאָן מיך איבער אים נישט רירן, — שלאָגן זיי מיר נאָך די שויבן אויס...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

בײַז

דער בראָנפן ליגט אים גאָר אין קאָפּ.

פלײשיקער

שפעטער מעגן אויפדרייען די קרענקען, און לאָזן לויפן די ווײַנען אין לײדיקן מארק אריין, אויף די גלאָט שטײנער.

מילכיקער

אַזוי שמאָל האַלט שוין?

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ווײַנשענקער

שפּאַרט זיך צו

געקאָנט זיצן מיט אַן אַנדערן קאָפּ, אַז ס׳וואָלט מיר עמעץ געהאָלפן גע-מען ס׳אונטערפירן בײַ אים.

זײגערמאַכער

הייבט אָן פון אויפסניי

שמעו נא, רבותי, יידן!...

ווייַנשענקער

גיט זיך אַ וואָרף

כ'שפּיר בראָנפן! ס'גיסט זיך בראָנפן! געוואַלט, דער שיכּור לאָזט מיר אַרויס דעם בראָנפן פון די פעסער! אָפּ.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

אַ שיכּור זיך אין מיטן דרינען אַריינגעלייגט.

ס'שנײַדערל

אויכעט נישט גלאַטיק.

מילכיקער

אַ שטיק קללה.

זייגערמאַכער

זיך אָפּגעריסן פון די העלע הויט, און דרעשט ס'לייב ווי מיט הייסע ריטער פון אַן אָנגעגליטע בייטש...

ס'שנײַדערל

וועמען געקאָנט איינפאַלן: אַז די שטאָט ברויך ווערן אויסגעריסן צוליב דעם צלאָפּער גוטן ייִד, ווייל ער איז אומגעקומען דורך איר?...

מעלהענדלער

אַ מעשה: אַז לילית האָט זיך פאַרשטעלט פאַר דער מרשעת, און אומגע־ בּרענגט אַ צדיק ביי ייִדן, — איז זי די שטאָט? און ברויך פאַר איר אָפּקומען?

פליישיקער

אַזוי אָפּגיין אין בלוט?

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ס׳שניידערל

זינגט אַרויס

אַ ספר־תּורה ווערט צעריסן, איז נישט דער חטא בלויז חל אויף יענעמען, נאָר אויפן אָרט וואו ס׳אי צעריסן געוואָרן, — און ס׳גאַנצע אָרט איז חייב...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

זאָל מע זען אויסצורופן אַ תּענות.

פליישיקער

געבן אויף ר׳ מאיר בעל נס.

מילכיקער

קובר זיין אַ ליכט.

פליישיקער

מעסטן קברים.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ס׳שניידערל

און דאָ ברויך זיך די שטאָט נישט בלויז אויסקויפן וואָס דער צדיק איז פון די וועלט אַוועק, — נאָר פאַרן זון אויכעט, וואָס זי האָט מיטן געהאַט...

ווײַנשענקער

קומט צוריק אַרויס

געלאָזט ליגן אַזוי שיין אויף דרערד, די פיס אויסגעצויגן, אַז מ׳וואָלט געקאָנט שווערן: ער איז טויט! און אַזוי ווי כ׳האָב אַרויסגעשטעקט אַ פוס, זיך גלייך צוגעכאַפּט צום פאַס בראָנפן, און אָפּגעדרייט דעם צאַפּן...

חזירטרייבער
טויטערהייט ?

פערדהענדלער
אוי, דער בויך !

ווינשענקער
אַ שיכור, ער זאָל אַפילו זיין מיט אַלעם טויט, — טאָר מען אים אויך מיט קיין פעסל בראָנפן אַליין נישט געטרויען...

חזירטרייבער
ווי אַזוי האָסטו דיר געזען מיטן צו העלפן ? אַוועקגעשטעלט ס'ווייב אים היטן ?...

ווינשענקער
ווי פאַלסטו אויס ? אים אַריינגעהאַקט אַ שפּינט פון פאַס, אין מויל ; נישט האָבן קיין מויל וואו אַריינצוגיסן, — פאַרשפּאָרן אַ קראַן אָפּצו- דרייען...

פערדהענדלער
אוי, דער בויך !

פאַרברענטע הדס, אַלטער מאַרכביין, די מויד, — פירן זיך אונטער די הענט.

ס׳שניידערל
שטיל
קומען, נאָך די לוויה, פונם פעלד אַראָפּ.

אַלטער מאַרכביין
שוין ! נאָכן קליינעם ! אַזוי ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געווען.

די מויד
אַן אויסכאַפּעניש אויפן געקומען.

אַלטער מאַרכביין
אַזאַ מיאוסן סוף איינגענומען ?

יונגער מאַרכביין

מ׳מעג זיך אַלע אויפֿן ריכטן.

אַלטער מאַרכביין

אַריינכאַפּן אַ רבין און אים צעפּלעכטן?

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

מ׳ברויך האָבן כּוח.

יונגער מאַרכביין

פאַרביסן

כ׳וואָלט איר דערפאַר אויסגעצויגן די געהירן, אָפּגעצאַפּט מיט אַ דין שפּיזל אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן; געלאָזט טריפן איבערן פייער, כ׳זאָל אַריינזאַפּן אין זיך דעם ריח און זעטיקן מיט אים...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פאַרברענטע הדס

ברויך דערצו ווערן נאָך צמאָל אַזוי ברייט, און הויך...

יונגער מאַרכביין

פון פריער

קוואָרטנווייז געטרונקען ס׳פאַרברענטע, שוואַרצע בלוט, וואַרימעהייט, — ס׳זאָל זיך מיר צעגיין אין די געדערים...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פאַרברענטע הדס

גיט זיך אַ וואָרף איבער אים

כ׳צערייס נישט בלויז אויפֿן ס׳פלייש, נאָר אויך מיט די ביינער...

ד י מ ו י ד

רייסט איר פּוועק

איך וויל ערשט אָנהייבן רייטן אויף אים, און זי גייטן שוין צעריעכט מאַכן ?...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

מיך נאָך דענסטמאָל צערעכט געמאַכט, ווען זי האָט דעם רבין אַוועק־געלייגט און איינגעוויקט...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

פ אַ ר ב ר ע נ ט ע ה ד ס

אָפּגעפּירט

נישט ווערט כ׳זאָל מיר די הענט ביי אים איינריכטן; דען קאָנען אויס־מיידן, — ס׳מרפּה דם זיינס זאָל איבער זי נישט יורושען ?...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

די גרויסע דערהרגעט, און דאָס קליינע באַלד נישט דערלעבט דורך איר גרויס צו ווערן...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

זי האָט באַדאַרפט פאַר אים ס׳גרוב צו פאַרלייגן.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ס ׳ ש נ ײ ד ע ר ל

אַזאַ לעבן, ס׳האָט איינגאַנצן געלוינט; נישט: ס׳אי ווער געוועזן וואָס זאָל זאָגן קדיש, און נישט ס׳איז עמעץ דאָ, — ס׳זאָל זיך זעצן שבעה...

זייגערמאַכער

אים כאָטש אָפּגעגעבן אַן אָרט ביים אוהל?

מעלהענדלער

אַ הרוג! געקומען צו לייגן הינטער די מויער.

זייגערמאַכער

חלילה נישט אומגעקומען ווי זיין טאַטע, ר״ל; געשטאָכן געוואָרן אויף ירידים, נאָר על קדוש השם, — זיך געגאַנגען מוסר נפש זיין פאַר יידן...

מעלהענדלער

כאָטש ווערט אַ שיינע קרקע.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכביין

אַ גרויסער חילוק, וואו? דער רבי אים דאָרט אַ סך וואַרימען?

זייגערמאַכער

אַ שאָד, דער קליינער.

אַלטער מאַרכביין

אַ סך אויף אים געשטעלט, זייער אַ סך...

חזירטרייבער

זיין רייטן אויף די ציג, ווער ס׳האָט נישט געזען; קיילן אַ חזיר; אַפילו וואַרפן שטיינער אין די פענסטער, און אויסשלאָגן די שייבן, — ס׳האָט טויזנט חן געהאַט! טויזנט חן!

אַלטער מאַרכביין

אים נאָך זוכן פון אונטער דרערד אויסצוקראַצן...

מעלהענדלער

אַז דער הויף האָט אַפילו די פויערן געהאַט אָנגעדרייט, און זיי אונטער־געגעבן היץ, — אים נאָך אויכעט נישט באַדאַרפט אַרויסשיקן, ער זאָל אַזאַ וויסטן סוף איינעמען?...

ס׳שניידערל

געבעך: געגוג אַנטקעגנגעשטעלט, דער קראַנקער מאַרכביין, און נישט געקאָנט פועלן...

מעלהענדלער

נישט געוועזן צעריסן ס׳קליינע מאַרכביינדל, פאַרשפאָרט דעם גרויסן אַריינצוברעגגען אין דער רציחה, — ר׳זאָל פאַרטיליקן ס׳דאָרף?

פליישיקער

נישט פאַרטיליקט ס׳דאָרף, — פאַרשפאָרט אָנצינדן דאָס פייער צווישן די פויערן, און מ׳זאָל ביי זיי אַזוי שיין אויסזען?...

מילכיקער

פאַרשפאָרט אַזוי שיין אויסצוזען ביי די פויערן, — דער הויף זאָל זיך נישט אָנצינדן צוליבן קאָפּ פונם הונט?

מעלהענדלער

פאַרשפאָרט אָפּצורייסן דעם קאָפּ פון הונט, — ס׳זאָלן זיך נישט מאַכן די גזלנים, וואָס ר׳האָט געברויכט גיין טייטן?...

יונגער מאַרכביין

וועמען מער צו פאַרדאַנקען ווי די מאַמע מיינע? זיך נישט אַרויפגעכאַפּט אויפן גוטן ייד, אים דערהרגעט, און מיר דערלאַנגט אַ ברודער, דעם קראַנקן מאַרכביין, — באַלד צו דעם אַלעם נישט געקומען?...

ס׳שניידערל

מיט אַ קרעכץ

אַ!

מעלהענדלער

מיט אים

אַ — אַ!

הזירטרייבער

מיט זיי

אַ — אַ — אַ!

ס׳שניידערל

וואָס וואָלט געפעלט אַ בלינדן, ער זאָל האָבןביידע אויגן ?

מעלהענדלער

פון דאַנעט וואַקסט דאָך אַרויס די קללה.

זייגערמאַכער

די קללה.

פלייש־קער

די קללה.

מילכיקער

די קללה.

חזירטרייבער

וואָס האָט אונז אַזוי צום קאָפּ געזען ?

א טומעל.

דאָרפס׳יידן

קומען אָן, אָנגעלאָדן

— שוין ! נאָכן דאָרף !

— וויפיל יאָרן דאַרויף אָפּגעוועזן.

— מאָרגעס פעלד פּאַראַקערט און פאַרזייעט.

— סעדער געפּיאַסטעוועט.

אַ יידענע

אין אַלע יידישע הייזער אויף שטעט, מיט אונזערע שבת־אויבס די קינ־
דער געטיילט...

איניקע

פון מארק, דערשראָקן

אַרויסגעטריבן ?

דאָרפסיידן

געבעטן מחילה: אַליין גיין...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד י י ע נ י ק ע

פון פריער

– מ׳ברויך זיך רייסן קריעה..
– אָנטון זעק מיט אַש אויף די קעפּ.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד אָ ר פ ס י י ד ן

רעכענענען אויס

– די פיש אין די סאַזשעלקעס.
– קי אין די שטעלער.
– הינער אין שטייגן.

אַ נ ד ע ר ע

געבליבן ביי זיי.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד אָ ר פ ס י י ד ן

ווי פריער

– קאַרטאָפל אין די קאָפּצעס
– קרויט אין די פעסער.
– ביידעמער היי.

אַ נ ד ע ר ע

און געבליבן ביי זיי.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד אָ ר פ ס י י ד ן

צו דעם זיך בלויז געמעגט צורירן, וואָס מ׳האָט געקאָנט מיט זיך פֿאַר־בעמען; אַפּילו נישט אויף קיין וואָגן אויפצולייגן.

אַ נ ד ע ר ע

נישט קלעקן אויפן מאָרגנדיקן טאָג.

אַ י י ד ע נ ע

אַ דערקילט קינד מיט זיך, נאָך אַ צולאָג.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

דערשלאָגן

ביטער ווי גאַל...

מ י ל כ י ק ע ר

אָן אַלעם, נישט מיט וואָס די שעה איבערצוקומען.

ח ז י ר ט ר ײ ב ע ר

מ׳לעבט ערגער ווי די חזירים אין שטאַל.

פ ל ײ ש י ק ע ר

און דאָ, נאָך אַ דאָרף יידן צוגעפאַלן.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

וואָס אי ס׳געוואַלט? זיי דאָך בלויז געהייסן גיין, און נישט חלילה אויסגעשאָכטן?...

ד אָ ר פ ס י י ד

אַז מ׳צעבערעכט איין פוס, ברויך מע גומל בענטשן: וואָס מ׳האָט נישט צעבראָכן ביידע...

אַלטער מאַרכביין

אַרויסגעטריבן, — געזונג לײדיקע הײזער אויפן מאַרק; קיין אײנער נישט בלײבן אונטערן גאָלן הימל, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

דאָרפסייד

דאָ אויכעט קיין באַוואָרעניש.

צווייטער

לאָזן זיך נישט בלויז באַנוגן מיט אונז, נאָר גרייטן זיך אייך אויך אַרייַנצוגיין אָנקוקן מיט קאָסעס.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

פריער געוואוסט: די שטאָט וועט אויסגיסן ס׳באָד.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכביין

פאַרשטיקט

נאָך ווער פון זיי געבליבן מיט אַ גאַנצן קאָפּ?

אַלטער מאַרכביין

און אַ צאָן אין מויל?

דאָרפסייד

נישט אין דעם דאָרף, זענען זיך אָנגעלאָפן אַנדערע מיט קעפּ, אפשר פון צוואָנציק דערפער אַרום...

אַלטער מאַרכביין

מיך אומגעקערט צוריק, זיי געקאָנט שאַרן מיט לאָפּאַטעס, די ציין: דער גאַנצער וועג, וואו מ׳גייט, — איז מיט זיי באַשיט ווי מיט קאַשטאַנעס, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די ביימער, יעשן...

יונגער מאַרכביין

אַז די שטאָט וועט מיך האָבן אין דרויסן, אויפֿן קבֿרות, — דענסטמאָל איר קאָנען טרעטן אויפֿן קאָפּ; אָבער ווי לאַנג כ'שטיי אין אַ לעבעדייקער ביי איר, — נישט גערירט ווערן אַ נאָגל אויף די וואַנט ביי קיינעם, געקרימט ווערן אַ האָר...

אַלטער מאַרכביין

אַליין אויכעט נישט שטיין ווי אַ נאַר, און צוקוקן ווי מ'שלאָגט יידן; כ'קאָן נאָך אָרנטלעך צולייגן אַ האַנט, אויב מ'ברויך...

זייגערמאַכער

נישט אייביק גילט אַ שטאַרקע האַנט; מ'קאָן אַמאָל מיט אַ גוט וואָרט יענעם גיכער די נשמה אַרויסנעמען ווי מיטן ערגסטן קלאַפּ...

יונגער מאַרכביין

זיך אפשר געזאָלט שטעלן אויסטענהן מיט זיי, ווען היינט האָבן זיינע יונגע ביינדעלעך געטשערעט אינם זאַמד?... נאָך אַזוי אויכעט מזלדיק אָפּגעשניטן, — ס'אי ביי מיר איין הויז גאַנץ אַרויס...

חזירטרייבער

איך גיב אים גערעכט, כאָטש כ'בין אַליין אויכעט אין עסק; וואָרן, אויב די שטאָט זאָל טאַקע אַצינד מיאוס אָפּשניידן, — מעג איך מיך דאָ אַוועקלייגן, אויפֿן מיטן מאַרק, אויסציען די פֿיס, און די מייז צעשלעפּן פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, — גיב איך אים פֿונדעסטוועגן גערעכט; און ווען איך וואָלט אין זיין הויט געשטעקט, — אויכעט נישט בעסער געווען...

מילכיקער

דיך נישט ברויכן אַוועקלייגן אין מיטן מאַרק, די מייז זאָלן דיך צעשלעפּן...

פֿערדהענדלער

איין הונט דעם אַנדערן בייסט נישט.

חזירטרייבער

גראָד געווען אויפן דאָרף, אויפקויפן חזירים, ווען ס׳איז צו אים אָריינ־געפאַלן; פייער איז געפלויגן פון זיין מויל, און די הייזער פאַרברענט; נאָר געשווינדלט פאַר די אויגן, — ווי ער צעלייגט די כאַלופּעס, וואַרפט אַראָפּ די שטאַלן... גאָרנישט ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעמויערט פון שטיינער און קלעצער...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

חזירטרייבער

נאָך ווייניקער ביי אים גענומען זיך אָפּצופּאַרטיקן דערמיט, ווי ביים וואָלקנבראָך, — ווען ער איז נישט היינט געדאַכט, מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק אַרונטער, און עס אָפּגעשווענקט פון דר׳ערד...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

די שטאָט עס אויסברעכן.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

זייגערמאַכער

טאַקע אַ גבור: ס׳שטעקט אין אים שמשון הגבורס גבורה; זיינע הענט זענען געבענטשט פון גאָט; נאָר אַזוי ווי ער שטייט אַצינד מיטן פּנים צו דער שטאָט, און קוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין, זאָל ער זען: אַז מ׳לעבט פון די דערפער, פון די ירידים וואָס שטעלן זיך, — ווען די דערפער פויערים קומען אַריינצופאָרן...

מעלהענדלער

נישט קיין ירידים, — נישט קיין שטאָט; ס׳גאַנצע שטיקעלע חיות, דער יריד...

אַלטער מאַרכבֿײ

פגרן נאָר אַוועק פאַרן זאַק געלט.

יונגער מאַרכבֿײן

מיר איינפאַלן: אַז די הויט וועט אויף זיי אַזוי ציטערן פאַרן שטיקל יריד?...

זייגערמאַכער

יריד, מיינט: דאָס ביסן ברויט, וואָס מ׳לייגט אין מויל אַריין; דאָס קלייד, וואָס מ׳האָט ס׳לייב צו פאַרדעקן; יריד מיינט: חיות, ס׳גאַנצע אָרימע פלאָגעניש דאָ...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

יונגער מאַרכבֿײן

אויב אַזוי, וועל איך נאָך מאָרגן אַרויסגיין איבער די בערג, און אויס־שרייען איבער די דערפער: כ׳וויל האָבן אַ יריד אין שטאָט! און איר וועט זען: ווי צו די מינוט און צו די רגע, אַז דער טאָג וועט זיך שטעלן, — די פויערן וועלן אָנהייבן אָריינגיין און צעטראָגן די קראָמען; אויף זיי אָנפאַלן אַ צעמישעניש, און נעמען גרין פאַר געל, רויט פאַר שוואַרץ, שטופן ס׳געבאָטענע געלט אין די הענט אַריין, — די גרעסטע בבֿלען פאַרצוקערן...

מעלהענדלער

מטושטש

דאָ חלשט מע: יענע גייען אַריין שעכטן, — ליגט אים גאָר אין קאָפּ אַ יריד איינצושטעלן...

יונגער מאַרכבֿײן

גיט אַ פייף, און ס׳קומען אָן יונגען

וואו ליגט איר ערגעץ, אין וועלכע פוסטע וועלדער?

י ו נ ג ע ן

– פֿאַרשטעקט הינטער די ביימער.

– מ׳קוקט אויס, וואו ס׳ביסל פֿויערן וויל זיך אַריינשפּאַרן.

– און מ׳האָרכט זיך צו, ווי ס׳בלוט זייערס האָט זיך צעשריגן.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אייער גבורה וועט מיר אַצינד שטאַרק צונוץ קומען.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

שוין באַדאַרפֿט דאָרט זיין פֿון אַ גוטע מינוט; ווען כ׳בין אַרויס געבן ס׳באַגלייט דעם בערנטרייבער, און אָפּגענומען די מאַמע דיינע פֿון בית־עולם, שוין געזען ווי ס׳פֿעלד פֿון יענע זייט טייך איז שוואַרץ מיט זיי...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

טײַלט אָרום אייזנס

מיט וואָס איינער איז געוואוינט: אַ שטיק האָלץ, אַ דראָנג, אַז ר׳קאָן נישט דערלאַנגען מיט די בלויזע האַנט.

י ו נ ג ע ן

– שלאָגן אַ מינוט צום טויט.

– ביז די פֿעלדער וועלן ווערן רויט.

– בלוט זיך גיסן, אַ טייך.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

זיך שטעלן ביים בריקל און זייער פֿוס אין שטאָט נישט אַריינלאָזן...

י ו נ ג ע ן

— שוין זיין אַ ווייבראָך צו זייערע יאָרן.
— נאָך היינט אַרויס אָן קעפּ.
— אָן הענט.
— אָן פיס.
— אַז ס׳האָט זיך זיי יאָ פאַרגלוסט.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י״ ן

שטייף

סמיר—ר—ר—ר—נ—אַ—אַ—אַ!

י ו נ ג ע ן

וואַרפן מיט די פיס אַלע אינאיינעם

קעפּ אַרויף,
הענט אַרויס.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י״ ן

כ׳דערשפיר פייער, וועקט זיך אין מיר אויף דער אַלטער סאָלדאַט פון מיקאָלאַיס צייטן.

י ו נ ג ע ן

ווי פריער

שטייף די פיס,
יעדער איז אַ ריז.

אַ ל ט ע ר מ אַ ר כ ב י״ ן

רייסט זיך

סמיר—ר—ר—ר—נ—אַ—אַ—אַ!

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד ע ר צ ד י ק

גיט אַ קוק אַרויס

מ׳גייט זיך שוין ווייטער שלאָגן?

מעלהענדלער

מ׳קאָן זיך דאָך נישט פאַרלאָזן בלויז אויף תהילים זאָגן.

חזירטרייבער

פון זאָגן ווערט מען נישט אַנטראָגן.

דער צדיק

כ׳זע טאַקע, ווי שיין איר האָט אויסגעשפּילט מיט די גבורה זיינע...

יונגער מאַרכביין

נישט שיין אויסגעשפּילט מיט די גבורה מיינע?

דער צדיק

איינגעלייגט מיט איר אַ דאָרף הייזער, גייען זיך די פויערן אָפּנעמען זייער עוולה, און איינלייגן די שטאָט.

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

דער צדיק

דער חילוק איז: וואָס זיי האָט געשלאָגן איינער פון אונז, אַ גבור, — וועט ס׳ביסל יידן געשלאָגן ווערן דורך זיי אַלע...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

אויב אַ גבור, קאָן דאָך געמאָלט זיין: ער זאָל זיי אויך קאָנען ביי־קומען?...

דער צדיק

און, שוין זיין געהיילט?

יידן

— וואָס נאָך זאָל מע ווענן?
— פון דעם אַליין געבוג אָנקוועלן.

ד ע ר   צ ד י ק

דערמיט אונטערברעננגען די קללה, זי זאָל אויפהערן פאַנעווען?

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד ע ר   צ ד י ק

נעכטן, גזלנים; היינט, — פויערן; און מאָרגן, גאָט דער לעבעדיקער ווייסט...

ס׳ ש נ ײ ד ע ר ל

קומט אויס, מ׳זאָל מיט אַלעם אָפּלאָזן די הענט?

פ ל ײ ש י ק ע ר

זיך באַהאַלטן צווישן די פיר ווענט?

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

און אַראָפּבייגן ב׳קאָפּ.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

מ י ל כ י ק ע ר

אויפגעקאָכט

ס׳אי זיך נאָר ס׳לעבן צו נעמען, צוליבן בויך זייגעם...

פ ל ײ ש י ק ע ר

כ׳ברענג גלייך אַרויס די האַק, אַז ר׳וועט נישט אויפהערן אַרומצואַר־בעטן מיטן...

י ו נ ג ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

שרייט אויס

שלאָגן אַ מינוט צום טויט!

י ו נ ג ע ן

מושטירן זיך

שלאָגן אַ מינוט צום טויט.

פ ל ײ ש י ק ע ר

אַזאַ שײן ײדיש חײלות.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

מ'מוז זײן אָנגעגרײט לדורן, לתפילה ולמלחמה.

י ו נ ג ע ן

װי פריער

— האַקן קעפּ װי אײן קרויט.

— ביז די פעלדער װעלן װערן רויט.

אָפּ.

ס׳ ש נ ײ ד ע ר ל

דערשלאָגן

געמײנט, רבי, אַז מ׳ליגט דעריבער אַזוי טיף אין דרערד, װײל מ׳װײסט נישט פון װאָס די קללה איז אויפגעגאַנגען ; שוין יאָ אַרויסגעקומען, — װי אַזוי קאָן מע זיך אַנטקעגנשטעלן, מ׳זאָל נישט ברויכן אָנקומען צו די גבורה זײנע ?...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד ע ר צ ד י ק

געבוירן אַ זון מיט אַ לילית, איז ער דער שוואַרצער של ראש בײ די שטאָט אויפן קאָפּ; חלילה זײן בלויז לילית, די מאַמע, — אים זיכער געברויכט טײטן...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד ע ר צ ד י ק

אויב נישט, װער װײסט : צי די שטאָט װאָלט נאָך געקאָנט האָבן אַ אַ קיום, און די ײדן זיך אַמאָל אַרויסקאָפּען...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד ע ר   צ ד י ק

נישט מיין: ס׳איז איר נאָך באַשערט געווען אַ זכות, וואָס ער איז אויכעט טאַטע, ביידע אינאיינעם: זיין קדושה און איר טומאה, — מוז מע זען ביי אים אויסצוטרענען די מאַמע פון די אָדערן, יעדן שורש פון איר געביין...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד ע ר   צ ד י ק

ר׳זאָל בלייבן טאַטע, אינגאַנצן טאַטע, ריינער טאַטע, בקדושה ובטהרה...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ס ׳ ש נ ײ ד ע ר ל

אַ מעשה: זיך פאַרלאָפן מיט קאַרגע צוואָנציק יאָר צוריק, — זיך אַצינד דאָס דערוועקט?...

ד ע ר   צ ד י ק

ווייל דער יונג איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, און מיטן טויט פון זיין טאַטן, זכר צדיק לברכה, נישט געבליבן קיינער פון אים, וואָס זאָל זיך אַוועקזעצן אויף זיין ליידיקע שטול, — די קללה אַזוי לאַנג הויערן ביז מ׳וועט מאַכן פאַר זיין ממלא מקומו...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

ד ע ר   צ ד י ק

און ס׳זאָל נישט האָבן איבערגעריסן געוואָרן מיט אַלעם דער בלאָער פאָדים תכלת, וואָס ציט זיך צווישן טאַטן, ע״ה, מיטן זון, — וואָס איז געבליבן מיט איר...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

אַ ל ע

און ער זאָל ווערן רבי?

ד ע ר צ ד י ק

רבי.

ע ט ל ע כ ע

אַ ממזר, אַ רבי?

ד ע ר צ ד י ק

רבי.

ע ט ל ע כ ע

לא יבא ממזר בקהל ה׳.

ד ע ר צ ד י ק

ממזר תלמיד חכם קודם לכהן גדול, עם הארץ.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

אויב דאָס וועט אויסוואָרצלען די קללה, אים די שטאָט גלייך אויפנעמען פאַר רבי...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

גיט אַ בליק מיט אַ מעסער

נישט ביי מיין לעבן.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

לאָזט זיך גיין

אים מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער. פאַרשפאָרן האָבן צו טון מיט אים...

אַ ס ך

גיבן זיך אַ וואָרף

סיי, זאָלסט דאָ אַלע פריער אויסקוילען...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

נישט מער לאָזן פון אים טרעטן אויפן קאָפּ, מאַכן צו קליין געלט...

א י י נ ע ר

ווער טרעט דיר אויפן קאָפּ?

צ ו ו י י ט ע ר

און מאַכט דיך צו קליין געלט?

ד ר י ט ע ר

גענוג חשוב ביי יעדן איינעם.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

דורך מיין גבורה וועט איר לעבן!

ז י י ג ע ר מ אַ כ ע ר

ביידע זיין שטאַרק.

ח ז י ר ט ר י י ב ע ר

דו געבן קלעפּ, און ער רעדן מיט גאָט.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

לאָזט זיך גיין

ס׳קאָנען נישט זיין קיין צוויי גבורים.

ווערט פאַרהאַלטן פון אַ מענגע.

ש ר ײ ע ר

— נישט לאָזן גײן פאַרהערן מיט אים.

— דאָס גאָרנישט אײַנגערעדן.

— זײַן גבורה איז נישט דײַנע.

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אײנער מוז אָפּטרעטן; דער שוואַכער מאַכן אַן אָרט פאַרן שטאַרקערן...

ד ע ר צ ד י ק

די שטאָט קאָן נאָך נישט קומען צו זיך צוליבן טויט פון זײַן טאַטן, וואָס דײַן מאַמע האָט אומגעבערענגט, — און דו ווילסט איר דערלײַגן?...

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

אוי, דער בויך!

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

נאָך אַלץ בײַ מיר אַן עוולה געהאַט, די שטאָט? די גזלנימס קעפ? ס'דאַרף בײַ די פויערן?...

ס ׳ ש נ ײ ד ע ר ל

גאָרנישט געהאָלפן געוואָרן...

י ו נ ג ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

און ברויך נאָך אַצינד אַרויסגײן אַנטקעגן פאַר אַ פאַנצער, — זײער כעס זאָל אײַך נישט אונטערברענגען; פון אײערע ברעמען, דער טרויער נישט מער אַראָפּהענגען; דערווײַטערן די שרעק פון אײערע אויגן; אָפּשנײַדן די טאָרבע פון אײער בעטל; און מיט אויפגעהויבענע קעפּ זיצן אײנם שטעטל; ווי די בײמער אין וואַלד פאַררײסן; און ס'לאַכן פון די קעל זײַן ווי ס'וואַסער, וואָס פאַלט העל פון די בערג, און וויל פון קײן זאָרג נישט וויסן...

ג ע ש ר ײ ע ן

— מ'ווײסט נאָך נישט.

— און געגוג זיכער דערין.

יונגער מאַרכביין

ניִשט וועלן לעקן דעם האָניק, וואָס טריפט פון מייַנע הענט?... בריקען אין די אייגענע קריגן מילך?... וואו זענען די ווענט פון זייערע הייזער?... כ׳וויל זיי אָנטאַפּן, און באַלד פילן דעם אייגענעם טעם, וואָס ס׳דאַרף האָט ביי מיר פאַרזוכט...

גיט אַ צעפיר די הענט און ס׳נעמען פאַלן ווענט, טירן־פענסטער צו קלינגען, דעכער קוילערן, און אַלע איבאייַנעם זיך וואַלגערן אויף די קופּע, ווי דער מאַרק וואָלט פאַר זיי ענג געוואָרן, ניִשט געווען מער קיין אָרט וואו בעלם צו ווערן, — לויפן זיי, פאַלן און שטייען אויף, איינער איבערן צוּדערן, איינער אונטערן אַנדערן, ביז ס׳בלייבט קיינער ניִשט איבער.

פון שטוב פאַלן אַרויס די פאַרברענטע הדס, די מויד.

די מויד

גיט זיך אַ וואָרף צו אים אויפן האַלז, שטעלט אים אויגנבליק אָפּ

צוואָס פאַר אַן אַרבעט האָסטו דיך גענומען?

יונגער מאַרכביין

דערטייטענט

כ׳וויל מאַכן אַ תּל פון די שטאָט.

די מויד

דיין שטאָט, וואָס דו ברענגסט דיך פאַר איר אַוועק?

יונגער מאַרכביין

פריער געשטרעקט דעם האַלז, און אַצינד צערייסן אויף שטיקער...

די מויד

קיל דיך אָפּ.

אַלטער מאַרכביין

באַווייזט זיך

געוואָלט איינשפּאָרן די פויערן אַן אַרבעט: זי זאָל ניִשט קומען אויף זייערע הענט, — און אויסגעדרייט דעם דישעל, זיך אַליין צו איר גענומען...

יונגער מאַרכבֿיין

ווייסן נאָך נישט פון אים, און ווילן שוין מיך נישט קענען.

די מויד

מ׳רעדט זיי איין אַ קרענק אין קאָפּ.

יונגער מאַרכבֿיין

ער זאָל פאַר זייערטוועגן גיין אויפשטעלן די פּלייצעס.

אַלטער מאַרכבֿיין

איינשפּאַנען דעם ווינט אין אַ וואָגן : אַלמאַי זאָל אים קאָנען שלעפּן אַ פערד, און דער ווינט נישט ?

יונגער מאַרכבֿיין

אים דערהערנדיק, בעמט זיך רייסן

ס׳קול זיינס קלינגט מיר אין די אויערן, ווי טויזנט הינט זאָלן בילן, און כ׳מוז אים גיין איינשטילן... *טרעפט אָן אויף די פאַרברענטע הדס, וועלכע שטייט פעסט, אים נישט אַריינצולאָזן אין שול, — און ער בלייבט שטיין* און דו ביסט אויכעט קעגן מיין ווילן ? כאָטש די שטאָט וויל דיך דורסן ?...

פאַרברענטע הדס

וואָס די שטאָט וויל מיך דורסן, גאָרנישט אָפּהאַלטן, — כ׳זאָל מיך נישט איינשטעלן פאַר אים...

יונגער מאַרכבֿיין

נאָך אַ ווײַלע

געמיינט : זי וועט מיר אויסקושן יעדעס גליד, — כ׳וועל איר געבן זיין קאָפּ אין די האַנט אַריין...

פאַרברענטע הדס

ענטפערט נישט.

יונגער מאַרכבֿיין

ביטער

אַ רבי, אַ רבין אָנגעשמעקט.

פאַרברענטע הדס

עגטפערט נישט

יונגער מאַרכביין

קאַרג געווען גראָבע יונגען?... און נישט באַרעכנט: אַז פאַר די איינע מינוט, — נישט בלויז אים ג׳טויט מאַכן, נאָר אויך די שטאָט?...

אַלטער מאַרכביין

זיך אין די יונגע יאָרן נאָכצוקומען דעם יצר־הרע, ביי איר אַ מענטש אַ סך אויסגעמאַכט? אָפּגעבומען ס׳איריקע, — געקאָנט גיין פאַר אַ כפרה אַ רבי, און זיין אַן אָפּלייזער די שטאָט...

פאַרברענטע הדס

געוואָלט פאַרזוכן דעם גוטן ייד, שפּירן אַ טעם אין רבין, אַז ר׳איז מיר פונקט אונטערגעקומען, ווען כ׳בין געקראָכן פון די הויט, זיך געביסן אין לייב, ס׳פלייש אָפּגעשיילט, און אַרומגעלאָפן אין פעלד, און געהיילט...

יונגער מאַרכביין

און אויב דו האָסט געפילט: דער טויט קומט אויף דיר, זאָלסט דיך ברויכן צו באַגיין אָן אים, — דאָס נישט ווידער געקאָנט אויסשפּייען דערנאָד, נאָר געמוזט אַריינברענגען פאַר אַ געדעכעניש אין הויז, דעם קראַנקן מאַרכביין, און מיט אים אונטערשניידן די מאַרכביינער, ווי מ׳שניידט אונטער אַ וואַלד ביימער, זיי זאָלן אויסגעריסן ווערן פון איינעם ביז איינעם; און נישט איבערגעקלערט: אַז דו ביסט אַליין אויך אַ מאַרכביין, און ברויכן באַצאָלן מיטן לעבן?...

פאַרברענטע הדס

מיט וועמען כ׳האָב אין די יונגע יאָרן נישט געהאַט צו טון, האָט מיך ביי קיינעם נישט געהולומט, — עפּעס פון אים צו וועלן און דאָס אָפּהיטן; ביי יענע אַלע באַלד נישט מער געוואָלט ווי קילן ס׳בלוט מיט זייער כוח, זייער גבורה... און וואָס ס׳וואָלט נישט געבליבן אין מיר, און גע־האַט, — מיט גאָרנישט אַנדערש געווען פון דיר, מיט וועמען כ׳וואָלט נישט געהאַט... וואָרן זיי זענען אַלע, מיט וועלכע ס׳אי מיר אויסגעקו־מען צו האָבן צו טון, — אַזוי ענלעך געווען איינער צום אַנדערן מיט זייערע

געזונטע פּיס... גראָבע קעפּ... און דאָס נאָכגיכער געזוכט אויסצושפּייען פון זיך... און ביי אים, אַז כ׳בין געלעגן ביי אים אונטערן האַרץ, און געריכט אויף אַ פייער, וואָס זאָל מיך אָנכאַפּן פון אַלע עקן, מיר יעדעס גליד באַזונ־דער אויפוועקן, לעקן און אויסשטערקן... און דערזען: אַז כ׳בין געפאַלן מיט מיין גאַנצע רציחה איבער אַ קינד, אַ קליין שטיקל מענטשעלע, קוים ס׳חיות דערהאַלט זיך אינם, און גאָרנישט פונם האָבן... פאַר־דאָס געזוכט מיט אַלעם אין אים צו באַגראָבן... אַריינזייגן זיין בלוט מיטן גאַנצן אָטעם, ביז אונטערן האַרץ... און וואָס ס׳אי שוין יאָ ביי אים געווען, זאָל עס כאָטש בלייבן אין מיר, נישט אויסרינען ווי ביי יעדן איינעם, צופריער...

יונגער מאַרכביין

און פאַרוואָס ווידער דערנאָך נישט דערשטיקט, נאָר אים געלאָזט אַזוי גרויס ווערן?...

פאַרברענטע הדס

כ׳האָב אויף די מינוט, ווען ר׳איז אויף די וועלט געפאַלן,—נישט געקאָנט וויסן וואָס כ׳האָב געברענגט; און ווען כ׳האָב שוין יאָ, זעענדיק: ווי ער לייכט אַרויס פונם וויגל, — עפּעס דערשמעקט, שוין דערצו קיין האַרץ נישט געהאַט... דערשטיקן אים, ווען זיין טאַטע האָט פאַרן מיטן לעבן באַצאָלט?... ווייניק: דער טאַטע, און נאָך צערעכט מאַכן דעם זון, בלויז דערפאַר וואָס כ׳האָב אים מיט אים געהאַט?...

יונגער מאַרכביין

קיינמאָל נישט אָפּגעשראָקן פאַר אַזעלכע זאַכן.

פאַרברענטע הדס

פאַרקערט: נאָך אָפּגעהיטן צוליב זיין פאָטערס ערלעך ווייב, די זיידע־נע רביצין, וואָס האָט אָפּגעלעבט מיט אים אַזוי פיל יאָרן, און נישט געקאָנט אַרויסקריגן, וואָס איך האָב מיט איין שאָס פונם אַרויסגע־קריגן...

יונגער מאַרכביין

און דערפאַר: דעם טאַטן אַוועקגעשיקט אויף יענע וועלט; יעקב־העשלען; ס׳קליינע מאַרכביינדל.

פאַרברענטע הדס

באָבקעס!

יונגער מאַרכביין

און ווען ס׳זאָלביים טאַטן, ביי יעקב-העשלען, ביים קליינעם, — דיר נישט האָבן געקראָכן אין קאָפּ, און געוואוסט מיט אַלעם, ווער פאַר ווע-מען ס׳אי די כפּרה?... און אַז ס׳וואָלט מעגלעך געווען מיט זיי צו בלייבן, — ווען ער זאָל גיין מיטן קאָפּ?... אַצינד, אַז דו ווייסט שוין: זיי האָבן זייער לעבן דורך אים באַשטאַט... און אַז נאָך זיי גיי איך, גייט דער אַלטער, — די לעצטע, כאַרבליבענע מאַרכביינער אונטערן שנייד-מעסער, — באַשטייסטו אונז אויכעט צו לאָזן אַוועקלייגן ווי די קעלבער, צוליב אים?...

פאַרברענטע הדס

ענטפערט נישט.

יונגער מאַרכביין

ווען אַפילו ס׳רירט דיך אויף אַזוי פיל אָן, זאָלסט אַליין ברויכן אויסציען די פיס, און צומאַכן די אויגן?

פארברענטע הדס

אויב ס׳קומט מיר דער טויט, ווייל כ׳האב אים געלאַזט לעבן, אים נאָכמער מיר געקומען, ווען כ׳זאָל אים האָבן אומגעברענגט; און אויב כ׳בין נאָכדעם אַרויס אַ לעבעדיקע, ווי כ׳האָב מיך אונטערגעשטעלט דאָס צו טון מיטן רבין, איז מיר שוין אַלץ געוויאָרן פארגעבן, בלויז דערפאַר, ווייל כ׳דאָב נישט געזוכט ביי אים דיר׳ יצר-הרע צו שטילן, נאָר עפּעס אויך מיט אים צו האָבן און אויפצוברענגען...

יונגער מאַרכביין

און אַזוי גיך ווי דו האסט דיר ביי ווערמען צו באַהאַלטן, און זיכער מיט דיין אייגן פעל, — גייען דיך שוין די מאַרכביינער קנאַפּ אָן... גיט זיך אַ

וואַרף און נעמט איר שטיקן איר אַראָפּרוימען, כאָטש איין מאַרכביין איבער־בלייבן...

די פאַרברענטע הדס נעמט זיך שווער ראַנגלען. און כאָטש ס׳קומט אין דער רגע אַרויס דער קראַנקער מאַרכביין: אַ ציטעריקער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געריסן צו איר, — גיט זי אים נאָכגיכער אַ טרייסל אָפּ פון זיך, און ער פאַלט אַוועק ווי אַ שפּענדל צו דער ערד.

קראַנקער מאַרכביין

ציטעריק

וואָס האָט ער געוואָלט?

פאַרברענטע הדס

פאַרשלאָגט אים

מיר אַ קוש טון אין פּיסקל; וואָס ר׳האָט געוואָלט, פרעגט ער.

קראַנקער מאַרכביין

מיר זיך אָבער ס׳האַרץ גלייך אַ ריס געטון...

פאַרברענטע הדס

שטופּט אים אַריין אין הויז

זיי אים נישט אין די אויגן... כ׳קאָן מיר מיין שטעטל אַליין באַשטיין...

אַלטער מאַרכביין

פאַרטראַכט

אַזוי ווי ר׳האָט זיך געוויזן, — זי אים בייגעקומען... הייבט די אַקסלען תמיד איר געווען אַ שפּין, און מיט איינמאָל זיך גענומען פאַרן אַוועקברענגען?...

פאַרברענטע הדס

פאַרריסן

כ׳זע: אַ רבי? פון מיינע פאַרשאָלטענע געדערים איז אַרויסגעקומען אַ רבי?... אָפּ.

אַלטער מאַרכביין

גליקלעך ווי אין די ניין טעג.

יונגער מאַרכביין

שפּרינגט אויף דערציטערט

נישט מער קיין מאַרכביין... מיך געקאָנט אַוועקלייגן ?... נישט אַנדערש ווי די גבורה האָט מיך פאַרלאָזט... זיך פון מיר אָפּגעטון... וואָס וועל איך אַצינד זיין אָן איר ?... אַ קליין יינגל וואָס יעדער קרעציקער הונט קאָן אים בייסן, די פּאָלע אָפּרייסן... גיט אַ געשריי אייזן ! גיב מיר אייזן !...

נעמט אין איילעניש און מיט גרויס צעטראָגנקייט אַדורכוואַרפן שטיקער אייזנס, ביז ער קליבט אויס דעם גרעבסטן שטאַב, פאַרמעסט זיך אויף אים, אַ העלישער פלאַם שלאָגט אַרויס אויף זיין פּנים, אַ געשריי, און פון אייזן ווערט שטיקלעך.

יונגער מאַרכביין

לאָזט זיך פּראָבּ מיר

ער איז נאָך נישט פאַרטיק מיט מיר.

אַלטער מאַרכביין

איבער אים

ווייסט : פאַרוואָס די כוחות זענען דיר אויסגעגאַנגען, און געוואָרן אַ שטיק ליים ? ווייל, ער איז אין יענע רגע געווען דער טאַטע ; און אויב דו ווילסט אים בייקומען, — טאָרסטו עס נישט מער צולאָזן ; וואָרן, אויב ער וועט זיין טאַטע, ביזטו אויס... נישט מער קיין מאַרכביין...

יונגער מאַרכביין

אים דערהרגענען ?...

אַלטער מאַרכביין

ער מעג לעבן, נאָר זיין די מאַמע ; און אַזוי ווי זי האָט אין די יינגע יאָרן געהיליעט מיט יונגען, — ער זיך אַרומטליקען מיט מיידן ; זיי וועלן אים שוין אַזוי אַרומאַרבעטן, אַז די תורה זאָל אים נישט גיין אין קאָפּ אַריין, נאָר אין דאָס אַריין...

יונגער מאַרכביין

טוט אַ געשריי

שוואַרצע !

די מויד

קלאפט צרויס

אַזוי דערצונדן? ס'פּנים אָפּגעשוונדן?

אַלטער מאַרכבײן

זי וועט פונקט זײַן ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים.

יונגער מאַרכבײן

אויף דיר שטעל איך איצט דעם לעצטן קאָן; אויף די שוועל בײַ דיר, הײב איך פון אויפסנײַ אָן...

אַלטער מאַרכבײן

האָסט דיך דערמיט צו פאַרלאָזן אויף איר... די שטאָט וויל אים מאַכן פאַר אַ גבור, — זי קאָן, אַזוי ווי דו קוקסט איר אָן, מיט אירע צווײַ פיס אַוועקלײגן אַ גאַנצע שטאָט מיט גבורים...

יונגער מאַרכבײן

קאָנסט דעם ברודער מײַנעם, וואָס אַלע מײדן לײגן זיך פאַר אים?

די מויד

אָפּגעשראָקן

איך וועל מיך פאַר אים נישט לײגן...

יונגער מאַרכבײן

שטעל אים אויף די באַקן... גיב אים אַוועק ס'האַרץ...

די מויד

אײנמאָל עס אים געפּראָוווט געבן, און מיר גענומען פליען שטיקער פײַער פאַר די אויגן; דער קאָפּ זיך צעוויגט ווי אַ צווײַג, וואָס דער ווינט האָט אַרײַנגעכאַפּט.

יונגער מאַרכבײן

זײַג אים אָן מיט שוואַרץ בלוט, און זיך אָנטרינקען צום טויט דער־מיט; און אַז ער וועט אים אַרויסנעמען פון דײַנע הענט, — וועל איך צוריק אויפשטײן, זײַן גבור איבער שטעט, און מיט דיר אויף אײן ברעט... צרומגעהאַלזט.

אויפגערודער פון פויערן אויפן דאָרף.

אַלטער מאַרכביין

אויב דו קלערסט לאַנג אַזוי צו שטיין, — דיר באַלד די פויערן אָנקומען אויפן קאָפּ אַרויף; ס׳ביסל יונגען אָן דיר זעען אויס ווי הינט אָן עקן; ווייסן באַלד נישט וואו אַריינצוקריכן...

יונגער מאַרכביין

גיט זיך אַ ריס

כ׳גיי אַרויס צום דאָרף פויערן, און לאָז דיך איבער ביי אים...

אַלטער מאַרכביין

און מוזט זען: ער זאָל זיין די מאַמע; אַ רגע טאַטע, איז נאָך אים...

די מויד

פאַרשטעלט זיך ס׳פּנים

אַז ער פאַלט איבער מיר, — גיי איך אויס, און צעפאַל; צעפאַל ווי אַ שטראַל, אַז די זון ווערט פאַרשטעלט... און בין אַליין ביי אים איינגעשטעלט...

יונגער מאַרכביין

ביטער

כ׳וויל אים אַראָפּבייגן דעם קאָפּ דורך איר, — כ׳זאָל קאָנען מיינעם אויפהייבן, האָב איך מורא: ס׳זאָל נישט זיין פאַרקערט, און איר נאָך אָפּשניידן מיט די מאַמעס יצר־הרע פון דרערד... שטייט פאַרטראַכט אַצינד ווייס איך נישט פאַרוואָס מער איבערצוקלערן: פאַרן טאַטן, צי פאַר די מאַמעס יצר־הרע ביי אים?...

אויפגערודער פון פויערן, שטאַרקער.

אַלטער מאַרכביין

באַווייזט זיך

שוין? זיך פאַר זיי באַהאַלטן ביי איר אונטערן קליידל?...

יונגער מאַרכביין

רייסט זיך אויס

די בעקלעך זייערע ביי מיר באַלד פלאַקערן ווי ביי אַ יונג מיידל... ראש אָפּ.

אַלטער מאַרכביין

זעענדיק איר שטיין

שטיי נישט, שוואַרצע; ער איז איינגעשטעלט אַצינד...

די מויד

אָפּגייענדיק

אַוועק ווי אַ ווינט...

אַלטער מאַרכביין

נעמט זיך אָנטון אייזערנע הענטשקעס

מ׳ברויך מיר שוין נישט ווינטשן אַלט צו ווערן הונדערט יאָר, — און נאָך נעמען גאַנצע הונדערט פּויערן אויף מיין חלק. מושטירט זיך

סמיר—ר—ר—נ—אַ—אַ—אַ—אַ! אָפּ זינגענדיק.

פּראָשטשייטיע, גלאַזקי גאָלוביע,
פּראָשטשייטיע נאַגלאַדניע מאָיע.

דער צדיק

מיט אַ כאָפּטע לערנערס

ס׳אי קלאָר ווי דער טאָג,
אַז דאָס צינגל פון דער וואָג,
וואָס צאַפּלט אַהין און אַהער, —
איז ער; איז ער...

אַ לערנער

וואָס גייט ער נאָך צו זיי אַהיים

דער צדיק

מ׳ברויך אים אָפּשניידן, ווי מ׳שניידט אָפּ אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן פון די מוטערס נאָפּל.

לערנער

און מסכּים: ער זאָל זיין רבי?

צווייטער

ממלא מקומו נאָך זיין טאַטן, ז״ל?

ע ר ש ט ע ר

נאָך נישט אָפּגעשניטן די טומאה פון די נעגל.

צ ו ו ײ ט ע ר

נעכטן נישט געוואוסט דעם חילוק פון אַ קמץ ביז אַ סגל.

ע ר ש ט ע ר

ביי סמיכה קוקט איר אויף די האָר, און שטעלט אַוועק צוליב אַ שפּילע־קעפּעלע...

צ ו ו ײ ט ע ר

נישט, רבי.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

קומט אַרויס

יאָ, רבי.

א ײ נ ע ר

אונזער אור קדוש?

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אור קדוש.

צ ו ו ײ ט ע ר

עמוד האש פאַר ייִדן, פאַרוואָגלטע.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

עמוד האש...

א ײ נ ע ר

מ׳ברויך דאָס זעען.

צ ו ו ײ ט ע ר

און הערן.

ע ט ל ע כ ע
אויף אַמאָל

זאָג תורה.

קראַנקער מאַרכביין
לויטער

כ׳וויל דערגרונטעווען די פאַרצווייגטע וואָרצלען פון ביימער; דערגיין וואו קוואַלן נעמען זיך אָן מיט כוח, שפאַלטן אַדורך די ערד, און שלאָגן אַרויס מיט אַ שטיל איינגעהאַלטן געשריי: כ׳וויל הערן דאָס געשריי פון לעבעדיקע קוואַלן...

דער צדיק
אינגאַנצן, דער טאַטע; ווי ער אַליין וואָלט אויפגעשטאַנען, דער צלאָפּער, און אים געהערט.

קראַנקער מאַרכביין
מ׳האָט מורא פאַר ווינטן, פאַר פלאַמיקע ווינטן, וואָס צינדן אָן ס׳פנים, צענעמען דעם גוף, און לייגן אים אַריין אין בעט... ווינט רייניקט ס׳בלוט, וואָס נעמט זיך אָן אונטער די הויט פון דער ערד, און פון יעדע בריאה; ס׳שלעכטיקייט בייסט אויס דער ווינט; אַמאָל: לייכט, און אַמאָל מיט אַ שטיק פלייש; און ווען, חלילה, מיט אַלעם, — האָט ער שוין אַפּנים מער דאָרט נישט געקאָנט רייניקן; איז געווען צעפוילטער גוף, ס׳בלוט צופיל קאַליע, און נישט געהאַט געבליבן קיין איין גאַנץ אבר, — וואָס זאָל זיך קאָנען אַקעגנשטעלן, אים בייקומען...

דער צדיק
פּערל.

קראַנקער מאַרכביין
וואָס איז אַ וואַלד? נישט מער ווי ביימער, ווייסע ביימער, שוואַרצע, ברוינע, — ס׳איז זעט ביימער; אָבער די בלאָע שיינקייט פון די ערד איז נישט בלויז דאָס אָפּשטעלן זיך פון אַ סך ביימער אויף איין אָרט, אונטער די הימלען; יעדער בוים האָט זיין שאָטן; און שאָטן איז אָפּרו;

אין שאָטן פון איין בוים רוט זיך אָפּ איינער; אין שאָטן פון אַ סך ביימער, — אַ סך; און אַ וואַלד, אַ גאַנצער וואַלד ביימער איז אַ חלק מאַלקי, ס׳גרויסע המרו אָרט...

ל ע ר נ ע ר ס

— תורה!
— תורה!
— תורה!

אַ נ ד ע ר ע

מיט געזאַנג

די תורה קומט פון אויבן,
די תורה קומט פון גלויבן
אין אים, אויבן, —
די תורה איז גלויבן.

אין דער מינוט ווערן אַלע באַפאַלן מיט אַ געלעכטער, און אַ קוויטשען פון די

ד אָ ר פ י ש ע מ י י ד ן

וועלכע כאַפּן אים אַריין

— ער איז אונזער, אונזער, אונזער,
און איבער אים צו זאָגן...
— אויף אונזערע אַקסלען טראָגן.

טראָגן זיך מיטן אַרום.

ד ע ר צ ד י ק

פאַרחושכט

פאַרמאַך די אויגן, און לעש די מאַמעס תאווה מיט טרערן; פאַרשריי שטיל אירע יסורים.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

געבראָכן

כ׳קאָן נישט, רבי.

ד ע ר צ ד י ק

שטאַרק דיך, און גיי מיטן כוח פון דיין טאַטן, דעם צלאָפּער, זכותו יגן עלינו...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י י ן

די מאַמעס יצר־הרע איז שטאַרקער פאַר אים.

ד אָ ר פ י ש ע מ י י ד ן

פאָרן מיטן אָרום

– זיין געלעגער איז אונזער בעט.

– אונזער בעט זיין געלעגער.

ד ע ר צ ד י ק

שרייטס: מכשפה לא תחיה!

ל ע ר נ ע ר ס

מיטן גאַנצן כוח

מכשפה לא תחיה,

תחיה מכשפה לא,

לא תחיה מכשפה.

ד אָ ר פ י ש ע מ י י ד ן

מאַכן מיאוסע העוויות, פאַרטשעפּען און פאַרטרייבן די לערנערס מיט זייערע שפּיציקע פינגער, – פאַר די נעז, אויערן, גאָמבעס און פאות

שוואַרצע קאָטערלעך, ווייסע בלאָטערלעך, דערשראָקענע העזעלעך, אָנגעצונדענע נעזעלעך, רויטע עקעלעך מיט שוואַרצע פלעקעלעך...

ד י מ ו י ד

פליט אַרויס ווי אַן אונטערגעשאָסענע, מיט אַ בעזעם אין האַנט, און נעמט זיי אויסקערן

פון די מיל, פון די קרעטשמע, פון שוואַרצן קאָטער, פון וואַנעט, דער רוח ווייסט, – זיי אַלץ אָנגעטראָגן?...

ד אָ ר פ י ש ע מ ײ ד ן
צעשפּרײטן זיך

נאַדיר, איר...
ס׳דאַרף יונגען איז װײניק פּאַר איר...
נאָך מיט אים אויך אויסשטעכן די אויגן, —
זײן דער שפּיץ פון איר פײלנבויגן...

ד י מ ו י ד
בײגט זיך גראָפּ, און גלעט אים

איך װעל דיך שטעלן אויף די פיס...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י ן
ציטעריק

זײ ציען מיר אויס דעם מאַרך פון די בײנער, ס׳בלוט פון די אָדערן...

ד י מ ו י ד

זײַן בײ מיר, און איבער דיר קײן כוח נישט האָבן.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י ן

דו ביזט גרעסער פון זײער יצר־הרע ; און זײער יצר־הרע ברענט אין דײַן בלוט...

ד י מ ו י ד

װײל ער איז גרעסער בײ מיר, דיך פון זײערן קילן...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י ן

כ׳זאָל מיך ברויכן אויסהיטן פון זײ בײ דיר אונטערן קלײד, — נישט קאָנען אויפהײבן די אויגן קעגן מײן ברודער ; יעדער אײנער אים געבן געד רעכט, — אַז ר׳װעט מיר װעלן דעם קאָפּ אָפּשנײדן...

ד י מ ו י ד

ער זיך אַזוי לאַנג אויסגעטויגט, ביז כ׳האָב נישט דערשפּירט אַ שטאַרקערן פון אים...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב י ן

בין איך שטאַרקער פון אים ?

די מויד

נישט: איינצוליי̈גן אַ הויז, אָפּדרייען אַן אָקס דעם קאָפּ; אָבער אויף דעם וואָס אַ מויד ברויך, – קאָן ער זיך צו דיר נישט גלייכן...

קראַנקער מאַרכבֿיין

דעריבער יאָגן זיי זיך אין די האָרמעס נאָך מיר, די מיידן...

אויפגערודער פון פויערן, שטאַרקער.

פאַרברענטע הדס

קומט אַרויס, פאַרווירט

נאָך קיינמאָל נישט אַזוי באַרירט, ער איז אַרויס זיך שלאָגן אויף די דערפער...

די מויד

אַוועק אָן אַ קאָפּ.

פאַרברענטע הדס

איך האָב אים נאָך צוגעשמעלצט.

די מויד

צופיל אַראָפּגעקלאַפּט, צופיל.

פאַרברענטע הדס

עס איז דאָך אויכעט אַ זון... און אַז כ'האָב אים נישט געלאָזט אַ מיתה אָנטון – איז מיך שוין דערפאַר געקומען אומצוברענגען?... ס'אי מיר גוט, כ'זע: איינער איז מיטן אַנדערן אויף מעסער־שטאָך?... צווישן זיך נישט מער ווי ברידער, און ביי מיר גאַליקע קינדער... אַפּ.

אויפגערודער פון פויערן, שטאַרקער.

די מויד

האָרכט זיך איין, און האַלזט אים אַרום

די רגע, וואָס כ'זע דיך, און ס'קומט מיר גאָרנישט אויס צו האָבן פון דיר, – גיי איך אַוועק מיט אַ לאָך אין האַרץ...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

ס׳אײגענע קומט מיר אויס צו הערן פון אַלע מײדן, אויפן דאָרף.

ד י מ ו י ד

מײן בלוט איז שוואַרצער פון זײערס.

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

זיך אײנהערנדיק

אַמאָל עמעץ קומען און מיך רײניקן, — דאָס אַ מויד זאָל נישט װערן פאַרצאַפּלט, קוקנדיק אויף מיר...

ד י מ ו י ד

דורך מיר, זײ דיך אויפהערן פײניקן...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

דיר גלײבן?

ד י מ ו י ד

אײנהערנדיק

כ׳בין אָפן און גרײט מיט אַלעם, זאָלסט קאָנען צום גלײבן קומען... נאָר, די גבורה זאָל מיט אים אינאײנעם זײן, און דאָס מאָל פון אים נישט אָפּשטײן...

ק ר אַ נ ק ע ר מ אַ ר כ ב ײ ן

אײנהערנדיק

און איך גײ מיך לײגן מיט דיר, אַז כ׳זאָל אַצינד, די מינוט, נישט זײן דער טאַטע... נעמט זיך פלוצלינג ראַנגלען און אַז אַ װאַלד צינדט זיך אָן אויף מײלן, ברענט נישט בלויז דער זאַפט פון די בײמער, נאָר ס׳טרו־קענען אויך אונטער אים זײנע װאָרצלען...

ד י מ ו י ד

אײנהערנדיק

נישט לאָזן דעם טאַטן אַרומאַרבעטן אין אים... האַלזט ארום טאַפּ מיך... עס מיך... מײן פלײש איז יונג, און זיס... רײצן דיך נישט מײנע פיס?... צום הינטערגרונט זײ שטאַרק, כ׳האָב אים פעסט אין מײנע הענט...

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

רייסט פון איר ס׳אַנטועכץ

זיין דער טאַטע, — ער איז געוויס דערהרגעגען אַצינד...

ד י   מ ו י ד

דערוויטערט מיט אים

וועסט גאָרנישט האָבן קעגן מיר, אַז כ׳וועל אים דערמיט די גבורה אונטערלענען...

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

מורמעלט

די מאַמעס זון, די מאַמעס... מיטאַמאָל אַז סטאַדעס פייגל פליען אינאיי־נעם איבער אַ שטאָט, איז אַ סימן: רחמים, ס׳אי דאָ רחמים פאַר איר... גיט זיך אַ צאַפּל אַוועק, טאַטע!... כ׳בין די מאַמע אַצינד... בייסט זיך איין אין איר כ׳וויל בעסער אַליין דעם טויט...

ד י   מ ו י ד

צווישן די ביימלעך מיט אים

פילסט ווי גלאַטיק ס׳אי די הויט, ביי אַ יונגע צאַפּלדיקע מויד?...

אויפגערודער פון פויערן, וויטער אָפּשיין פון פייער, — אַזוי ווי ס׳וואָלטן אויסגעבראָכן שריפות.

ד י   י ו נ ג ע ן

הייבן אָן אַראָפּצוקומען

— דעם אַלטן מאַרכביין אַוועקגעלייגט מיט איין טשמעל.

— דער יונגער, זיך אויך גישט קאָנען לאַנג האַלטן אויף די פיס.

— גייט און צינדט אונטער, אַוועקגייענדיק, וואָס ס׳קומט אים אונטער די הענט.

— הייזער פלאַקערן ווי קנויטן פון שטורקאַצן...

י ו נ ג ע ר   מ אַ ר כ ב י י ן

קומט דערנאָך צוריק, איינגעטונקען אין בלוט

בלויז געשטאָכן... און כ׳קאָן נאָך לעבן... נאָר, אַ קאַליקע... אַ מאַרכ־ביין, אַ קאַליקע... יעדער זאָל אים אַריינלאַכן אין פנים... רייצן מיט אים; ב־ר־ר־ר... און איך וועל זיי וואַרפן די קוליעס אין קאָפּ אַריין...

בייגט זיך איין די מאַרכבײַנער אונטערגײַן, און ער בלײַבן ?... נעמט איבּ זוכן האָבן איבער מיר אויסגעפירט ?... פאַלט און שטייט אויף כ׳מוז אים מיטנעמען... דאָ נישט איבערלאָזן... דרייט זיך אין דרייעןביידע אײַנײַנעם שטאַרבן... וויל זיך אויפהייבן כאָטש אַ רגע פאַרן טויט די שטאָט פאַרברענען, כ׳זאָל קאָנען... אָפּגייענדיק אין בלוט כע־כע... אַמאָל דערציילן קינדער אין די וויגן פון די מאַרכבײַנער, און זייערע גבורות... בלײַבט אומבאַוועגלעך.

די רויטקייט פאַרשפּרייט זיך אינאײַנעם מיטן בייזן געוויש פון די פייערן.

חזירטרײַבער

קומט אַרויס אין בלויזן קאָפּ, אָנגעטון אין אַ ווייס גלחיש העמדל, — טראָגט אַ צלם

ס׳ברויט וואָס ווערט געבאַקן
יעדן טאָג, הינטער זייער טיר, —
שמעקט מיר ;
דעם שענקערס בראָנפן שלעפּט איין
מײַן געביין,
אַלע אויף דער נאַכט ;
כ׳ווייס נישט : ווער ס׳האָט אויסגעטראַכט,
זיי עסן אַראָפּ די הויט
פון אונזער ערד ;
אַז פון צדיקס הייליקע רייד
טראָגט זי, און געבערט ;
פון רופאס זאַלב,
ווער איך געהיילט.
און אויב ס׳בלאָזט דער ווינט
בייז אַצינד, —
פראַוון זיין די איינע שוואַלב,
אויסגעטיילט
פון גאַנצן געזימל,
און בעטן פאַר זיי ביים הימל.

לאָזט זיך אַראָפּ.

זייגערמאַכער, פערדהענדלער, מעלהענדלער, וויינשענקער, פליישיקער, מיל-ביקער, ס'שניידערל, — קומען אַלע אַרויס פון די שול; יום-טובדיק אָנגע-טון, אין די זיידענע קאַפּאָטעס, האַלטן ספרי-תורות.

פ ע ר ד ה ע נ ד ל ע ר

פאַר זיי פאַלן אויף די קני.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

זיך אָנבעטן ס'לעבן.

ז יי ג ע ר מ אַ כ ע ר

מיט די פויערן אַלעמאָל געהאַט אַ טועכטס.

פ ל יי ש י ק ע ר

זייט הונדערטער יאָרן.

מ י ל כ י ק ע ר

און מיט זיי אַדורכגעקומען.

ס ' ש נ יי ד ע ר ל

אַז אונזערע זיידעס האָבן זיך געקאָנט מיט זיי פאַרגלייכן.

וו יי נ ש ע נ ק ע ר

אונזערע עלטער-זיידעס.

מ ע ל ה ע נ ד ל ע ר

עלטער-עלטער-זיידעס.

פ ל יי ש י ק ע ר

עלטער-עלטער-עלטער-זיידעס.

ס ' ש נ יי ד ע ר ל

מיט וואָס זענען מיר אַנדערש?

פאַרברענטע הדס

צעהרגעט, צעבלוטיקט, ס'אַנטוועכטס אויף איר אָפּגעריסן און צעפליקט, —
ווערט געטריבן פון צעיושעטע בעלי-עגלות, קצבים, שוסטערס, שניידערס

ס'זאָל מיר נאָר געראָכנט ווערן די זינד, אַז כ'האָב מיך פאַר אים איינגעשטעלט, און מיט אַזוי פיל מי אויפגעברענגט?

די האָרמע

נאָך איר

— מ'טאָר איר נישט לאָזן לעבן.
— זי האָט די שטאָט אין דעם אומגליק אַריינגעפירט.
— מאַנס געוועזן דעם צלאָפּער רבין.

פאַרברענטע הדס

ברעכט צוזאַמען

וואו איז ער?... אַז דער יונגער מאַרכבײַן האָט געלעבט, — אויף מיר קיינער נישט דערוועגט קיין האַנט אויפצוהייבן; און יענעם געלאָזט אומקומען, ווייל כ'האָב אים נישט געוואָלט אומברענגען, — ער מיך דאָס אַצינד לאָזן?...

די האָרמע

נעמט איר פאַרוואָרפן

— מיט שטיינער איר פאַרשטיינערן...
— ס'קומט איר סקילה.
— סקילה.

קראַנקער מאַרכביין

קומט אַרויס, געאײַלט

שוין באַלד אַרויס פון די קללה, גייט מע זיך פריש אין איר איינהילן?... איר דערהרגענען, — גאָר קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען צו איר...

דער צדיק

האַלט זיי צוריק

זי האָט אויסגעלאָשן ס'ליכט אין צלאָפּע, און עס צוריק אָנגעצונדן.

ד י   מ ו י ד

קומט ארויס, דערזעט דעם יונגן מאַרכבֿיין ליגן, און כאַפּט זיך צוריק

בחנם געוועזן דאָס איבערגעבן זיך צו אים...

ק ר אַ נ ק ע ר   מ אַ ר כ ב ײ ן

געמיינט: כ׳וועל זיין די מאַמע, וועט ער זיי בייקומען; דערווייל נאָכ־גיכער מיר צוגעהאָלפן ווערן טאַטע, און אים מיט אַלעם דעם טויט גע־מאַכט...

ד ע ר   צ ד י ק

נעמט אים אונטער די חופּה

יידן, זאָגט מיט מיר: על דעת המקום.

ד י   י י ד ן

זאָגן

על דעת המקום.

ד ע ר   צ ד י ק

ועל דעת הקהל.

י י ד ן

ועל דעת הקהל.

ד ע ר   צ ד י ק

בישובה של מעלה.

י י ד ן

בישובה של מעלה.

ד ע ר   צ ד י ק

ובישובה של מטה.

י י ד ן

ובישובה של מטה.

ד ע ר   צ ד י ק

אנו מתירין.

ייִדן

אנו מתירין.

דער צדיק

זאָלסט זײַן אַ ייִד
צוגלײַך מיט אַלע ייִדן.

דער צדיק

גיט אײַך אָפּ מזל־טוב, ייִדן; איר האָט מחיה המתים געווען דעם טאַטן זײַנעם, און צוריק געקריגן דעם צלאָפּער רבין.

ייִדן

— מזל־טוב, רבי!
— מזל־טוב, רבי!
— מזל־טוב, רבי!

קראַנקער מאַרכבײַן

אַצינד, רבי, רײַסט מיר אַ קריעה נאָך די מאַרכבײַנער.

דער צדיק

שנײַדט אים אַ קריעה.

ס׳שנײַדערל

פרום

געלויבט השם־יתברך, רבי, — נישט בחנם אָפּגעלײגט אַ וועג; עפּעס האָבן דערגרײכט מיטן קומען.

קראַנקער מאַרכבײַן

און נאָך די קריעה, מוז איך נעמען חופּה וקדושין מיט איר.

פּערדהענדלער

אוי, דער בויך!

ס׳שנײַדערל

אונזער רביצין זײַן?

קראַנקער מאַרכביין

מיט זיין טויט איז די שטאָט געוואָרן דערלייזט, זיך די קללה פון איר אָפּגעטון; און דאָס וואָלט קיינמאָל נישט געווען, — אַז זי זאָל מיט איר יצר־הרע ביי מיר מיינעם נישט איבערברעכן...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

פליישיקער

און נישט דעם רבינס תורה?

מילכיקער

זאָר אירע פיס?

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

מעלהענדלער

פלוצלינג:

פון וואַנעט האָבן זיך גענומען די קראָען איבער די קעפ? אַזוי פיל שוואַרצע קראָען?

פליישיקער

ס'בריט זיי, און גייען אַוועק פון די קליפּות...

קראַנקער מאַרכביין

דאָס זענען די קליפּות פון יענע מיידן, וואָס האָבן מיך אָפּגעהיטן, און דורך איר, — צו מיר מער אַצינד קיין צוטריט נישט...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

דער צדיק

ווייבער, פירט די כלה אונטער דער חופּה; שטאָט פון כלהס צד, און די מאַמע פון חתנס צד...

פערדהענדלער

אוי, דער בויך!

דער צדיק

זאָגט מיט אים

הרי את...

קראַנקער מאַרכביין

זאָגט נאָך

הרי את, מקודשת לי...

עולם

מזל־טוב, חתן־כלה!

די פויערן

קומען אָן צו בושעווען מיט ווידלעס, העק און קאָסעס.

קראַנקער מאַרכביין

לויטער

פון די גבורה, וואָס איר האָט געליטן, איז מער גאָרנישט געבליבן; אַן אַנדערע גבורה שלאָגט פון זיי דורך מיר, די אַלטע גבורה, די אייביקע אומפאַרענדערטע, וואָס ברענט נישט ווי דאָס העלישע פייער, נאָר היילט פון אינעווייניק, און אייך פון אַלעם אויסהיילן.

פויערן

לאָזן זיך אראָפּ אויף די קני.

פאָרהאַנג

עפילאג

אין אַ פּאָר מינוט אַרום.

דאָס געזאַנג

פון צלע און פון
ארום און צרום

די תורה קומט פון אויבן,
די תורה קומט פון גלויבן
אין אים, אויבן, —
די תורה איז גלויבן,

קליינע טעג

טראגעדיע אין דריי אקטן

א. באַרמאַק,

א. און דאָרע וויינמאַן, —

לזכר עולם.

עס שפּילן:

ה׳ ברויער

אַניטע
לעאָ
יולעק
העלא
} זיינע קינדער

מיני

טונקל

דער פרעמדער

דאָקטאָר

ערשטער אקט

בײ ה׳ ברויער אין שטוב.

אַניטע

אין שוואַרצן, שפּילט טרויער.

העלאַ

אַ יונג, ליכטיק מיידעלע, קומט אַריין, טראָגנדיק אַ שפּילראָד, — נעמט וויינען.

אַניטע

וואָס האָסטו דיך אײַנגמיטן דרינען, — צעוויינט?

העלאַ

ווייל, כ׳האָב מורא.

אַניטע

כ׳בין דאָך אינאיינעם מיט דיר אין שטוב, און פאַר וועמען האָסטו מורא?

העלאַ

פאַר דיין שפּילן.

אַניטע

אין זיך

נאָך גאָר אַ פּיצל קינד, און שוין אַ מבין, — פאַרוואָס ס׳האָט מורא צו־האָבן...

העלאַ

יאָ, אַז דו שפּילסט אַזוי, כ׳זאָל ברויכן וויינען; אַמאָל, אַז דו האָסט גע־שפּילט, — האָב איך געזונגען; שפּיל אַזוי, כ׳זאָל זינגען... שפּיל אַזוי...

אַניטע

אַמאָל, יאָ, אַז לודוויק האָט געלעבט, האָב איך מיך נאָר געברויכט צו־צורירן, — די שטוב זאָל זיך דערפרייען... האָט אים אַן עין־הרע אויפ־געגעסן...

העלאַ

דערפרייט

איך האָב נאָך ס׳פערדעלע מיט די גלעקלעך, וואָס ער האָט מיר געברענגט...

אַ נ י ט ע

דו, יאָ, האָסט נאָך ס׳פערדעלע מיט די גלעקלעך; און איך וואָס האָב?

ה ע ל אַ

דער טאַטעלע זאָגט: ער איז אַוועקגעפאָרן; און דו מיינסט, כ׳ווייס נישט?...

אַ נ י ט ע

וואָס ווייסטו?

ה ע ל אַ

נאָט האָט אים צוגענומען אין הימל אַריין.

אַ נ י ט ע

יאָ, צוגענומען: די בלאָע אויגן זיינע, דעם קאָפּ שוואַרצע האָר, און ס׳האַרץ מיר איבערגעלאָזט, קינדעלע... שפּילט.

ה׳ ב ר ו י ע ר

אַ ווײַלע אויף די שוועל, גייט אַריין און מאַכט ליכטיק

אַניטע? אַ רגע אַ ריין בית־עולם מיר פון די שטוב געמאַכט.

אַ נ י ט ע

קערט זיך אָפּ, קוקט לאַנג אים אין די אויגן, און שטייט אָפּ פון שפּילן.

ה׳ ב ר ו י ע ר

אין זיך

און פריער נישט אויפגעהערט, ביז זי האָט מיין בליק דערשפּירט...

אַ נ י ט ע

גייט אונטער אויף די שפּיץ פינגער

שוין, כ׳שפּיל נישט מער.

ה׳ ב ר ו י ע ר

נישט קיינמאָל מער?

א נ י ט ע

די מינוט, נישט; דערנאָך, וואָס ווייס איך? פילייכט נישט האָבן קיינער מער צו שפּילן?

ה׳ ב ר ו י ע ר

אַזוי וויט קלערסטו צו פאַרקריכן? הו־ם... און דו מיינסט דיר עפּעס צו העלפן דערמיט? און גיכער אַרויסקריגן דעם סוד, וואָס ער האָט מיטגענומען אין גרוב אַריין?

א נ י ט ע

שווייגט.

ה׳ ב ר ו י ע ר

דאָס שפּילן ציט נאָר צום איבעריקן אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער... און ס׳אי דיך שוין באַלד נישט צו דערקענען מער... זעסט אויס: ווי דו זאָלסט אַלע דיינע יאָרן האָבן אין אַ קלויסטער פאַרברענגט; קיין טראָפּן בלוט אין פּנים נישט.

א נ י ט ע

לענט זיך אָן אין אים

טאַטעלע, ס׳האָט דאָך מיך אַזוי שווער געטראָפן...

ה׳ ב ר ו י ע ר

גלעט איר איבערן קאָפּ

ווי שווער דיך נישט געזאָלט טרעפן, און אויב ס׳אי נאָר אַוועק, ברויך עס דיך שוין ווייניקער באַרירן; יעדעס אומגליק האָט אַ גליק: וואָס עס דערהאַלט זיך נישט; און אַזוי גייך צי נישט אַזוי גייך ווי ס׳גישיט, — גייט מע דערפון אַוועק; אַנישט, — וואָלט דאָך קיין וועלט נישט געווען, אויב יעדער זאָל זיך אַרומטראָגן מיט זיין בראָך אין בוזים; קיין מענטשן נישט אַרומגעגאַנגען, נאָר די שאָטנס פון זיי...

ה ע ל אַ

וואָס האָט זיך געהאַט צוגעזעצט צו די שפּילטעסער, שטייט אויף

טאַטעלע, זעסט? דאָס קעצעלע האָט מיר נאָך לודוויג געברענגט.

ה׳ ברויער
עטוואָס צעטומעלט

וועד? לודוויג?

העלאַ
יאָ! און די פּופּע אויך... זי שרייט: מאַמ — מאַ!... כ׳לייג איר שלאָפן, — פאַרמאַכט זי די אייגעלעך...

ה׳ ברויער
קושט איר אין קעפּל

וויפיל כ׳האָב דיך געבעטן, זאָלסט נישט דערמאַנען זיין נאָמען מער...

העלאַ
טאַטעלו, פאַרוואָס?

ה׳ ברויער
ווייל, אים האָט גאָט צוגענומען...

העלאַ
איינגעשפּאַרט

טאַטעלו, צוואָס?

ה׳ ברויער
ביזט נאָך צו יונג, זאָלסט ברויכן וויסן... גיי, לייג שלאָפן די פּופּע, — שוין אוודאי מיד אָפּן צו האַלטן די אויגן אַ גאַנצן טאָג; קאָנען איר נאָך אָנהייבן ווי טון...

העלאַ
פון פריער

טאַטעלו, און גאָט וועט אים נאָך צוריק אָפּגעבן אויך?

ה׳ ברויער
אוודאי; אַז גאָט נעמט, גיט ער צוריק אָפּ; נאָר, אויב ער וועט נאָך אַזוי אויסזעען ווי פריער, און האָבן ס׳אייגענע פּנים?...

העלא
און וואָס וויינט ווידער אַניטע, טאַטעלו?

אַניטע
ווייל כ׳קלער שטאַרק איבער: צי מ׳וועט אים נאָך מיר אַזוי אָפּגעבן ווי ער איז געווען, און טאַקע האָבן ס׳אייגענע פּנים?...

ה׳ ברויער
און, אויב נישט?

אַניטע
וואַרפט זיך איבערן קלאַוויר, שפּילן.

ה׳ ברויער
געבראָכן

מיך אַמאָל געפלעגט ציען פון דער זיבעטער שטוב, ס׳שפּילן אירס; ס׳האַרץ זיך דערפון געפרייט, צעגאַנגען... און איצט מיך ערגעץ געוואָלט אויס־באַהאַלטן דערפאַר וואו ס׳הויז האָט קיין עק נישט...

אַניטע
אַפילו ס׳קינד רייסט זיך אָפּ אָן אים, און איך זאָל עס נישט טאָרן?

ה׳ ברויער
דו מאַכסט דיר מער נ׳טויט, ווי דו קאָנסט דיר העלפן.

אַניטע
טאַ־טע!

ה׳ ברויער
געלעבט אַ מענטש, נאָך אַ זון מיט אים געשיינט! געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך זייער געלאָזט ליבן... כ׳ווייס גאָר אַליין נישט, זיין כּוח?... ווי ווייניק געווען, און זיך מיט אים אָפּגעפרייט, — שוין געהאַט אַזוי צוגענומען, ווי אַ בוים, וואָס שטייט אָפּ הונדערטער יאָרן אויף איין אָרט; און ס׳איז אויסגעקומען, ווי מ׳וואָלט אַ שטיק פליש פון לייב אויס־געשניטן, אַ שטיק פון לעבעדיקן לייב; אָבער ער איז דען געשטאָרבן אויף זיין בעט ווי אַ מענטש שטאַרבט, אָדער אומגעקומען? און נישט אַליין צו זיך אַ סוף געמאַכט?

אַ נ י ט ע

זאָג דאָס נישט, טאַטע.

ה׳ ב ר ו י ע ר

אַ !... פאַרוואָס, כ׳וויל נישט, — זאָלסט דיך אָוועקבּרענגען ?... *פאַרטראַכט* וויפיל כ׳האָב מיר נישט געבּראָכן נ׳קאָפּ, עפּעס געוואָלט דערגיין, — און קיין שפּעלטעלע צו זיך נישט אָפּן געלאָזט, — מ׳זאָל קאָנען דערין אַרייַנקוקן ; פאַרמאַכט אַלע טויערן ; און ווענט, מיט הויכע ווענט אַרומ־געמויערט, — נעם און קלעטער כּאָטש אויף זיי אין הימל אַרייַן... וואָס ווייס איך צו קלערן, און מיר ס׳קלערן העלפן ?... האָט ער דעם חורבּן פון פריער אַ גרייטן מיט זיך מיטגעבּרענגט ?... *קוקט איר אין די אויגן* צי פאַר די פאָר חדשים דורך דיר דאָס געזאָלט בּיי אים האָבּן אַרויסגע־וואַקסן ?...

אַ נ י ט ע

טאַטע !

ה׳ ב ר ו י ע ר

דורכדרינגלעך

און דערצו געטריבּן, ווייל זיין איידל האַרץ האָט נישט געקאָנט אויס־טראָגן, — ס׳זאָל ווערן אויפגעבּראָכן פאַר די וועלט ?...

אַ נ י ט ע

באַהאַלט ס׳פּנים אין די הענט

ניין, טאַטע.

ה׳ ב ר ו י ע ר

פאַרדריסט מיך ערשט, פאַרוואָס ס׳האָט אים פריער נישט אונטערגעריסן ?... נאָר דערנאָך, אַז ר׳האָט שוין עמעצן געהאַט צוגעלאָזט צו זיך, אַ באַשע־פעניש, וואָס זאָל נישט קאָנען מער אויסקומען אָן אים ; ווערן מיט אַלעם פאַרענגט, און ווי אין קליינע טעג פאַרבּענקט... און אפשר קומט אים אַ יישר־כּוח ?... ווייל, ר׳האָט זיך נאָך אַלץ באַצייטנס געכאַפּט ?... אַ בּרירה געהאַט צו לאָזן אין וועג אַרייַן, ווען ס׳זאָל זיין נאָך ערגער ?...

אַ נ י ט ע

כאָטש געהאַט אויף וואָס צו קוקן.

ה׳ בּ ר ו י ע ר

קוקן און דריקן: וואָס עס האָט פון אים, און וואָס פון דיר?... דיין נעזל צו זיין זעלטענעם ריר?...

אַ נ י ט ע

אוי ווי ס׳האַרץ דיינס וואַרפט זיך, ווי אַ ים וואָלט זיך צעוואָרפן דערין...
כ׳קאָן נישט צוזען...

ה׳ בּ ר ו י ע ר

ווי אַזוי זאָל איך קאָנען צוזען: ווי דו גייסט אונטער, ס׳זאָל זיך נישט וואַרפן?... און ס׳הייבט זיך אָן שאָקלען ווי אַ בוים אויפן ווינט, — אַ גאַנץ הויז מיט אים?...

אַ נ י ט ע

דריקסט מיך צו מיט דיין רעדן, ס׳זאָל מיך צום איבעריקן אַוועקלייגן..

ה׳ בּ ר ו י ע ר

ס׳האָבן גענומען פאַלן אַזוינע ביימער: צווערשט דיין מאַמע... דערנאָך, דיין מאַן... און אַצינד ריקסטו דיך אַליין אַרונטער מיטן קאָפּ אונטערן מעסער...

אַ נ י ט ע

כ׳וויל דאָך מיר פאַרגרינגערן, טאַטע....

ה׳ בּ ר ו י ע ר

נישט ווייניקער פון דיר די משא פונם אומגליק געטראָגן גאָר איינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן: ער איז פון די פרעמד געקומען... נישט אַנדערש געוועזן, — ווי דיין מאַמע האָט מיר נאָך אַ קינד געהאַט, און אַ געראָטן קינד, אפשר דאָס געראָטנסטע... נו?... און אַז אַן אייגן קינד רייסט איבער מיט טאַטע-מאַמע, — וועלן זיי זיך מיטלייגן אין גרוב אַריין?...

א נ י ט ע

שווייגט.

ה׳ ב ר ו י ע ר

אפילו אומרואיק געווען... אומרואיק די ברעמען... די גאַנצע אימה פון אַ געדיכטן וואַלד אין זיי געזען אַדורכלויפן... און קיינמאָל נישט פאַרקניפּט דעריבער, ווי ס׳געשיקט זיך, צווישן מאַן און ווייב קיין שמועס?...

א נ י ט ע

ער פלעגט יעדעס מאָל אָפּהאַקן... ס׳פּעדימל קיינמאָל נישט געקענט לאַנג פאַרציִען... אייביק געבליבן קורץ...

ה׳ ב ר ו י ע ר

נישט עפּעס אים געדריקט, דאָ ?... אָדער גראָד דאָ זיך געפילט גוט, און די פרעמד אויף אים אימהדיק געפאַלן ?...

א נ י ט ע

כ׳ווייס ?... אים געצויגן : אַוועק, ווי געווען באַנומען פון אַ דאַאיקע שרעק...

ה׳ ב ר ו י ע ר

זיך הי די מויערן אויף אים גראָד שווער געלייגט ?

א נ י ט ע

און אַרומגעגאַנגען פאַרקלעמט, פאַרשעמט...

ה׳ ב ר ו י ע ר

וואָס ברענגסטו דיך ווידער אַוועק, ווען ער האָט זיך אויפגעגעסן צוליב עפּעס אַן אינערלעכע שרעק ?... געווען אין אַזאַ קלעם, פון וועלכע מ׳קאָן נישט אַנדערש אַרויס ?...

ס׳ווערן דאָ אויפגעפּראַלטביידע טירן, און טונקל ווערט אַריינגעשטופּט פון יולעקן, וועלכער טראָגט פאַר-רעדלעך אויף די פיס.

ט ו נ ק ל

וויל זיך אויסרייסן

אַך, ס׳פּאַסט נישט...

יוּלעק

פֿאַרטראַכט

איי, כ׳בין שוין ווידער שיער געפֿאַלן...

ה׳ברויער

דאָס, וואָס איז?

יוּלעק

ציטעריק

כאָטש נאָך איין רגע, טונקל; אַ קליין ביסעלע אָנהאַלטן אָן אייך...

ה׳ברויער

אין שטוב זיך גאָר לערנען פֿאָרן אויף זיי?

יוּלעק

פֿאַרוויינט

שוין היינט צוויי מאָל געלעגן; ס׳אי צו גליטשיק דאָ; דער דיל איז גלאַט ווי אַ שפּיגל, און אויף די גאַס איז אַ חרפּה צו פֿאַלן...

ה׳ברויער

ער מוז דאָס דורכאויס קענען, די תּורה?

טונקל

נישט קיין חסרון, מ׳קען.

יוּלעק

דעם לערערס קאָפּ... זיי אים נאָר געוואָלט אָנטון אויף די פּיס, ער איז אַזאַ בריה, דאָס קליינע דראָבנע מענטשעלע, מיטן הייקערל, ציגנבער־דעלע, ברילעכלעך אויף די נאָז... קרימט אים נאָך הענטעלעך, פּיסעלעך, טו־טו־טו... און דערלאַנגט אַ בעזעם אין די האַנט אַריין ־ פֿאָר!... כע־כע־כע... צעלאָזט זיך אויף די רעדער, און אַז ער זאָל נישט פֿאַלן, — כאַפּט ער גלייך אַרום אַניטען.

אַניטע

אַ ווילדער נפֿש. אָפּ.

ה׳ בּרויער

איר שוין אויך פון שטוב פֿאַרטריבן.

יולעק

נישט זי, שוין ווידער געוועזן געליגן... ס׳אי עפּעס גוט צו ליגן ?...
העשעט מיטן הארץ כ׳קאָן נישט רירן מיט די פיס... ווי די שטיינער...

ה׳ בּרויער

זיי נאָך היינט אויסבּרעכן בּײַ די רעדער.

טונקל

ס׳קומט נאָר לכתחילה שווער אָן.

יולעק

גיט זיך אַ צעלאָז און כאַפּט אים גלייך אַרום

אַ-אַ ! אַ גליק : איר שטייט דאָ, אַנישט, — ליג איך שוין היינט צום ווייפלטן מאָל...

טונקל

רייסט זיך אויס

סאַר ווילדקייט אין אים שטעקט !

ה׳ בּרויער

צערייצט

מאַרש פון שטוב אַרויס !

יולעק

פאַרנעמט זיך

בעמט מין כאָטש אונטער די הענט, טונקל ; כ׳גיי דאָך נישט אויף מיינע פיס, געבּאָרגטע פיס... אָפּ.

ה׳ בּרויער

צעלאָזט דאָס איז אויף אַ שטייגער.

טונקל

אַ קליין בּיסעלע פאַרשייט.

ה׳ ברויער

נישט קיין קליין ביסל, נאָר אַ פולע שיסל.

טונקל

ס׳איז שוין אין די נאַטור זייערע; און וואָס פאַר אַ קלאַס העכער ס׳גייט, — געלאַסענער ווערט עס; גלייכער אפילו און דידאַזיקע יאָרן אַביסעלע צו ווילד, ווי קנייטשן דעם שטערן איבער ביכער.

ה׳ ברויער

לערנט זיך כאָטש גוט?

טונקל

מ׳קאָן נישט זאָגן.

ה׳ ברויער

כאָטש, אַריבער?

טונקל

מער, ווי זיכער.

ה׳ ברויער

גוט אונטערגעשטופּט, מסתמא, אַ? שוין גאָרנישט גענאַרט אין אייך... פארוויכערט נו, און איר?... אין גאַנצן אַרויס?... אַדורכגעגאַנגען ביזן סוף?...

טונקל

שעמעוודיק

נאָך נישט צייט?

ה׳ ברויער

נו, און איצט? זיך נעמען פאַר אַ תכלית? ווייטער לערנען?

טונקל

באַשטאַנען צו לערנען, נישטאָ אָבער די כוחות...

ה׳ ברויער

לערנען ברויך קאָסטן געלט, אַ סך געלט... וואָס שטייט איר אין שאָטן, מ׳זאָל אייך נישט אַרויסזען?... גיט אים אַ ציגאַר רייכערט?...

טונקל

זעצט זיך

אַ דאַנק.

ה׳ ברויער

אַן אָפּטער אַריינגייער בײַ מיר?

טונקל

עטלעכע יאָר, כ׳לערן מיטן יונג; שלעפּ אים פון אַ קלאַס אין אַ קלאַס...

ה׳ ברויער

פאַר די אויערן, כע-כע... אַנישט, אוודאי פאַרזינקען געוואָרן שטייענדיק אויף אַן אָרט...

טונקל

אין די יאָרן, מ׳זאָל נישט אַרויסהעלפן...

ה׳ ברויער

נו, געהאַט צייט זיך צו באַקענען מיטן הויז, אַ?

טונקל

ווי אַן אָפּטער אַריינגייער.

ה׳ ברויער

און מיין טאָכטער, געזען? אַ?...

טונקל

נאָר איינמאָל?

ה׳ ברויער

און איר מאַן אויך?... אים געקענט?...

טונקל

נישטאָ קיין סך אַזעלכע מענטשן...

ה׳ ברויער

אַ קייסער געווען אין רעדן, און צוגעלאָזן ווי אַ קינד; מ׳קאָן נישט זאָגן; נישטאָ באַלד זיינס גלייכן...

ט ו נ ק ל

גרעסער דאָס גרוב, גרעסער ס׳וואַסער; מער געהויבן דער מענטש, — מער חורבן...

ה׳ ב ר ו י ע ר

נאָר געקאָנט עפּעס דערגיין וועגן אים... ווייל ער איז געווען אַזוי גע־הויבן, עפּעס געמוזט האָבן אַ נאָכגערוך... טרויער־געזאַנג אַ, ס׳וועקט זיך שוין ביי איר, די אומרו... אַזוי ווי ס׳קומט אויף די נאַכט... אירע געכט. הום...

ט ו נ ק ל

איר געזאַנג... ווי אימהדיק... ס׳צערייסט ס׳האַרץ...

ה׳ ב ר ו י ע ר

אַז כ׳זיץ אַריינגעזעצט אין די שטול, פאַרמאַך די אויגן, אַזוי מיין איך: ווי ס׳גייט ערגעץ אַזאַ ענלעך געוויין איבער די וועלט אַדורך...

ט ו נ ק ל

איר געוויין...

ה׳ ב ר ו י ע ר

און כ׳האָב דאָס געפּיל: ווי שיפן זאָלן אונטערגיין אויף ימען; געבוי־דענע שטאַרבן אין תפיסות, — ווערן פאַרפּייניקט מיט שרעקלעכע מיתות... שטייט אויף, גייט צו די אַנדערע שטוב, און רופט פון דער זייט שוועל אַניטע! שטיל.

ט ו נ ק ל

די הויט אויפן לייב ווערט גערינצלט.

ה׳ ב ר ו י ע ר

אַז ס׳שטאַרבט ווער, און מ׳נעמט יענעם אַרויס פון שטוב, — ווערט מיט עפּעס לייכטער; האָבן נאָכאַנאַנד ליגן אַ טויטן איבער זיך?... ס׳זעט זיך מיר אויס: ווי מ׳וואָלט אים גאָרנישט אַרויסגענומען נאָך, און ער ברויך ליגן און ליגן, די שטוב זיין מיטן פיל, און מ׳מוז זיך אויס־היטן מיט אַן איבעריקן טריט, — נישט אָנצוטרעטן אויף אים... דאָס געזאַנג דערהערט זיך אויפסניי, און ער רופט אין די אַנדערע שטוב. אַני־טע! שטיל.

טונקל

ס'אי נישט גוט מיט איר.

ה' ברויער

אַך, ס'זאָל עמעץ קומען און איר אָנהויבן מיט אַן אַנדער געמיט... נעמט זייַנע הענט מענטש, וואָס ווייסט איר?... די וועלט צו קנאַפּ געווען פאַר אים, אַוועקצוגעבן... די וועלט!

טונקל

אַ שטאַרקער מענטש באַדאַרפט זיין, מיט אַ שטאַרקן כוח...

ה' ברויער

זיין כוח, וואָס ער האָט מיטגענומען אין גרוב אַריין; און פיליכט נאָך אַ שטאַרקערן, — ער זאָל יענעם אינגאַנצן פאַרדעקן, נישט מער אָנזען...

טונקל

שווער באַלד צו דערגרונטעווען אַזעלכן...

ה' ברויער

און איר האַרץ, פיליכט, דערפרייט; ס'זאָל אַרויספאַלן פון איר לעבן יענע צייט, וואָס ער האָט זיך ביי איר אָפּגערוט; און איינגעזען דאָס ער איז בלויז געווען אַ בליאַסק, אַפאַלנדיקער שטערן... אַ קלונג ביי די טיר ס'קומט ווער. גייט אויפמאַכן, און קומט צוריק מיט דעם דאָקטאָר נישט געריכט: איר זאָלט נאָך היינט קומען...

דאָקטאָר

שוין וועמען געהאַט?

ה' ברויער

ניין.

טונקל

נישט דרייסט

אַ גוטע נאַכט.

ה׳ בּרויער

דריקט אים די האַנט

אַ גוטע נאַכט... אַז איר וועט אַריינקומען לערנען מיט מיין זון, קוקט זיך צו צו איר, צו מיין פאַרטרויערטע טאָכטער, — ס׳אי זיך דאָ אין וועמען איינצוקוקן...

דאָקטאָר

אויסגעטון דעם פּאַלטן, קוקט אויפן זייגער

טאַקע שפּעט. ווער קראַנק ביי אייך?

ה׳ בּרויער

נישט גלאַט גערופן פאַר אַ גלעזל טיי?

דאָקטאָר

דאַרפן אַ קוק טון... נאָך היינט נייטיק, זייער נייטיק אַרויסצופּאָרן...

אָפּ מיט אים אין די צווייטע שטוב.

העלאַ

לויפט אריין מיט אַ שטעקן

מע־ע־ע־ע!

יולעק

נאָך איר, אָנגעטון אין די רעדער

אַזאַ ווילדע קאַץ, נאַרט ביי מיר אויס דעם שטעקן, כ׳זאָל פאַלן...

העלאַ

כאַפּ מיך, מע־ע־ע־ע!

יולעק

קריכט אויף אַלע פיר

רייצט זיך נאָך מיט מיר... וואַרט... דיך פּאַקן, און אָנפאַרבן די אייערלעך אין מיינע הענט, ווי די רויטע פּאָמעראַנצן...

העלאַ

לויפט אַוועק

מע־ע־ע־ע!

י ו ל ע ק

אומבאַהאָלפן

דו גיסט דעם שטעקן?

ה ע ל אַ

מע-ע-ע!...

י ו ל ע ק

דו גיסט דעם שטעקן?

ה ע ל אַ

זון אַז, נישט?

י ו ל ע ק

גיט זיך רעפּכום אַ זעץ אַראָפּ, זײַן בעסט אַראָפּשרויפן די רעדער

יצינד נישט מער אַרויס קיין לעבעדיקע פון מײַנע הענט...

ה ע ל אַ

וואַרפט אים צו דעם שטעקן, און לויפט אַרויס מיט אַ געוואַלד

טאַ-טע-לע!

י ו ל ע ק

פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער

כע-כע... זי רײַסט זיך נאָך מיט מיר, די ווילדע קאַץ... קלײַבט זיך אַרויס.

ה׳ ב ר י ע ר

צוריקקומענדיק מיטן דאָקטאָר, רעדט

יאָ... יאָ...

ד אָ ק ט אָ ר

זיך אַליין געהאַט דערשראָקן, נאָר ס׳איז נישט מער ווי דערקילט.

ה׳ ב ר י ע ר

כמורנע

און, גוט דערקילט.

ד אָ ק ט אָ ר

טיף אין די לונגען אַריין, אים כמעט די שפּיצן אָנגערירט...

ה׳ ב ר ו י ע ר

נו, און ס׳בלוט וואָס האָט זיך ביי אים געוויזן?

ד אָ ק ט אָ ר

מ׳ברויך זען: ס׳זאָל זיך מער נישט ווייזן.

ה׳ ב ר ו י ע ר

הום... גוט צו זען...

ד אָ ק ט אָ ר

נישט אַראָפּגיין פון בעט, נישט עסן קיין שאַרפע עסנס, נישט טרינקן קיין שאַרפע געטראַנקען...

ה׳ ב ר ו י ע ר

דערשלאָגן

דער בלוט־שפּיי האָט מיך שוין באַלד ס׳געזונט געקאָסט...

ד אָ ק ט אָ ר

בלוט, יאָ... ס׳איז זייער אַ טייערע זאַך... דערצו נאָך ביי אַ יונגן מענטש אין די יאָרן...

ה׳ ב ר ו י ע ר

וואָס ווייסט איר?... מיר אַ שלאָג געטון איבערן קאָפּ, כ׳האָב דאָס געזען, — ווי אַ שווערע משא פון הונדערט פוד, וואָלט איבער אים אַראָפּגעפאַלן; כ׳גיי אַרום, און פיל: ווי דער שאַרבן ווערט ביי מיר אויפגעריסן; און אַז די פיס דערטראָגן מיך, בין איך אַפנים, אייזנשטאַרק...

ד אָ ק ט אָ ר

נו, אַזוי מסוכן איז ער נישט; די לונגען, ווי זיי זענען, — ברויך מע היילן; און אויב מ׳זאָל וויסן ווי זיך אויסצוהיטן, איז נאָך קיינער פון פון אַזוינע לונגען נישט געשטאָרבן...

ה׳ בריער

און אויב, נישט?

דאָקטאָר

ברויך מען נישט גראָד קיין לונגען; און מ׳קאָן פון יעדע קלייניקייט, אַ שטאָך אין פינגער, — שטאַרבן...

ה׳ בריער

האַלט פאַר אַ חתונה.

דאָקטאָר

פאַר אַ חתונה? איר ברויכן אָפּצולייגן, — זיך ס׳לעבן נעמען?...

ה׳ בריער

דערשלאָגן

זיין כּלה האָט זיך אַזוי גוט ווי ריין געמאַכט פאַר אים, און די כּלי־זמרים סטרויען שוין די כּלים, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן... טראגיש די חופּה־שטאַנגען איילן זיך, האָבן גאָר קיין געדולד נישט...

דאָקטאָר

וואָס קאָן מע וויסן אויף די מינוט. זען אין עטלעכע טעג אַרום...

ה׳ בריער

פון כריער

אַזעלכע קלעפּ... אַ טאָכטער אויסגעגעבן, — נעמט דער מאַן און ברענגט זיך אום נאָך די חתונה; אַ זון פאַר אַ חתונה, — לייגט ער זיך אַריין אין בעט, און הייבט אָן שפּייען מיט בלוט...

לעאָ

אין טיר. בלייזע הויזן, ס׳העמד, שטעקשיך אויף די פיס.

דאָקטאָר

נעמט אָנטון דעם פּאַלטן

אַ גוטע נאַכט. כ׳ברויך נאָך היינט אַרויספאָרן אויף עטלעכע ערטער. אַ סך חולאים. גיט אים די האַנט דאָ זיין סוף וואָך. דערזעט לעאָן אַרויס פון בעט?

לעאָ

אַ רגע, בלויז.

דאָקטאָר

שכלדיק

געוואָלט הערן: וואָס דער דאָקטאָר זאָגט, אַ?

לעאָ

יאָ.

דאָקטאָר

דער דאָקטאָר זאָגט: ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, נישט שאַטן גאָר.

לעאָ

נו, טאַטע? זיך שוין געוואָלט אַוועקברענגען?

דאָקטאָר

פון פריער

נישט עסן קיין שאַרפע עסנס... נישט טרינקען קיין שאַרפע געטראַנקען... אַ סך לופט... זון... און תּתונה האָבן אויך מעגן מיט די צייט...

לעאָ

נו, טאַטע?

דאָקטאָר

אַ גוטע נאַכט... סוף וואָך צוקומען זען... זיין אַ גוט קינד, און האָרכן וואָס דער דאָקטאָר הייסט... דער דאָקטאָר הייסט ליגן אין בעט... נישט אַרומקריכן... אַפּ.

ה׳ ברויער

ציט דעם ציגאַר, מאַכט אָן אַ רויך אַרום זיך.

לעאָ

עס נישט געהערט מיט די אייגענע אויערן, געקאָנט מיינען: ווי קראַנק כ׳בין...

ה׳ ברויער

די קרענק מאַכט נישט אַזוי ווייט אויס... וואָס וואָלט געווען אַזוי שרעק־לעך, — לודוויג איז געשטאָרבן, און דיין שוועסטער זאָל זיך נישט וועלן אומברענגען?... און ס׳אייגענע: דו ביסט קראַנק, און דיך נישט איינ־שפּאַרן דווקא צו וועלן חתונה האָבן?...

לעאָ

וואָרן, ס׳קאָן דען אויספאַלן אַזוי ווי מ׳וויל?

ה׳ ברויער

ביי אייך ביידע נישט גלאַטיק... אַזוי אומגעריכט, פון די העלע הויט, איז יענער אומגעקומען; און דו אָנגעהויבן שפּייען מיט בלוט?

לעאָ

זעסט דאָך: אַפילו דער דאָקטאָר מאַכט עס צו קליין געלט...

ה׳ ברויער

מ׳ברויך וויסן קלאָר דעם גרונט פון די קרענק, אַז דו זאָלסט געזונט ווערן; אַזוי גוט ווי ביי דיין שוועסטער: וועגן זיין טויט, — מ׳זאָל איר צוריק קאָנען מאַכן פאַר אַ מענטש; און אויב ס׳זענען נאָך ביי איר פאַרמאַכט אַלע טירן, און פאַריגעלט; אַזוי האָט זיך ביי מיר אין די רגע, ווען דו האָסט אויסגעשפּיגן דאָס שטיק בלוט, און נישט ס׳ערשטע מסתמא, — עפּעס אָפּגעריסן אונטערן האַרץ; און דערמאַנט: אַז די כלה דיינע איז אויך אַמאָל שוין קראַנק געווען, ערגעץ אויף דעם זעלביקן זיך געהיילט...

לעאָ

אַ מהלך, טאַטע; נאָך געווען אַ קינד, אַ פּיצל.

ה׳ ברויער

און זיך מיט אַלעם אויסגעהיילט?

לעאָ

וואָרן, דו האָסט אַ קלער: ס׳אי נישט צום אויסהיילן מער?

ה׳ ברויער

יאָ, אַז ס׳וואָלט זיך בלויז אָנגעהויבן מיט איר, און נישט געהאַט איינגעוואָרצלט אין די משפּחה אירע; און פון פריער, איר פאָטער שוין אויף אַזאַ ענלעכע קרענק געשטאָרבן...

לעאָ

אויכעט געהאַט אַ לונגענפעלער?

ה׳ ברויער

נישט שטאַרק געווען געלעגן דערין, און איבעריק געוואָלט וויסן, כאָטש אַ גרויסע עוולה, — דאָך אַ שוועסטערס אַ מאַן; נאָר אַצינד, אַז זיין טאָכטער ברענגט איר אַריבער צו מיר, און גייט זיך מיט דיר פאַרטיילן, מוז איך מיך שוין גוט נעמען אומקוקן...

לעאָ

זאָל איך אָפּלייגן די חתונה?

ה׳ ברויער

און די קרענק דערמיט שוין אויסוואָרצלען?

לעאָ

איינגאַנצן זיך מער נישט צונויפקומען מיט איר?

ה׳ ברויער

היילן אַ קראַנקן, מוז מע אים פריער זען אַריינצוגעבן אויף אַן אָרט, — אַז דאָס היילן זאָל האָבן די ריכטיקע פּעולה; געבן רפואות, ווען יענער זיצט אין אַ קעלער שטוב, און פון די ווענט גיסן זיך קוואַלן וואַסער, מ׳זעט קיין ברעקל זון נישט, — וואָס ווע לן די רפואות העלפן?...

לעאָ

דאָס וואָלט אוודאי געווען גוט; נאָר אויב כ׳זאָל מיך איינגאַנצן מוזן אָפּרייסן פון איר, ווייס איך נישט, — צו דאָס וועט מיך ווידער נישט קאָסטן ס׳לעבן?...

ה׳ ברויער

אויף איין מדרגה מיט די שוועסטער, כע־כע...

לעאָ

זיין מיט איר, – וועל איך שטאַרבן; און נישט זיין, – אויך נישט לעבן...

ה׳ברויער

מאַט מיט יעדן צוג!... מער קיין גאַנג נישט... כע־כע... און איך, נאַר, האָב געמיינט: דו גייסט בלינד ווי אַ קאַלב צו די שחיטה... נאָר אַז כ׳זע: ס׳אי באַרעכנט, שכלדיק באַרעכנט, און נאָך אוודאי ביי דיר יושר־דיק אויך, – איז דאָך שוין איבעריק ס׳גאַנצע רעדן... די וואַנט מיך אַ סך הערן?... און די מויער פאַרשטיין?...

מיני

קומט אַריין, דערפרייט

אַרויס פון בעט?... קוקט זיך אַרום און וואָס ווידער אַזוי אומרואיק?... עפּעס ווידער נישט מיט אַלעם די שטוב?...

לעאָ

דיך נישט אָפּגענאַרט...

ה׳ברויער

כ׳געדענק נישט, ווען די שטוב איז אַמאָל ביי מיר געווען מיט אַלעמען...

מיני

נישט געקאָנט טאַקע איינרוען... אַזוי ווי ס׳האַרץ וואָלט מיר געזאָגט...

לעאָ

גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן, ס׳האַרץ...

מיני

און אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, אַרויסגעטריבן.

ה׳ברויער

געשלוקערצט אויפן וועג?

מיני

פון מיר גערעדט?

ה׳ ברויער

נישט אַראָפּ פון די ליפּן.

מיני

אַ שטייגער, וואָס?

ה׳ ברויער

ס׳זאָל נישט זיין קיין פאַרשטערטע חתונה...

מיני

וואָרן, אַזוי לאַנג קלערט ער קראַנק צו זיין, — אַז מ׳זאָל ברויכן אָפּצוּ־לייגן די חתונה?

ה׳ ברויער

מ׳ברעכט זיך די קעפּ.

מיני

נו, מ׳שטעלט דאָך נישט קיין חופּה איבערן בעט.

ה׳ ברויער

ס׳אַזוי אַרויסגעקומען, אַז מ׳ווייסט נישט, — צי מ׳קאָן בכלל רעדן וועגן איר?...

מיני

ווי?

לעאָ

געקרענקט

דער דאָקטאָר איז דאָך באַלד נישט אַזוי זיכער, טאַטע...

ה׳ ברויער

וואָס ווייסט אַ דאָקטאָר?... ווי לאַנג מ׳זאָגט אים נישט דעם גרונט פון האַרץ, מיינט ער, ס׳אי נאַטירלעך: מ׳זאָל זיך דערקילן...

לעאָ

און דו ווייסט דעם גרונט פון האַרץ?

ה׳ ברויער

אַז כ׳גיב נאָר אַ קוק אויף איר...

לעאָ

וואָרן: כ׳האָב עס נישט געקאָנט קריגן פון אַ קאַלטן טרונק וואַסער, אָדער לויפנדיק דערשוויצט אונטער אַ גאָס רעגן?

ה׳ ברויער

יאָ... ווען זי זאָל נישט זיין פאַרוויקלט דערין... די קרענק ביי איר אין די משפחה, שטעכט דאָך די אויגן אויס...

מיני

פלאַצט אַרויס

וואָס ווילסטו איבערשפּאַרן ב׳טאָטן?... גלייבט אים נישט... ער האָט די קרענק איבערגענומען פון מיר; איך, פון מיין טאַטן; דער טאַטע, פון זיידן; דער זיידע, פון עלטער־זיידן; אַ משפּחה אַזויגע, אין וועלכע די קרענק זיך אַריינגעביסן מיט די ציין, און בייסט זיי אַלע אויס...

ה׳ ברויער

דערציטערט

ווייל איך נישט, ס׳זאָל אים אויסבייסן, נו?... וואָרן: אַזוי פיל זין וואָל־גערן זיך ביי מיר, און נישט שווער זיין אויפן האַרץ, — כ׳וועל פטרן איינעם?... און אַז יאָ, איז אַ חילוק: איינער צי אַ סך?... און מיך נייטן: כ׳זאָל וועלכן תּשובה מאַכן, — ער זאָל דורכדעם מוזן יונג שטאַרבן, און נישט עלטערן?...

מיני

גיט זיך אַ וואָרף צו לעאָן אויפן האַרץ, און ברעכט אויס מיט אַ געוויין.

לעאָ

טיף געקרענקט

מ׳קאָן דאָך נישט שעכטן אָן אַ מעסער, טאַטע.

ה׳ בּרויער

אַראָפּגעפּאַלן

שוין צופיל געזונט היינט געפּטרט: דאָס איבערלאָזן אויף אַ צווייט מאָל; זיך אַריינגיין צוליגן אַ ביסל; אַנישט, מיר נאָך דער קאָפּ אויף שטיקער צעפאַלן... אָפּ.

לעאָ

נאָך אַ ווײַלע

דאָס נישט באַדאַרפט טאָן.

מיני

צוואָס קריכן דורך אַ היִנטער-טיר? שפּילן אין באַהעלטעניש? אין בלינדע באַבע-שפּיל? זאָל ער וויסן... נישט אַצינד, מיר דערנאָך מער געהאַט ס׳האַרץ אָפּצוּעסן...

לעאָ

מיין טאַטע וויל אָבער אַצינד אַזוי פיל, אַז ס׳בלייבט שוין באַלד מער אויף דערנאָך נישט איבער...

מיני

וויל דער טאַטע, און דו?

לעאָ

ציטעריק

איך?... כ׳ווייס?... וויל לעבן...

מיני

קוקט אים אין די אויגן, און גראָבט זיך איין אין זיין האַרץ

און דערמיט וואָס דו וועסט האָרכן דיין טאַטן, שוין בלייבן לעבן?...

לעאָ

טרויעריק

און וויל כ׳בין אַזוי קאַרג מיט דיר געווען, שוין מוזן שטאַרבן?...

מיני

מיט מיר, קינדעלע, נישט זיין, און בלייבן לעבן?

ל ע אָ

פאַר[illegible]ערט

שוין באַלד אינגאַנצן פאַרנאַרט...

מ י נ י

דערהויבן

פאַראַן, קינד, אַ בוים, טראָגט ער מיט אַזעלכע פירות, וואָס, אַז מ'פאַרזוכט זיי, — גייט אַדורך אַ ציטער איבערן לייב; מע שפּירט אַזאַ הנאה — וואָס ביי קיין שום זאַך נישט; אָבער די הנאה איז נישט מער ווי פון טרינקען סם, ריינעם סם, וועלכן מ'שלינגט אַראָפּ מיט אַזאַ פאַרגעניגן, און ס'פּאָסמאַקעוועט זיך, דער גאַנצער גוף זאָל דערנאָך גענומען ליידן און אָפּקומען פאַר איר...

ל ע אָ

און דאָס, מיט עטלעכע ביסן אַפילו?

מ י נ י

ביי איין ביסן, אַז מ'כאַפּט זיך און מ'וויל אַנטלויפן, — געוואַרט מע זיך; ווייל דאָס איינע מאָל האָט נאָך אפשר נישט ב'כוח אומצוברענגען, אָבער לאָזט נישט לעבן מער אויך; מ'אי נאָך נישט צוגעקומען צום טויט, אָבער שוין אַוועקגעגאַנגען פון לעבן; מער ביים לעבן אויך נישט...

ל ע אָ

אַוועקגעגאַנגען פון לעבן, און צום טויט נישט אָנגעקומען, אַ?

מ י נ י

אַוועקגיין פון מיר, פאַמעלעכער שטאַרבן; בלייבן, — גיכער אָנקומען צום טויט...

ל ע אָ

און זיך אַליין פון אים נישט אויסדרייען, אַ?... און דער טאַטע מיינט: אַז כ'וועל נישט זיין מיט דיר, — איבערבלייבן מיט אים...

מ י נ י

נאַרט זיך, נעבעך, לעאָ.

לעאָ

און ווייסט נישט: אַז כ'טראָג מיך שוין אַרום מיטן ביסל סם אין די לונגען, פונקט ווי מיין שוועסטער מיטן טויט, — נאָך איידער איר מאַן האָט זיך אומגעברענגט...

מינ י

און אויך דערפאַר, וואָס זי איז אַזוי נאָענט געווען צו אים...

לעאָ

נישט געווען אַזוי נאָענט, נישט געברויכט אַזוי פרי שוין אָפּצוגעבן... פאַרבענקט דאָס איינע: כ'האָב נאָך די וועלט אַזוי ווייניק דערקענט, און ס'לעבן כמעט אין פּנים נישט אַריינגעקוקט; און אַז מ'ליגט אַזוי יונג אין בעט, און מ'קלערט שטאַרק אַריין; אַז מ'וואָלט אפשר, באַנוצנדיק אַ קליין ביסעלע שכל, — געקאָנט אויסקומען אָן בעט, — ווערט דער קאָפּ אַזוי הויל און געשוואָלן ווי אַ באַרג; און אַז מ'האָט נאָך דערצו אין זינען אַ וועלט, וואו דיין געביין איז נישט געווען; אַ וועלט, וואָס האָט דיך ערשט אַריינגענומען אין אירע אָרעמס...

מינ י
ארומגעהאַלזט

יאָ: אַ וועלט וואָס איז שוין האַלב פאַרזונקען, און אירע שפּיצן שטייגן נאָך קוים אַרויס, ווי די שפּיצן פון מאַסטבוימער אויפן וואַסער, ווען די שיף איז שוין באַלד מיט אַלעם אונטערגעגאַנגען...

ה׳ ב ר ו י ע ר
קומט אַריין אין שלאַפראָק, צעקנייטשט די באָרד, דער קאָפּ האָר צעשויבערט

די ציגאַרן מיר ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן... אַ קאָפּ, — כ'האָב ?... געדענק באַלד נישט מער וואָס כ'לייג אַוועק פון די האַנט... זוכט הו־ם... טאַקע אַ וואונדער: כ'זוך זיי אַרום, און ליגן גאָר פון אויבן אויף... פאַררויכערט נו? זיך אַדורכגעשמועסט?... און ווייסט שוין ווי ס'בלייבט?...

לעאָ
ציטעריק

יאָ, טאַטע.

ה׳ ברויער

בלאָזט שטיקער רויך פון מויל

נו, נו...

לעאָ

נישט: כ׳צעגיי מיך מיט איר, טאַטע, נאָר די חתונה ווערט אויך נישט אָפּגעלייגט; און זיין צו די צייט...

ה׳ ברויער

נו, און אַז דו וועסט ליגן אין בעט, זיין קראַנק?

לעאָ

אַזוי לאַנג ווי כ׳וועל שטיין אויף די פיס, טאַטע, — גיי איך צו די חופּה...

ה׳ ברויער

אַזאַ תּקיף ביסטו?

לעאָ

און אַז מ׳ברויך זיך אַמאָל גיין שלאָגן פאַר אַ כּלה, שטעלן אויג אויף אויג מיט אַ רעוואָלווער; מ׳זעט ממש די קויל, וואָס קוקט אַרויס דורכן לאָך, גלייך אין אויג אַריין, און ס׳האַרץ גיט צומאָלט נישט קיין ציטער, — וואָס יענער צילט זיך אַזוי אויף די האָר, און וויל נישט פאַרפעלן צו טרעפן אין ריכטיקן אָרט...

ה׳ ברויער

ס׳אייגענע וואָס מיט זיין שוועסטער; געמיינט: ער וועט נאָך אַוועקגיין מיט מיר, — איז ער אויכעט צו איר אַריבער; ווייסט גאָר אַליין נישט, ווי ווייט איר השפּעה גרייכט?...

לעאָ

יאָ, טאַטע; מ׳ברויך אַמאָל קאָנען שטאַרבן פאַר אַ כּלה; שטאַרבן טאַקע.

פאָרהאַנג

צווייטער אקט

נישט לאַנג דערנאָך
אין די זעלביקע שטוב

י ו ל ע ק

פליט אריין אויף רעדער, האלט א פארצעלייענע לאלקע אין די הענט

האַ-לאָ!

ה ע ל אַ

לויפט אריין נאָך אים

גיב מיר די לאַלקע! זי ברויך גיין שלאָפן.

י ו ל ע ק

זיך נאָך אויסשלאָפן.

ה ע ל אַ

איך קאָן נישט לענגער אויפזיין; ווילסט, כ׳זאָל מיך אַליין לייגן אָן איר?...

י ו ל ע ק

נעם דיר די קאַץ אין בעט אַריין.

ה ע ל אַ

איך האָב שוין געבעטן ס׳וויגעלע פאַר איר.

י ו ל ע ק

לייג די קאַץ אין וויגעלע אַריין.

ה ע ל אַ

און איך, מיט וועמען וועל שלאָפן?

י ו ל ע ר

ווילסט די לאַלקע? כאַפּ מיך, — איר האָבן... צעלאָזט זיך אויף די רעדער

האַ-לאָ!

ה ע ל אַ

נעמט זיך יאָגן נאָך אים

מיינסט אוודאי, דיך נישט קאָנען כאַפּן?

יולעק

פריער פלעגסטו ביי מיר אויסנאַרן דעם שטעקן פון די האַנט, כ׳זאָל פאַלן; איצט ברויך איך מער אים נישט צו האָבן; כ׳קאָן פאָרן אָן אים, פאָרט מע-ע-ע-ע!

העלאַ

בלייבט שטיין, ברוגז

כ׳גיי שוין אַריין צום טאַטן, זאָגן.

יולעק

וועל איך איר אויסשטעכן די אויגן, די לאַלקע; אויסברעכן די פיס־לעך, מאַכן פאַר אַ קאַליקע...

העלאַ

פאַלט אויף אים אַרויף

אַז כ׳וועל לאָזן. ער רייסט זיך אויס, און זי פאַלט אַנידער, צעוויינט זיך טאַ-טע-לו...

ה׳ברויער

קומט אַריין

שוין געוואָרן אַ שותּף צו אירע שפּילעכצער?

העלאַ

וויל איר אויסברעכן די פיסלעך, טאַטעלו.

ה׳ברויער

און התונה געהאַט מיט די פּאָרצעלייענע לאַלקע, אויך?

יולעק

אַזוי גרויס שוין, און נאָך נאַריש ווי אַ ציג; נישט גלייכער: נעמען ס׳ביסל ווי ליגן צו גאַנצע טעג איבער די סטענגעס, לאַלקעס מיט בענדלעך?

ה׳ ברויער

אַ, וואָס ס׳שטעקט דיר אַליין ווי אַ ביין אין האַלז, ווילסטו, — יענער זאָל זיך דערמיט וואַרגן? געפונען, וואו זיך אויסצוברענגען ס׳ביסעלע מוסר... *נעמט די לאַלקע און גיט זי אַוועק צו העלאַן.*

העלאַ

קאָן זיך נישט שטילן

און די אייגעלעך איר אויסשטעכן געוואָלט, טאַטעלו...

ה׳ ברויער

קאָנסט נישט דיין ברידערל? האָט זיך ליב צו רייצן...

יולעק

אָפּ מיט אַ געפילדער

האַ־לאָ!

ה׳ ברויער

שוין שטאַרבן מיט די רעדער אויף די פיס; ביי אַ ברודער אויף די חתונה, און זיי נישט אויסגעטון. *נעמט איר אַריין אין זיך און דו, קליין* מיידעלע מיינס, שוין געוואָלט שלאָפן גיין?...

העלאַ

באַהאַלט אַריין ס׳קעפּעלע אין אים

יאָ, טאַטעלו... און יולעק מיך וואַכעדיק געמאַכט...

ה׳ ברויער

אַלץ, יולעק; נאָך גוט, וואָס ער אַליין לאַכט זיך נאָך ווען אַמאָל אויס; אַ נישט, — אינגאַנצן שוין געברויכט איינשלאָפן; אַ בית־עולם דאָ געווען...

העלאַ

כאַפּט זיך אָן

טאַטעלו, וואָס איז אַ בית־עולם?

ה׳ בּרויער

ברויכסט עס נישט געניײטיק וויסן, קלײן מײדעלע׳ גענוג, אַז איך ווייס... אונטערוואַקסן, אפשר זײַן מער מזלדיקער פון דײַן טאַטן...

העלאַ

אײַנגעשפּאַרט

טאַטעלע, וואָס איז אַ בית־עולם? אַניטע גייט אַלעמאָל דאָרט אַהין, און מיך שוין אויך געוואָלט מיטנעמען...

ה׳ בּרויער

צעטומעלט

משוגע, מײַנע שונאים!

העלאַ

אַ בית־עולם, טאַטעלו, איז אויפן הימל?

ה׳ בּרויער

ניין, טעכטערל, ער איז בלויז נאָנט צום הימל; ווײַל די טויטע קומען פון דאָרט אין הימל אַרײַן, איז ער בלויז נאָנט...

העלאַ

קאָנען דאָך גלײַך גיין אין הימל אַרײַן, טאַטעלו, — וואָס ברויכן זיי פריער אָנצוטרעטן אויפן בית־עולם?

ה׳ בּרויער

קושט איר אין קעפּל

מ׳טאָר נישט דערמאַנען קיין טויטע בײַנאַכט! רעדן פון שלאָף, און שפּרינגען פון בעט...

העלאַ

מיך צודעקן מיטן קישעלע איבערן קאָפּ.

ה׳ בּרויער

אַ בריה, די קלײנע מײַנע... נישט אַרײַנגיין הערן שפּילן מער?... ווי?... ס׳קעפּעלע פאַרנעמט נישט?... די אייגעלעך מאַכן זיך דיר צו, און ביסט

מיד, אַ?... פון תחילת נאַכט אָן אויף די פיסעלעך, און ס׳אי שוין אַזוי שפעט... נו?... גיי אַריין אין בעטעלע... נעם דיר די לאַלקע, די בערעלעך... העלפט זיי צונויפנעמען יו׳לעק שוין אַהין נישט אַריינקומען... נעמט איר אויף זיך שפּאַר אָן דיין קעפּעלע, מאַך צו די אייגעלעך... אָפּ מיט איר.

אַ שטיל איינגעהאַלטן שפּילן.

ה׳ ברויער

האַרציק

שלאָף מיין קינד,
שטיל און געזונט.

ס׳מאַכן זיך אויף די טירן, און ס׳נעמט אַדורכציען אַ קאַדריל פון די חתונה־געסט, וועלכע האַלטן זיך פאַר די הענט, — אין אַ לאַנגע משונה־געדרייטע קייט.

ה׳ ברויער

קומט נאָכדעם צוריק, — זעצט זיך אַריין אין אַ פאָטעל, רייכערט בערוועז.

טונקל

נאָך אים, נישט דרייסט.

איינגאַנצן אַליין; גייט גאָרנישט אַריין?

ה׳ ברויער

נישט מיין שמחה.

טונקל

איז, אַ פרעמדע; און אויב ביי אייך אין שטוב, — קער זי זיך שוין עפּעס אָן; און מ׳קאָן איר, על פּי יושר, מיט אַלעם נישט אויסווייכן.

ה׳ ברויער

בכלל, קיין מענטשלעכע שמחה נישט... פאַר שדים... מ׳ברויך אויסלעשן די לאָמפּן, לאָזן שפּילן אין דער פינסטער, פירן די קאַדרילן, אַזוי ווי ביי מתים אין ווייסן, אין סובות אָנגעטון, געוואוסט: כ׳בין ערגעץ אויף אַ בית־עולם, און כ׳ברענג אים צו קבורה...

טונקל

צופיל פאַרביטערט.

ה׳ בריער

נישט געוואָלט אָפּלאָזן דעם שידוך, — געקאָנט כאָטש צוזוואַרטן אַ קליין ביסל, ביז ס׳וועט אים בעסער ווערן. עמעץ אונטערגעטריבן מיט אַ בייטש?...

טונקל

פאָרט, אַ חתונה.

ה׳ בריער

נו, סאַר מחותן בין איך אויף איר? אַז דער מענטש וויל טרינקען בראָנפן מיט אַ פלאַש, — בין איך זי אים מחויב צוצוטראָגן צום מויל? געוואָלט טרינקען, איז כאָטש איידל, מענטשלעך, און נישט ווי קיין פויער: מיט די גאַנצע פלאַש אויף אַמאָל...

טונקל

מוט אפשר אַ גרייז דערמיט, נו? קומט שוין דעריבער צו גיין אויפן שפּיץ מעסער.

ה׳ בריער

דאָרט וואו מ׳איז ריזיקירט מיטן לעבן, און מ׳קאָן איבער אַ רגע ווערן אַ מת, הייסט: אַ גרייז? אַ גרייז הייסט: וואו מ׳קאָן פאַריכטן, קאָן מע דאָס פאַריכטן, וואָס לודוויג האָט געטון?... אַ?... איז ער מיר אַראָפּגעפאַלן אומגעריכט אויפן קאָפּ... אָבער, דאָ וואו כ׳האָב פריער געוואוסט, געוואָרנט, אים געלעגן צו די פיס, און געבעטן...

לעאָ

קומט אַריין, און אַזוי ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט

און אַז כ׳וויל טאַקע שטאַרבן, נו?

ה׳ בריער

אויפגעקאָכט

וויל איך ביי דיר אויף די לוויה נישט זיין, אַז דו ברענגסט דיך אַליין אום; האָסטו עפּעס צו מיר?

ל ע אָ
געפאַלן

יעדע חתונה וועט אפשר מיין לוויה זיין... נישט קיין חילוק: מיט איר צי מיט אַן אַנדערע... שוין דעם סם פון אירע לונגען אין מיינע אַריינגעזויגן... צוואָס נאָך דאָס פאַרשלעפּן ווי אַ מויז צו אַ צווייטע ?... אַזוי, שוין ביידע אינאיינעם גיין אַ גאַנג...

ה׳ ב ר ו י ע ר

און אַז דו זאָלסט נישט דורכאויס וועלן חתונה האָבן, שוין געווען אַ פאַרפאַלענער ?

ל ע אָ

לענגער געקאָנט איינהאַלטן דאָס שטיקל לעבן, אָבער בלויז זיך צו פּייניקן דערמיט, — וואָס כ׳וועל עס אויסציען, אויסלענגערן...

ה׳ ב ר ו י ע ר

און אַז דו זאָלסט איר איינגאַנצן איינפּאַקן, די חתונה, — וואָס וואָלט געווען ? אַ לאָך אין הימל ?

ל ע אָ

און דערמיט שוין געווען שיסן דעם פויגל, וואָס כ׳וועל מיך אָפּשפּילן נאָך אַ יאָר ? אַריינכאַפּן אַ יאָר מער ?

ה׳ ב ר ו י ע ר

אַ יאָר לעבן מער, אַ יאָר ווייניקער, — ס׳וואַלגערן זיך ביי דיר די יאָרן אונטערן בעט ?... האָסט שוין אַזוי פיל, אַז דו קאָנסט דיך, אומוואַרפן מיט זיי, מיט די שטיקער לעבן, ווי קינדער מיט אַ באַל ? און אַלץ, צוליב וואָס ? דו זאָלסט אָפּקומען פאַר איר, די כלה דיינע, יוצא זיין... געגעבן ס׳וואָרט... נישט ברעכן די שבועה...

ל ע אָ

וואָס דו זעסט: כ׳האָב איצט חתונה, איז עס נאָר פאַרן אויג; זיין דער זעלביקער מאַן צו איר, אַ האָר נישט ווייניקער, — ווען די חופה זאָל אַפילו נישט זיין; און די אַלע עקסטרע לאָמפּן אויסלעשן; ס׳עסן הייסן אַרויסוואַרפן, און נישט געבן אויפצועסן...

ה׳ ברויער
שפרינגט אויף

אַ־אַ־אַ ?

לעאָ
געבראָכן

אויב ס׳וואָלט לכתחילה נישט אַזוי געווען, — אפשר נישט קראַנק גע־וואָרן; און אויב די קרענק איז נאָר דעריבער, — וואָס וועל איך ווידער געווינען, כ׳זאָל מיר נישט פריילעך מאַכן ?

ה׳ ברויער
פאַרשטעלט זיך ס׳פּנים

און איך, אַלט פערד, האָב נישט געוואוסט: מיט וואָס, און צוליב וואָס איך כאַפּ קלעפּ ?

לעאָ

געמוזט חתונה האָבן... דער חלק צו נאָנט געווען פונם חאַלז... אָנגע־רירט די הויט...

ה׳ ברויער
אין זיך

וואָס וואָלט דעם מענטש געפעלט, ר׳זאָל וויסן: פון וואַנעט ס׳אומגליק טראָגט זיך אויף אים ?...

טונקל

זיך דאָך געקאָנט אויסהיטן דערפאַר...

ה׳ ברויער

און שטיין מיט די פויסטן, זיין אָנגעגרייט דאָרט־דאָרט־דאָרט אָפּצושלאָגן, — ס׳זאָל נישט קאָנען באַפאַלן און אָנכאַפּן ?... עך !... ס׳אַי זיך נאָר ס׳לעבן צו נעמען, אַז מ׳ברויך דאָס הערן און צוזען... אַפּ.

טונקל

וואָס איז געווען דער שכל אים דאָס אויפצוטון ? זיך קיינמאָל נישט מוחל זיין...

לעאָ

בישט געקאָנט עס לענגער האַלטן אין זיך; ס'עקשנות זיינס, מיך שוין צום איבעריקן צוגעדריקט...

טונקל

זיך, און אים נישט ווייניקער.

לעאָ

און געמוזט אָנטון אַ כוח... אַראָפּוואַרפֿן די משא פֿון זיך... אַ צו שווע־רע משא געווען... מיך שוין באַלד אינגאַנצן געהאַט איינגעבראָכן... איצט האָב איך לייכטע פּלייצעס... כ'קאָן זיי מיר ערשט אויסגלייכן...

טונקל

אים אָבער האָבן, זיינע פּלייצעס איינגעבויגן...

לעאָ

איז ער אַ טאַטע; און פֿאַר מיין קינד, אַז כ'וועל האָבן, — אויך די פּלייצעס אויפֿשטעלן... כאָטש וויסן: אַז כ'פֿאַל נישט צו בחנם, און נאָך מיט ביידע הענט... כ'האָב פֿאַרבראָכן, און וויל גוט מאַכן, — ווען ס'זאָל מיר אויסקומען מיטן לעבן צו באַצאָלן...

טונקל

זי איז זיך אַליין שולדיק; געוואוסט: ס'אַזוי, — אייך נישט געברויכט נאָנט צולאָזן צו זיך...

לעאָ

גענוג געוועדט, און זי בייגעקומען... עס אַרויסגעריסן ביי איר...

נעמט אַוועקגיין וואו דער פֿאָטער איז אַוועק.

טונקל

וואו גייט איר נאָך צו אים?

לעאָ

פֿון די שוועל אַראָפּ

מיר דען נישט וועלן מוחל זיין פֿאַר די חופּה? אָה.

טונקל

דערשלאָגן

שווער מיט זיינעם צו צערייסן, און נאָך שווערער מיטן צווייטן, — צו־נויפצובינדן...

אַניטע

קומט אַריין, אָנגעטון אין שוואַרצן, פּאַכעט זיך

הייס ס'אי דאָרט, מ'ווערט אָפּגעקאָכט... פענסטער, טירן, — אויפגע־פּראַלט, און די היץ אַזאַ קלעפּיקע, אַזוי ווי מ'וואָלט ערגעץ הינטער די ווענט געבראָטן, אָנגעגליט די שטוב, געמאַכט פון איר אַ קאַלך־אויוון, — מ'זאָל צעשמאָלצן ווערן...

טונקל

און די טענץ: אויסטערלישע, פאַרנעמען אַזוי לאַנג... כסדר זיין אַריינ־געפלאָכטן אין זיי, זיך דרייען, דאָ צונויפקומען: גוט, פיין, און זיך באַלד ברוגז צעגיין... פאַלן כורעים און איבערבעטן צוריק...

אַניטע

דער טאַנצמייסטער אַליין ברויך זיין אַ שטיק שטן, אַז ער קאָן מאַכן פון די מענטשן אַזעלכע ליימענע גולמס, וואַקסענע פיגורן, — זיי זאָלן אים דאָ נאָכקרייכן מיט הינטישע לאַסקעס, לעקן די פּאָלע, און באַלד נעמען לויפן אָן חשק, ווי מ'זאָל זיי אונטערטרייבן...

טונקל

די פיס שטייען אַ סך מאָל אָפּ פונם קאָפּ, פּלאָנטערן זיך גאַנץ אַליין אָן אים, און אָפט לייב־און־לעבן, — ווי זיי וואָלטן עפּעס נישט געקאָנט גע־פינען קיין שטיקל ערד אונטער זיך, און נאָר געוואָלט פאַלן...

אַניטע

פאָכעט זיך

נאָך געבליבן דאָ אַ שטיקל ווינקל, וואו מ'קאָן אָפּכאַפּן דעם אָטעם...

טונקל

מיר נאָך פריער אָפּגעגאָלטן זיך פון דאָרט אַרויסצוקריגן; אייך, וואָס ד'וואָרעט, אין זינען געהאַט מיטצונעמען, — און ביי קיין אופן נישט

געקאָנט צוקומען, אפילו אָנווינקען, מיט שטום לשון... עפּעס אַזוי גע־שטעקט איבערן קאָפּ אינם טאַנץ, און געוועז אַריינגעטון מיט אַלע חושים, געדרייט מיט פאַרבונדענע אויגן, און געקלעפּט אינם, — אַז וואָס מער כ׳האָב מיך געוואָלט דערשלאָגן צו אייך, נענטער צוקומען, אַלץ ווייטער אַוועק... ווייטער אַוועק...

מ י נ י

קומט אריין אין חופּה־קלייד, וואלאַ, א רייפל בלימעלעך אויפן קאָפּ

עגמת־נפש, אַז די גאַל צעגייט.

אַ נ י ט ע

פון טאַטנס ברוגז?

מ י נ י

פון שוואַרצן קלייד דיינעם, פינסטערן פּנים... ס׳אי שוין עפּעס געוואָרן, ווי דער סימוואָל פון די גאַנצע חתונה... אַוועק ערגעץ מיט די ערשטע מינוט אויפן וועג פון פינסטערע גריבער... און מ׳בלאָנדזשעט, מ׳טאַפּט אין דער פינסטער... שווער זיך צו דערשלאָגן אין אַ ליכטיק שטיקל אָרט...

אַ נ י ט ע

פאַרזיגנקט.

מ י נ י

אַ נאַכט, אַן איינציק שטיקל נאַכט נאָך, ווען כ׳האָב אפשר פון אַ פאַר־שוועכטע היילקייט געוואָלט מאַכן אַ שטיקל מקום קדוש; און מיט אַ חופּה־קלייד, אַ מירטן־צווייגל, זילבערנעם קלאַנג, — פאַרשאַפן דעם איי־געגעם נחת־רוח פון אַ ווייסע טויב, וואָס פאָרט זיך בנעימות מיט איר זווג ערגעץ אונטערן דאַך, אויפן בוידעם...

אַ נ י ט ע

נישט געקאָנט, מיני; ווי מיין ברודער, כ׳זאָל אָנכאַפּן, — האָט נישט געקאָנט צוליב טון דעם טאַטן: ס׳זאָל קיין חתונה נישט זיין...

מ י נ י

קומט דיין ברודער ווייניקסטנס אָפּ מיט די חתונה, קעגן זיך; און דו, מיט דיין טרויער, — וואָס קומסטו קעגן אים אָפּ?

אַ נ י ט ע

אויך מער פאַר זיך, אפשר.

מ י נ י

עפּעס קעגן אים געהאַט אויף דיין געוויסן?

אַ נ י ט ע

און מיין ברודער, קעגן דיר?

מ י נ י

ציטעריק

יאָ...

אַ נ י ט ע

און האָט דערפאַר מיט דיר חתונה?

מ י נ י

און פאַר דעם זעלביקן, קאָן זיין, וואָס לודוויק איז פון דיר אַוועק, — קומט ער צו מיר צו גיין; און זיין קומען ווי לודוויקס אַוועקגיין, איז, פיליכט, איין-און-דער זעלביקער שפּיל, נאָר מיט אַנדערע פאַרבן...

אַ נ י ט ע

קורטשעט זיך

וואָס מיינסטו?

מ י נ י

דורכדרינגלעך

דיר נישט געקומען אַמאָל אין קאָפּ אַריין, דאָס ער האָט ערגעץ געקאָנט האָבן קעגן וועמען אַ חוב, און אומגעברענגט, — ווי דיין ברודער וויל אָפּקומען קעגן מיר, און האָט חתונה?...

אַ נ י ט ע

קוקט איר לאַנג אין די אויגן, ביז ס׳קומען אין זיי טרערן, און ס׳האַרץ

גיט אַ קלישטשע

ביז אַצינד בלויז געוואוינט געווען, — דער טאַטע זאָל מיך אַדורכ־שטעכן; אַצינד שוין נאָך וועמען, וואָס האָט אָנגעגרייט פאַר מיר אַ שפּיז, — כאָטש זי איז ערשט מיט איין פוס אין די משפּחה אַריין...

נעמט אָפּגיין.

מ י נ י

גיט זיך אַ וואָרף איבער איר

דיך, אסור, געמיינט צו באַרירן... זיך עפּעס אַרייַנגע[illegible] אין קאָפּ אַ מחשבה, — און מ׳קאָן זיך אַזוי פאַרהיטן, אַז ס׳קומט אומגעריכט, און באַפאַלט...

אַ נ י ט ע

געפילט ווי דער שפּיז גליטשט זיך גאַנץ פּאַמעלעך צו מיר אין לייב אַריין; און גראָד אים נישט מיט איינמאָל אַרייַנגעשטאָכן...

מ י נ י

זאָל איך קרענקען, נו?... שווער איך דיר אויף מיין אייגענע חתונה, און נאָך מיט אַזאַ שבועה ווי קרענקען, — וואָס כ׳וויל עס נישט זייער...

אַ נ י ט ע

אויב יאָ באַפאַלן, אים געבעריכט צו באַגראָבן, — ער זאָל די ליכטיקע וועלט נישט זעען; נישט באַלד צולאָזן, ר׳זאָל עמעצן שטויסן מיט די הערנער זיינע...

מ י נ י

וואָרן, מ׳קאָן זיך דען אַזוי גרינג אויסהיטן? אַז דער קאָפּ איז גרויס און הויל, — און ס׳מוז זיין אָרט פאַר אַזוי פיל מחשבות, בלאָנדזשען זיי אין אים אַרום, פונקט ווי די ווינטן אין אַ ליידיק אָפּגעשניטן פעלד...

אַ נ י ט ע

ברויך מע ווידער זען: זיי זאָלן קיינעם נישט פאַרווייען, די אויערן אָפּדרייען...

מ י נ י

באהאלטן

ס׳אי מיר נאָר אויםגעקומען: ווי, אַז דו וועסט עס דערהערן, — און פון שוואַרץ גלייך ווערן ווייס...

אַ נ י ט ע

און פון ווייס, רויט, געל, בלאָ... קריגן אַלע קאָלירן, כע־כע...

מ י נ י

און ווי איז: ס׳זאָל זיך נישט האָבן פאַרגנבעט, נאָר האָבן געוועזן באַ־רעכנט?...

אַ נ י ט ע

וואָס גייסטו דיך ווידער באַהאַלטן: אַז ס׳אי דיך אומגעריכט באַפאַלן, און נישט געקאָנט אָפּוועהרן?...

מ י נ י

אויך ביי מיין חתן גיט אַמאָל אַ פּיק; דערוועקט זיך אַ קליין שטיקעלע ספק...

אַ נ י ט ע

זאָגט ער דיר?

מ י נ י

נאָר, ער שוינט מיך?

אַ נ י ט ע

אַזוי אָפּן?

מ י נ י

מאַכן פון מיר אַ גאָט, און נישט טאָרן ווארפן קיין שטויבעלע?... אַני־דערש: ס׳זאָל זיך אָפּט איבערחזרן, און דראָען עפּעס דערפון צו ווערן, און קאָנען אומוואַרפן...

אַ נ י ט ע

און דערפֿאַר חתונה מיט אים, ס'זאָל נישט עפּעס ווערן וואָס קאָן אומ-ווערפֿן ?...

מ י נ י

און דיין מאַן זיך אומגעבּרענגט, ווייל ס'האָט געקאָנט עפּעס ווערן, — וואָס זאָל אומוואַרפֿן ?

אַ נ י ט ע

מי-ני !

ט ו נ ק ל

וואָס איז פֿון אָנפֿאַנג געהאַט צוועק, — באַווייזט זיך צוריק

ס'אַ מאַגנעט ! מ'אי נישט דאָרט, ציט עס ; און אַז מ'קומט אַהין, — זיך געפֿרן אַרויסגעריסן ; אַ רחמנות אויף די מענטשן : גייען נעבעך איינגע-שפּאַנט אין אַזא שווערן יאָך, און אַרבעטן ווי די אייזלען...

אַ נ י ט ע

פֿאַרזינקט

אויף אַ קראַנקער קאָפּ געווען, וואָס האָט די חתונה אויסגעטראַכט...

דאָס שפּילן, וואָס איז אָנגעגאַנגען, איז געוואָרן שטאַרקער ; ס'מאַכן זיך אויף די טירן, און ס'נעמען פֿאַרבייציען די פֿאַרלעך, וואָס האַלטן זיך געשלאָסן.

מ י נ י

פֿון קאָפּ אַרויס

כ'פֿאַרמאַך די אויגן, שווימען אַרויס טויטע... יענע אַלע וואָס האָבן יונגערהייט געבּרויכט שטאַרבּן אין מיין משפּחה, אויף דעם אייגענעם פּע-לער, — און פֿיל מיך צו זעצן שבעה נאָך אַ גאַנצע פֿאַרשטאָרבענע משפּחה...

אַ נ י ט ע

און מיין חתונה איז גראָד אין אַ העלע, זילבערנע נאַכט געווען ; אין אַזעלכע נעכט איז דאָס געזאַנג פֿון די שטערן לויטער ; די ליכטיקייט

האָט געבלענדט, דאָס שפּילן געריסן, — כאָטש אַ ברעקל פון מיין שוואַרץ מזל אויף איר געזען ?...

ס'שפּילן ווי ס'טאַנצן, וואָס איז אַזוי אויך געווען אָנגעשטרענגט, — פּלאַצט; די פּאָרלעך צעשיטן זיך, ווי באַפרייט פון אַ שווערע פּיין; און פאַרקלויבן זיך, אַ טייל: מיט געלעכטערן, אין די זייטיקע שטובן, וואו ס'ברויכן אפנים זיין געסערווירט טישן; דאָ ווערן נאָר בלויז געזען די סאַרווערס, וועלכע לויפן אַלץ איבאייגעם אַדורך מיט די געדעקטע טאַצן.

אין שטוב בלייבט

ד ע ר פּ ר ע מ ד ע ר

אויג אויף אויג מיט מינין.

מ י נ י

מורמלט

אויף מיין אומגליק אַרויפגעקומען, אַהער.

פּ ר ע מ ד ע ר

אומרואיק

אויף מיין אייגענעם, פילייכט.

מ י נ י

דאָ ווער איך באַגראָבן, אַצינד.

פּ ר ע מ ד ע ר

און איך, נישט ווייניקער.

מ י נ י

אויב ס'וואָלט טאַקע אַזוי געווען, מיר ס'האַרץ נישט אַזוי געבליט פאַר אים, — וואָס ער גייט מיט מיר צו די חופּה...

ל ע אָ

קומט צוריק, אויפגעלייגט

דאָך אַ טאַטע...

מ י נ י

איילט אים אנטקעגן, ווי געוואַלט מיט זיך אים פאַרשטעלן פאַרן פרעמדן

זיך איבערגעבעטן?

ל ע אָ

ווערט שוין נאָכגיביקער...

מ י נ י

פון אַלעם געזאָגט?

ל ע אָ

נישט אַנדערש געקאָנט העלפן.

מ י נ י

נו?

ל ע אָ

זיך פאַרמאַכט אין די אַנדערע שטוב, און געוויינט; ס׳אַלטע פּנים בײַ אים געוויינט...

מ י נ י

צוגעזאָגט: זײַן בײַ די חופּה?

ל ע אָ

מיט אַ האַלב מויל.

מ י נ י

דער טאַטע שוין באַלד נאָכגעגעבן, און מיט אַניטען קאָן איך נאָך אַלץ נישט אַדורקומען...

ל ע אָ

איר אַזוי אייגן ווי פריער, נישט רירן?

מ י נ י

דער זעלביקער שטיין.

ל ע אָ

מאַכט מיר צערעכט אַ שוואַרצע חתונה.

מ י נ י

וואָס כ'האָב שוין ביי איר אַרבעט פאַרלייגט.

ל ע אָ

אַניטע!

מ י נ י

אַניטע!

אַ נ י ט ע

מיט וואָס זענען דיינע חופה־קליידער ווייסער ווי די, וואָס איך טראָג?

מ י נ י

זיי זענען אפשר נישט ווייסער; ס'אויג ווערט אָבער נישט אַזוי מיטגעריסן.

ל ע אָ

איין טראָפּן טינט אין אַ פאַס וואַסער, און ס'אי שוין אַנדערש.

מ י נ י

ס'אייגענע שוואַרצע קלייד, און די גאַנצע חתונה האָט אַן אַנדער פּנים.

אַ נ י ט ע

קערט זיך אַוועק

אינגאַנצן אויף איר נישט געברויכט זיין...

ל ע אָ

פאַרזינקט

נישט אויסגעמאַכט, ס'זאָל אויף יעדע חתונה אַפּירקומען אַזאַ באַשעפע־ניש אין שוואַרצן, און אַ ביסל דערטרינקען די ליכטיקייט... אַ חתונה איז צופיל ליכטיקייט... און וואָס צופיל איז אומגעזונט...

ט ו נ ק ל

וועלכער האָט נאָכאַנאַנד געטרעדט מיט׳ן פרעמדן

דער מענטש פרעגט: אויב ער קאָן צוקומען?

ל ע אָ

אים ערשט רעכט אָנקוקנדיק

ווער האָט אים געבעטן צו אונז אויף די חתונה, מיני?

מ י נ י

ווער האָט אים געוואוסט צו בעטן, לעאָ?

ל ע אָ

נישט אראָפנעמענדיק די אויגן פונם

נאָכן טאַטנס ברוגז, אַניטעס שוואַרצע קלייד, — איז ער פונקט ווי צו־ געפּאַסט צום רימל.

ט ו נ ק ל

אומגעדולדיק

וואָס זאָל איך אים זאָגן?

ל ע אָ

ווי פריער

אומרואיק ס׳פּנים, און ס׳לויפן איבער דעם כוואַליעס ווי אויפן ים; נאָר דאָס האַלטן זיך זיינס, ווייזט אויס, צו זיין אַזוי שטאַרק ווי דער ברעג וואָס האַלט אַרום דעם ים, און לאָזט אים נישט אַרויס...

מ י נ י

נאָך אַזוי שטאַרק נישט געקוקט דאַרויף, כ׳זאָל האָבן דערפון אַזוי פיל געלערנט.

פ ר ע מ ד ע ר

קומט צו

כ׳שטיי פון דער ווייטנס, אַז מ׳רעדט פון מיר...

ל ע אָ

אַזוי זיכער, מ׳רעדט פון אייך?

פ ר ע מ ד ע ר

אַז מ׳קוקט פון הינטן לאַנג אויף וועמען, וואָס יענער הייבט נישט אָן צו וויסן, — דערשפּירט ער׳ס אויכעט; נישט, אין די אויגן... מ׳זעט יעדע מינע...

לעאָ

טאַקע פון אייך גערעדט.

פרעמדער

גוטס? שלעכטס?

לעאָ

וואָס ווייסט מע, און וואָס ברויך מע דעריבער צו וויסן?... מ׳גייט דאָ איינאיינעם אויף עפּעס איינגיין?... בלויז: אַז אויף אַ חתונה צווישן לויטער היימישע מענטשן, ברויך זיך אַ פרעמדער שלעכט פילן...

פרעמדער

אַז, נישט איבעריק גוט, — ברויך מע זען אויפן פּנים ביי מיר; און ווען מ׳זעט עס נישט, — קאָן מען זיך משער זיין...

לעאָ

ווי אַזוי האָט איר געוואוסט פון דער חתונה, ר׳זאָלט קומען? ס׳ציט אייך צו חתונות, אָדער מיינע אייך באַזונדער פאַרנומען?...

פרעמדער

מ׳האָט אַמאָל צו ווּעמען אַזאַ געפּיל, אַז מ׳זאָל זיך דערנאָך נישט קאָנען שענקען, — מ׳וועט אים נישט קומען אין אַזאַ טאָג מהנה זיין...

לעאָ

קענט איר דאָ עמעצן, און זיך געקומען פרייען אומגעבעטן?

פרעמדער

און אַז כ׳בין שוין דאָ, זעט זיך מיר אויס, ווי כ׳וואָלט עפּעס געטון אַ חסד של אמת צו איינעם, וואָס קאָן דערפון נישט האָבן גאָר מער...

לעאָ

צו איינעם וואָס מ׳האָט נישט באַוואוסט ביים לעבן, — טוט מע נישט דערנאָך קיין חסד של אמת; און צו אַ לעבעדיקן וואָס מ׳קען נישט, האָט מע קיין חוב נישט...

פ ר ע מ ד ע ר

פילייכט, טאַקע קיין חוב נישט.

ל ע אָ

און ווי פאַלט איר ווידער אויס צו קומען?

פ ר ע מ ד ע ר

אומבאַהאָלפן

געזען ליכטיקע פענסטער אין דער נאַכט, און געצויגן אַ קוק טון; אַרויפגעטראָפן אויף אַ חתונה, — געוואָלט איר איבערלאָזן און אַוועק־גיין?

ל ע אָ

ס'לייגט זיך נישט גלאַטיק ביי אייך אויף די צונג.

פ ר ע מ ד ע ר

גאָרנישט פון וואָס אַזוי באַפאַלן צו ווערן, און די אויגן אויסגלאָצן...

ל ע אָ

ס'קומען אייערס געפעלט מיר נישט; און ס'פירן די טענץ, אויכעט נישט; מ'פאַלט נישט אַריין סתם אין קיין אָפענע טיר פון אַ שטוב, מיט ליכטיקע פענסטער.

מ י נ י

לעאָ!

ל ע אָ

זיך אָפגעזוכט אַ מענטש פון היינטער דרערד.
און דרייט מיט די צונג ווי מיט אַ שווערד...
וועמען דאָ געקומען פאַרקלעמען?...
איבער וועמען אויפהייבן די ברעמען?...

מ י נ י

לע־אָ!

ל ע אָ

אים אין די אויגן

שוין אַמאָל דאָ געווען, אין דער שטוב ?

פ ר ע מ ד ע ר

ס׳ערשטע מאָל.

ל ע אָ

אָדער ערגעץ אַנדערש זיך מיט איר געטראָפן ?

פ ר ע מ ד ע ר

אַזוי אָפן אייך זאָגן ?

ל ע אָ

אונטער פיר אויגן ?

פ ר ע מ ד ע ר

ביטער

דער קאָפּ אַרבעט אויף רעדער.

ל ע אָ

ווען איר זאָלט שטעקן אין מיין הויט... גיין צו דער חתונה מיט אַזאַ האַרץ?... און ס׳זאָל דאָ קאַפּויער קומען אַ מענטש, כ׳ווייס?... זיך נישט געזוכט אָנצוכאַפּן אינם באַלקן?... קריכן אויף די גלייכע ווענט?...

פ ר ע מ ד ע ר

כ׳זאָל אַפילו עפּעס האָבן צו זאָגן, דאָס אייבעט פאַר די ליפּן נישט געברענגט... נאָך צופיל געקאָנט פון די הויט אַרויס...

ל ע אָ

פאַרוואָס אָפּלייגן אויף דערנאָך, אַז ס׳וועט שוין זיין נאָך אַלעם... נישט אַרויסקומען גלייך אַצינד, אַז כ׳בין נאָך אַ פרייער ווינט... און קאָן זיין פאַר זיך אַליין ווייטער אַ קינד... אָפּפּאַלן דער חוב און נישט האָבן אויף זיך גאָר, וואָס זאָל מיך פירן ווי אַ שולדיקן, אונטער די הענט: כ׳מוז גיין! זיך לאָזן שניידן ביזן ביין...

פ ר ע מ ד ע ר

אַ מענטש איז אַזוי צעשרויפּט?... אַז וואָס מ'זאָל אים נישט זאָגן, — קאָן עס אים צום איבעריקן דערשלאָגן...

ל ע אָ

פון דעם וואָס איר דערזאָגט נישט, — ווערט דאָך אָבער טויזנט מאָל מער... ס'צעשפּרייט זיך אין קאָפּ, ווי אַ פייער אין אַ וואַלד... באַלד, באַלד... אַז איר וועט מער נאָך פּרווון אויסציען, און ס'וועלן זיך אונטערברעכן מיר די קניען...

מ י נ י

ביי וועלכע ס'האָבן זיך נאָכנאַנד געביטן די קאָלירן אין פּנים, — גיט זיך אַ שטעל אַוועק ווי אַ לייב

ד׳=ש׳=ע !

י ו ל ע ק

פליט אין דער מינוט אַריין אויף די רעדער, פאַרטשעפּעט זיך אין עמעצן, וואָס טראָגט אַ טאַץ גלעזער, און ווארפט זיי אים אַרויס פון די הענט; זיי ווערן צעבראָכן מיט אַ הילך.

מ י נ י

לאָזט זיך אַראָפּ אַ פאַרחלשטע צו דער ער־

ל ע אָ

צעשראָקן

מי=ני !

פון די דערבייאיקע שטובן נעמען לויפן די געסט, וועלכע בלייבן פון דער ווייטנס, און קוקן זיך מער פאַרוואונדערט ווי דערשראָקן, — צו.

ל ע אָ

מיט די אויגן אַרום

אַ טראָפּעלע וויין! גיט איר. נעם אַ קליין ביסעלע צו די ליפּן...

מ י נ י

קומט צו זיך, נעמט אים אַרום און קוקט פאַרלוירן צום פרעמדן

וואָס דער מענטש וואָלט אַזוי געקאָנט אויף מיר אויסטראַכטן ?..

ה׳ ב ר ו י ע ר

אין טיר, רואיק

וואָס אי דאָ געווען ?

ל ע אָ

דער נאַרישער יונג **איז אַריין אויף די רעדער, און אַרויסגעוואָרפן אַ טאַץ גלאָזוואַרג פון די האַנט, האָט זיך מיני דערשראָקן און אַוועק־געחלשט...**

ה׳ ב ר ו י ע ר

אַ־מעטום, דער יונג.

מ י נ י

אין זיך

זיך אַוועקגעשטעלט אַ שוואַרצע קראָ ביי מיר אויפן פענסטער, קראַקען ;
און וואָס זי האָט אַזוי געקאָנט באַלאַקען ?...

ל ע אָ

ס׳אי מיר שוין מער קיין חילוק נישט.

מ י נ י

שליינגסט נישט מער זייגע ווערטער, וואָס גייען אים אַרויס פון מויל, —
און זעגען שוואַרץ ווי קויל ?

ל ע אָ

אויס גרויל !

מ י נ י

אויב אַזוי, בין איך דיין כּלה ווייטער, און ס׳אַ חתונה.
וואָס האָבן די כּלי־זמרים אויפגעהערט שפּילן ?
און זיי שטייען אַלע אַרום,

שאָקלען זיך צו פרום, –
כ'וויל מיך פרייען מיט אייער טאַנצן,
זייגע, – צוריק איינגאַנצן.

דרייט זיך.

די כלי־זמרים אין די צווייטע שטוב נעמען שפּילן, און די געסט דאָ פּאָרן.

ה' בּרויער

לאָזט זיך אראָפּ אויף א פאָטעל, און וואַרפט ארויס דעם רויך פון מויל;
דערזעט דעם פרעמדן.

אַ פרעמד פּנים.

פרעמדער

אום־הום...

ה' בּרויער

און ס'קול פרעמד.

פרעמדער

נישט ניחא ?

ה' בּרויער

נישט מער און ווייניקער ווי די חתונה, און אַלע געסט אויף איר... איר רייכערט ?...

פרעמדער

פון אַ גאַנצן ציגאַר מיר דאָס שטיקל געבליבן !

ה' בּרויער

מיר מוחל זיין, מ'רעדט...

פרעמדער

און פריער נאָך געוואָלט מכבד זיין, איידער ר'האָט געוואוסט מיט ווע־מען ר'רעדט...

ה' בּרויער

דאָך כ'זע : אַ מענטש...

פ ר ע מ ד ע ר

אַבּי, אַ מענטש.

ה׳ ב ר ו י ע ר

סתּם ?

פ ר ע מ ד ע ר

ס׳קאָן זײַן מער ?

ה׳ ב ר ו י ע ר

נישט נייטיק מער... אויב אַ מענטש...

פ ר ע מ ד ע ר

און נישט מיט קיין הערנער...

ה׳ ב ר ו י ע ר

איז שוין גענוג און איבעריק...

פ ר ע מ ד ע ר

כע-כע-כע...

ה׳ ב ר ו י ע ר

צוליב וועמען געקומען ?

פ ר ע מ ד ע ר

אַ גאַסט ווי אַלע.

ה׳ ב ר ו י ע ר

חתונס צד ? כּלהס צד ?

פ ר ע מ ד ע ר

קיין שום צד נישט.

ה׳ ב ר ו י ע ר

סתּם ?

פרעמדער

ווער זאָגט ?

ה׳ בריער

און, נישט נאָר פון דער וועלט אַרויס ?...

פרעמדער

אַ פרעמד פּנים... כ׳ווייס ?... און ס׳קול פרעמד... און זיך גיין דאָ מישן... אויפמישן און פאַרמישן...

ה׳ בריער

אַ שאָד אייער טרחה, מיין ליבער מענטש... זיך אַ ביסעלע צו שפּעט מיישב געווען... געקאָנט האָבן אַ רפואה געבערענגט, פריער עטוואָס... נישט: דער קראַנקער גוססט...

פרעמדער

גיט מע נישט קיין גוססן מער איין קיין רפואה ?

ה׳ בריער

יאָ... מ׳זאָל האָבן אַ שטיקל פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין... אַ סך מאָל: נישט אַזוי דעם קראַנקן צו לינדערן ווי דערמיט אָפּצונאַרן... מ׳קאָן דאָך פונם נישט אַוועקנעמען מיט אַלעם די הענט ?... אָבער די רפואה וואָס מ׳גיט איין, איז נישט דערפאַר זי זאָל האָבן אַ פּעולה ?...

פרעמדער

איז אייער טאָכטער שוין אַזוי אָנגעקליידט, אַז מ׳זאָל איר נישט מער קאָנען העלפן ?...

ה׳ בריער

שפּרינגט אויף

ווי ?... פון מיין טאָכטער רעדט איר ?... און נישט פון זיי, די חתן־כּלה ?... אַ ?... עפּעס אַ באַגריף אין אים ?... אין איר מאַן ?...

פרעמדער

נישט קיין שום סוד דאָ פאַראַן.

ה׳ בּרויער

מענטש! נאָך קיינער בּיז אייך נישט געקומען, וואָס זאָל עפּעס וויסן וועגן אים, איידער ר׳האָט אַזוי וואונדערלעך אויפגעשיינט, בּאַרוישט דאָס הויז, און זיך צעבּליט אין דעם ווי אַ רויז?...

פּרעמדער

איך רעד, רעד, און זע: ווי דער קאָפּ איז אַלץ בּיי אייך ווי אָפּגעהאַקט...

ה׳ בּרויער

פון פריער

און נאָך מיין ווייבּס טויט, — געוועזן ווי אַ שטיק ליכט, וואָס רייסט אַדורך די וואָלקן; אונז אַלעמען דערפרייט, — אַלעמען געהיילט; אַזוי פיל איידלקייט, חכמה, — אַז כ׳האָבּ דערמיט זיך געזוכט אויסצורעדן איר טויט: „אַז קיין צוויי שטערן קאָנען מיט איינמאָל נישט שיינען; איינער אונטערגעגאַנגען, דער אַנדערער אויפגעלויכטן".

פּרעמדער

קיין חידוש נישט: אַז אַ וואָרים פאַרקריכט אין אַ שיינעם עפּל...

ה׳ בּרויער

און נאָך זיין גיין, שטיין, ליכטיק קוקן, ליכטיק רעדן, ליכטיק לאַכן, — אַז ס׳אי געוואָרן פינסטער, גענומען רייבּן די אויגן: „איז מיגלעך פלעקן אויף דער זון? און די שטערן זיין טונקל, צוליבּ זייער ליכטיקייט? אים אַליין, צוליבּ דער גרויסער ליכטיקייט, — געזאָלט האָבּן פאַרזען?" נאָר גיי קוק זיך אויס די אויגן פון קאָפּ, אַז ס׳אי נישט בּאַלד געבּליבּן נאָך אים קיין קרובֿ, קיין גואל, קיין הונט, קיין שום לייבּ און לעבּן... אַ בּרום פון אַ לעבּעדיקן צאַפּן... אַן אויער, וואָס זאָל זיין געדעכעניש פאַרנעמען, און עפּעס דערפון אויפכאַפּן...

פּרעמדער

אים נאָך אוודאי געמאַכט פאַר אַן אָפּגאָט.

ה׳ בּרויער

נישט: וואָס זי האָט פונם געמאַכט, נאָר גאָרנישטאָ און נישט זיין אַזעל־בעס, וואָס זי וויל ערשט פונם מאַכן... איר וועט לאַכן?...

פרעמדער

נישט פֿאַרגינען צומאָלט אויסטון דאָס שוואַרצע קלייד, ביים ברודער אויף די חתונה?...

ה׳ בריער

און וואָס כ׳זאָל מיט איר נישט רעדן, זיך וועלן צערייסן, כעסן: „מילא, אַ מאַן ברענגט זיך אום, ווייל נישט לעבן... האָט ער דאָך געוויס נישט אַנדערש געקאָנט ווי אַזויערנאָך פֿון דיר אַרויסקריכן; וואָס קלעפּסטו ווידער אין אים?... לאָז אים שטיין, ליגן, און גיי אַוועק! נישט געוואָלט קענען די וועלט, און זי דיר צוגעוואָרפֿן, — האַלט דיך מיט איר; ס׳אי זיך נאָך דאָ מיט וואָס צו האַלטן... וואָס שרייסטו און מאַכסט גע-וואַלטן?..." נאָר וואָס העלפֿט מיין רעדן, שרייען און בעטן?... באַדאַרפֿט האָבן דעם העכט, וואָס האָט ביי אים אָנגעמאַכט דעם גאַנצן חורבן, אַזאַ העכט איז דאָך דאָ!... און איר אים אַרויפֿלייגן אויפֿן טעלער: „נאַ, און עס דיך אָן מיטן!"

פרעמדער

גיט מיר אייער טאָכטער!

ה׳ בריער

איר קאָנט איר אים דערלאַנגען?... כע-כע... געוואוסט: ס׳וועט מיט דער חתונה אַזאַ נס געשען... עמעץ קומען, וואָס זאָל עפּעס וויסן וועגן אים, נאָך אַליין אונטערגעצייטלט מיט איר... וואָרן, אויב איינער גייט מיט איר אונטער, כאָטש דער צווייטער זיך דורך איר אויפֿהייבן... אַזוי, נאָך גע-קאָנט בלייבן מיט די ליידיקע הענט...

פרעמדער

גייט, ברענגט מיר אייער טאָכטער.

ה׳ בריער

צעטראָגן

אַניטע! זיך היינט האָבן מזלדיק אויפֿגעמאַכט די טיר, און געבראַכט דעם גליקלעכן גרויס פּאָר איר?... וואו איז זי ערגעץ?... כע-כע... נישט אַמאָל צוגעוואָרפֿן די חתונה, און זיך ערגעץ אויפֿגערוימט?... איין רגע, און זי אייך געבן אין די האַנט אַריין... אָפּ.

מ י נ י

קומט צוּריין, קוקט אים שאַרף אין די אויגן

וויינעק: וואָס מיטן בּלויזן קומען מיר פאַרשאַפט אַזוי פיל יסורים, און נאָך געוואָלט, — כ'זאָל מיך מיט אַלעם אומברענגען פאַר דיר אין די אויגן ?...

פ ר ע מ ד ע ר

גיט זיך אַ וואָרף צו אירע פיס

כ'וויל דיך מחילה בעטן...

מ י נ י

קערט אָפּ איר פּנים

דער מלאך המות שעכט און בלייבט גערעכט.

פ ר ע מ ד ע ר

באַהאַלט ס'פּנים אין איר קלייד

נישט אַנדערש געקענט, ווי ס'וואָלט אין מיר נישט געווען געווענדט..

מ י נ י

אַז פאַר די אויגן האָט מיר גענומען שווינדלען, אויסרינען די ליכטער, און ווי פון באַלקן אַראָפּפאַלן שווערע געוויכטער, — ביסטו געשטאַנען און בנעימות געשניטן פּעניצלעך פון מיין לייב...

פ ר ע מ ד ע ר

מיר אַליין געבן גערעכט, כ'וועל דיר זאָגן.

מ י נ י

וויינעק: האָסט מיך צעבראָכן, און נאָך געקומען, ווען אַן אַנדערער האָט מיך געהיילט, דעם קאָפּ אויסגעקושט, — אַז כ'זאָל אים שוין מער קיינ־מאָל נישט קאָנען אויפהייבן ?...

פ ר ע מ ד ע ר

ידי לאַנג ווי ס'אי נישט נאָך אַלעם, געוואָלט : אַז ס'זאָל אים גיין אין ק... אַריין, — אַז ער נאַרט זיך, אויב ער מיינט אָפּצוקומען אַ חוב דערמיט וואָס ער האָט חתונה ?...

מ י נ י

און אים נאָך מער פאַרביטערן, אויב ס'איז אים נאָך ווייניק זויער און ביטער?

פ ר ע מ ד ע ר

ניין, פאַרגרינגערן.

מ י נ י

דערמיט, וואָס דו וואָלסט אים פון מיר פאַרטריבן?

פ ר ע מ ד ע ר

און אַליין מיט דיר אונטער די חופה געגאַנגען.

מ י נ י

פון וואַנעט האָט זיך מיטאַמאָל אין דיר דערנומען אַזוי פיל גוטסקייט?...

פ ר ע מ ד ע ר

און ווי ער, נישט לעבן פאַר דיר, נאָר שטאַרבן...

מ י נ י

פאַרוואָס ביסטו נישט פריער געקומען, ווען ער איז נאָך געווען אַ גאַנצער מענטש?...

פ ר ע מ ד ע ר

נישט איינגעפאַלן: ס'זאָל צוגיין אַזוי גאָנט ווי ביז צו אַ חתונה...

מ י נ י

קאָנסטו מיט דיין טויט זיין לעבן איצט אויסקויפן?

פ ר ע מ ד ע ר

זאָל איך בלייבן שטיין אויף די פיס, און ער אַראָפּגיין פאַר מיר אין קבר אַריין?

מ י נ י

קאָנסטו דיר זען צו העלפן אויף אַן אַנדערן אופן: זאָלסט דערנאָך נישט איבערבלייבן...

פ ר ע מ ד ע ר
נעמט אים אַרום

ווײַל איך כאָטש אײנאײנעם נאָך מיט דיר זײַן, אײדער כ׳וועל צוגײן דאָס טון...

מ י נ י
מאַכט זיך אַרויס

נאָך אַלעם, שוין; כ׳געהער אים.

פ ר ע מ ד ע ר

און בײַ דיר גאָרנישט האָבן געפּועלט אַצינד?

מ י נ י

געבליבן פֿאַר מיר,
דער זעלביקער ווינט
וואָס פֿריער.

פ ר ע מ ד ע ר

און אַוועקגײן מיט דעם אײגענעם, וואָס כ׳בין געקומען?

מ י נ י

נישט בלויז אַוועקגײן, נאָר מער זיך פֿאַר די אויגן נישט ווײַזן...

פ ר ע מ ד ע ר

ס׳גאַנצע לעבן נישט מער?

מ י נ י

ס׳גאַנצע לעבן נישט מער.

פ ר ע מ ד ע ר

און אַז ס׳וועט ברויכן זײַן, ס׳לעצטע מאָל?

מ י נ י

אויב דער טויט וועט דיר נישט גרינג אָנקומען...

פ ר ע מ ד ע ר

גיב מיר די האַנט.

מ י נ י

צוואָס ?

פ ר ע מ ד ע ר

כ׳וויל איר אַ קוש טון.

מ י נ י

פאַרשטעלט זיך די אויגן, און גיט איר

נאָר, הרגע דיך נישט אויפן אָרט, דאָ אויפן אָרט...

פ ר ע מ ד ע ר

באַרירט איר מיט די ליפן, ביי וואָס זי גיט אַ כלישנע מיטן האַרץ, און גייט שטייף אַרויס.

מ י נ י

גיט אַ פאַל צו צום פענסטער, האָרכט זיך איין

געהאַלטן וואָרט, און זיך נישט אומגעבריגט...

ל ע אָ

קומט אַריין

גאַנץ אַליין ?

מ י נ י

געמיינט : מיטן פרעמדן ? און געהאַט אַ קלער ?

ל ע אָ

ער גייט מיך ווי כמעט נישט אָן מער.

מ י נ י

וואָס דען האָסטו געקלערט, מיך אין דערינען נישט געזען ?

ל ע אָ

אַז, אויב דו ביסט נישט אַנטלאָפן מיט אים, כאַטש דיך דאָ מיטן צו טרעפן.

מ י נ י

וואָס קער איך מיט אים אָן: כ'זאָל מיטן אַנטלויפן, אָדער זיך בלויז אַפילו אָפּגעבן?...

ל ע אָ

כ'ווייס?... די אייגנע רגע, און וואָס ס'גייט שוין אין דרינען אויף?...

מ י נ י

טאַקע דערפאַר אַרויס, ווייל כ'האָב נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס קוקן; זיך דער קאָפּ מיר געשפּאָלטן...

ל ע אָ

מיד

דיר נאָך פאַרמיאוסט ווערן צו זיצן אַליין ביים פענסטער, און קוקן אין הימל אַריין; זיך אַרומדרייען ווי אַ שאָטן הינטער די ווענט...

מ י נ י

כ'זע נישט: ס'זאָל ווען אַמאָל נעמען אַ סוף?

ל ע אָ

אַלץ באַלד פאַרלעשן, אויסגיין מיט די נאַכט צוגלייך אויף די הימלען; טאָג ווערן, און בלויז זעען די בלאַסע פלעמלעך לייכטן, אַזוי ווי נאָך אַ טויטן, וואָס מ'האָט פון שטוב אַרויסגענומען, און זיי נישט באַוויזן אויסצולעשן; און פילן: ווי ערגעץ אויף אַ קברות, וואו מ'האָט זיך בכיוון פאַרזוימט אַראָפּצוגיין נאָך אַ היימישע לוויה, ווייל ס'אי נאָך אַלץ אַ שאָד זיך צו שיידן מיטן טויטן... אים לאָזן אַליין...

מ י נ י

דערנענטערט זיך צו אים

כ'קאָן נישט פאַרטראָגן די קולות; נישט נאָך מיינע כוחות נאָך; מער שטילערהייט געוואָלט דערשפירן די גרויסע אומרו פון די חתונה, און ווי זיין צו קליין פאַר איר גאָלדענע פיין...

לעאָ

האָרך דיך צו צום האַרץ, לייג אַוועק נ׳קאָפּ, — הערסט עפּעס?

מיני

ווי אַ קליין וואַסערל מורמלען...

לעאָ

און ס׳רוישן ווי אין די בערג, וואו כ׳האָב געבראַכט ליגן, — די זון זאָל מיר בענקן ס׳לייב; יעדער שפּריץ שטעכט אַדורך ווי אַ פייל, און מ׳שפּייט אויס די טעג, די וואָכן, חדשים, מיטן שפּייען; וואָס אַ שפּיי, — ווייניקער אַ טאָג, וויי‑ניקער אַ יאָר, ביז מ׳האָט אַלץ אויסגעשפּיגן פון זיך, און ס׳אי נישט געבליבן גאָר מער...

מיני

יענע שרעק פון גיין זומער אַרומגעבונדן די העלזער מיט וואַרעמע שאַלן, און טראָגן וואָלענע זאָקן...

לעאָ

און פון הערבסט, די שניט־צייט זייערע, ווען ער קאָשעט זיי אויס ווי די זאַנגען אין פעלד...

מיני

און מ׳גייט אונטער ווי אַ שיף מיט צעבראָכענע זעגלען אויפן ים; אַ צעלעכערטער אָקרענט, וואָס פאַרזינקט צוביסלעך, און ס׳בלייבן נאָך פאַר אַ דערווייל פלאַטערן די ווייטע אויפגעצויגענע לייוונטן, איבער אומענדלעכע ים־שטרעקן, ווי אַראָפּגעהאָנגענע פליגל ביי ווייסע גע‑שאָכטענע גענז...

לעאָ

נעמט זיך דרייען

ש־ש... קום דיך דרייען, קינד,
און פאַרדריי דיך אינם ווינט...
ביים טויט אויף די חתונה, אַצינד.

ס׳מאַכן זיך אויף די טירן, און די שטוב ווערט אָנגעפילט מיט חתונה־געסט, וועלכע האַלטן אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט.

לעאָ

די חופּה, שוין ?... און דער טאַטע קיין טאַטע נישט זיין ?...

ה׳בּרויער

קומט אָן, קוקט פון אַלע זייטן

הינטער די האַנט מיר אַוועקגעקומען, דער מענטש... קוקט צווישן די געסט
אים קיינער נישט געזען ?

לעאָ

טאַטע.

ה׳בּרויער

פאַר זיך

הו־ם... אים געהאַט, און איר נישט; האָב איך איר, — און אים ווידער
נישט... זאָל מע נישט זיין צעמישט ?...

לעאָ

נאָנט

מיר צוגעזאָגט...

ה׳בּרויער

יאָ... צוגעזאָגט... דיך אַליין צו קבורה ברענגען... מיט די אייגענע הענט
ערד אויף דיר אַרויפצושיטן...

לעאָ

טאַ־טע !

ה׳בּרויער

הייבט די הענט אויף

גייסט אַוועק פון מיר... ס׳לעצטע מאָל שטיי איך איבער דיר... און, זאָל
די ערד דיר זיין גרינג...

לעאָ

ט־אַ־אַ־ט־ע !

ה׳ בּרויער

פאַרלוירן

וואו בּין איך ?... נישט אויף קיין חתונה בּיי דיר ?...

לעאַ

און דאָס איז די בּרכה ?

ה׳ בּרויער

ניין... דיין מאַמע וואָס טוט איצט פיר איילן פון דער ווייטנס שטיין, זאָל דיך זען אויסצובּעטן, און לויפן מיען : כ׳זאָל פון דיר קיין צער נישט האָבּן... דיין טויטע מאַמע דיך איצט צו די חופּה פירן, און פאַר דיר אַ זכות דערגרייכן... אירע יאָרן, וואָס זי האָט נישט דערלעבּט, דיר צוזעצן...

לעאַ

וואָס זענען די כּלי-זמרים שטיל געבּליבּן ?... העי, כ׳גיי שטראַלנדיק אַקעגן די אויפגעקומענע וועלט, אויפן פינסטערן הימל פון מיין ליכטי-קע חתונה ; די טראָלן זיך בּאַמבּלען איבּערן קאָפּ, און דערמאַנען אין די נעכטיקע טעג, וואָס כ׳האָבּ געקלעטערט אויף די בּערג ; דאָס גאָל-דענע דעק-טוך זיך אויסשפּרייטן איבּערן קאָפּ, ווי דער בּלאָער הימל אין די וואַרימע לענדער...

גייען בּיידע אָפּ אונטער די אויפגעהויבּענע הענט, — מיט די ליכטלעך איבּער זייערע קעפּ. די שטוב איז טונקל און ליידיק. אין דרויסן איז ליכטיק, ס׳גייט אָן די הופּה

אַניטע

אַליין, פאַרזונקען.

טונקל

אין טיר

איר בּלייבּט אין שטוב ? גייט נישט אַריין צו די חופּה ?

אַ נ י ט ע

פֿאַרטון

כ׳שפּיר אַ זיסע פֿרייד אין מיינע גלידער... זיי קורטשען זיך פֿאַר תּענוג
ביי זיינע ליפּן... קוש מיך... קוש מיך...

ט ו נ ק ל

ציט זיך צוריק

איר נישט שטערן אַצינד...

אַ נ י ט ע

ווי פֿריער

וואָס בלאָזן ביי אים די נאָז-לעכער מיט אַזוינע שאַרפֿע, געוואַלצענע ים-
ווינטן, און ס׳ווערט מיר אַזוי קאַלט אין די ביינער ?...

אין די אַנדערע שטוב קלינגט דער זייגער אויס צוועלף.

ה ע ל אַ

קומט אַריינצולויפֿן נאַקעט, פֿון בעט אַרויס

כ׳האָב מורא, אַניטע, צו שלאָפֿן אַליין...

אַ נ י ט ע

דער זייגער דיך אויפֿגעוועקט, יאָ ?... שוין אַלץ אויסגעקלונגען היינט
אויף די נאַכט, — גאָרנישט מער ביי אים געבליבן...

ה ע ל אַ

האַלזט איר אַרום

געזען אין פֿענסטער: דער הימל זיך געעפֿנט.

אַ נ י ט ע

אַז ס׳קומט האַלבע נאַכט, עפֿנט זיך דער הימל.

ה ע ל אַ

ווי אַזוי, אַניטע ?

אַ נ י ט ע

גאָט מאַכט אויף ס׳טירעלע.

ה ע ל אַ

נאָך וואָס, אַניטע ?

אַ נ י ט ע

ער שיט אַראָפּ אַ זאַק נשמה׳עך.

ה ע ל אַ

און וואו קומען זיי אַהין, אַניטע ?

אַ נ י ט ע

פליען אַרום אויף די ערד, צווישן די קליינע הייזעלעך, און פּאַטשן מיט די פליגעלעך אין די שייבן: מ׳זאָל זיי אַריינעמען...

ה ע ל אַ

גיט אַ שפּרונג אויפן פענסטער.

אַ נ י ט ע

כאַפּט איר צוריק

וואָס גייסטו טון ?

ה ע ל אַ

אַריינעמען אַ נשמהלע.

אַ נ י ט ע

וואָס וועסטו מאַכן מיטן נשמהלע ?

ה ע ל אַ

עס אַריינבלאָזן אין די פּאָרצעלייענע לאַלקע, און ווערן לעבעדיק; אָנ־הייבן לאַכן, רעדן... איר האָבן פּאַר אַ קליין שוועסטערל...

אַ נ י ט ע

ווילסט אַ קליין שוועסטערל ?... אַ שאָד... געווען וויסן פריער, און אָפּ־געהאַלטן ס׳פענסטער... זיך שוין צעפלויגן...

ה ע ל אַ

אַלע ?

אַ נ י ט ע

כ'זע קיין איינע נישט אַרומפּליען, מער.

ה ע ל אַ

קאַפּריזנע

און ווער גייט דאָרט אַרום, ווער?

אַ נ י ט ע

אַ נאָלדענע טרער.

ה ע ל אַ

קוקט זיך איין

און דאָרט, ווער קאָן דאָרטן שטיין?

אַ נ י ט ע

אַ שטיינדעלע אַליין.

אַ שטיל שפּילן.

אַ נ י ט ע

ש־ש־ש... די חופּה־שטאַנגען שטייען שוין... איך וועל מיך דאָ באַהאַלטן...
פאַרשטעקט זיך נישט זאָגן, מ'וועט קומען, — וואו כ'בין, ביין?...

ה ע ל אַ

נישט שטיין אַזוי, אַליין.

אַ נ י ט ע

די כלה אים אָנגעזעצט...

ה ע ל אַ

בעיקעפּט

כ'ווער פול מיט געוויין.

אַ נ י ט ע

ש־ש־ש... דיך אריינעמען אין בעטעלע...
דערציילן אַ מעשה:

פון אַ קיעלע אַ ווייסע,
וואָס אַ קליין מיידעלע האָט געמאָלקן,
און אַוועק צווישן די וואָלקן.

ס׳שפּילן ווערט שטאַרקער.

אַ נ י ט ע

ש־ש־ש... מ׳ברענגט אים שוין אַריינצוטראָגן...
אין מיטן שטוב אַוועקגעלייגט,
און געזעצט איבערן קלאָגן...
ליגט טויט,
און ס׳פּנים ביי אים איז גאָרנישט ווי געשטאָרבן...
וואָס איז ווידער צו קלאָגן אויף אַזאַ חורבן?
אַז ר׳האָט אַ הנאה אַזוי צו ליגן, —
דאָס אים נישט פאַרמערן...
נאָך געבן אַ ליילעך...

פאַרדעקט

שטעלן ליכט צוקאָפּנס.

שטעלט

און אויפשפּילן אַ שטיקעלע, שאָפּענס, —
ס׳ זאָל אויסזען ווי פון אַ מהלך...
איך וועל זיין דער ווייסער מלאך...
דיך היטן ביזן גראָען מאָרגן...
כע־כע... וואו נעמט מע אַ טויטנס זאָרגן?...
אַז פון אַרומלויפן ווייסט ער נישט;
עסן, טרינקען, — אָפּגערעדט.
וואָס גייען אים אָן שטעט?
ער האָט גענוג,
אַז ר׳ליגט אויף גאָלן ברעט,
צי אַרומגעבעט,
און מ׳מיינט אים נישט...
מ׳מיינט אים נישט...

זעצט זיך טרויעריק שפּילן.

די שטוב ווערט איבער איין רגע, דורך אַלע טירן, אָנגעפּולט מיט די חתונה־געסט.

ה׳ בּרויער

צעטומעלט

אַניטע!

העלאַ

גיט אַ פאַל אַריין אין אים

פּאַ־פּע!

ה׳ בּרויער

ס׳ווייסט גאָר קיינער נישט פון אים, דעם מענטש?

טונקל

נאָך אים, הייבט מאַשינמעסיק די אַקסלען

ס׳ווייסט גאָר קיינער נישט פון אים, דעם מענטש?

ה׳ בּרויער

און וואו ר׳האָט ערגעץ געקאָנט אהינקומען?

טונקל

און וואו ר׳האָט ערגעץ געקאָנט אהינקומען?

ה׳ בּרויער

פון הינטער די אויגן אַוועקגעקומען. אָפּ.

טונקל

אָפּ נאָך אים

פון הינטער די אויגן אַוועקגעקומען.

לעאָ

פירט אַריין מינין, לייגט איר אויף די קאַנאַפּע, און טוליעט זיך איין אין איר

איר געהערט שפּילן, דערפילט: כ׳האָב חתונה, און שטיין מיט דיר אונ־טער די חופּה.

מ י נ י

וואָס פאַר אַ חתונה, און וואָס פאַר אַ חופה.

ה׳ ב ר ו י ע ר

קומט צוריק, צעטראָגן

זיין געביין פון אים נישטאָ.

ט ו נ ק ל

מיט אים

זיין געביין פון אים נישטאָ.

ה׳ ב ר ו י ע ר

שוין יאָ איינמאָל עמעץ אָפּגעריסן, וואָס האָט געקאָנט אויפמאַכן די טיר צו אים, — איז ער נאָכגיכער אַוועק, און איר ווי פריער געלאָזן פאַרמאַכט; מיט וועלכן וועג איז ער געקומען, און מיט וועלכן, — אַוועק ?... וואָס האָט אים געבראַכט, און וואָס צוגעדעקט ?... נישט איבערגעלאָזט באַלד קיין צייכן צו די טריט, פונקט ווי ער אַליין, — וואָס האָט זיך אומגעבראַכט...

ל ע אָ

גיט זיך מיטאַמאָל אַ רייס אויס פון איר

און איך, טאַטע, פיל: ווי ס׳פּעלט מיר אַ שטיק האַרץ מיט אים.

מ י נ י

אויף די פיס, פאַרשטעלט ס׳פּנים, — הייבט הויך ס׳האַרץ.

פ אָ ר ה אָ נ ג

דריטער אקט

ניִשט לאַנג דערנאָך
אין די זעלביקע שטוב

יולעק

זיצט אויף די הוידעלקע, וועלכע הענגט אין דורכגאַנג פון טיר, — וויגט זיך און חזרט די לעקציעס פון ביכל אַרויס.

ה׳ ברויער

קומט אַריין

דו זיצסט שוין לאַנג דאָ, אויף דעם אָרט?

יולעק

אַ גוטע שעה.

ה׳ ברויער

און, פריער?

יולעק

געזעסן אין דרויסן.

ה׳ ברויער

און אַגיטע איז דאָ אַלץ נישט געווען?

יולעק

ניין.

ה׳ ברויער

און העלאַ?

יולעק

אויך נישט.

ה׳ ברויער

נישט געזען זיי ביידע אַוועקגיין, אינאיינעם?

יולעק

ניין.

ה׳ בּרויער

פֿאַר זיך

איר האָבן מיטגענומען, די קליינע ?

יולעק

זיך ליב צו פֿאַרקריכן, די ווייסע קאַץ, ערגעץ צווישן קינדער אין אַ הויז...

ה׳ בּרויער

באַלד נאַכט, ס׳טונקלט.

יולעק

קליינע טעג, און... גרויסע לעקציעס.

ה׳ בּרויער

נאָך ביינאַכט אויפֿזיין, און זיך די אויגן ביי זיי אַרויסנעמען ?...

יולעק

מאָרגן אויך נישט ליידיק אַרומגיין.

ה׳ בּרויער

אַ גאַנצן זומער געשפּרונגען אויף די פֿלעטער גלייך מיט די ציגן, געבראָכן ביימער, — אַצינד מעגן גיין אַ ביסל אין שפּאַן. *קוקט אויפֿן זייגער* נאָך פֿירע, דער טאָג קומט אַוועק, און ס׳ווערט נאַכט.

יולעק

ס׳גלוסט זיך גאָרנישט אין אַזוינע טעג צו לערנען.

מיני

אין טיר

געזאָלט אַריבערטראָגן ס׳בעט ?

ה׳ בּרויער

געזאָלט טאַקע.

מיני

ס׳שטייט אין דרינען ביים פֿענסטער, און די ווינטן רייסן.

ה׳ ברויער

רייסן טאַקע.

מיני

און פון די וואַנט טריפט, אַ פייכטע וואַנט...

ה׳ ברויער

אַלטע ווענט, שטיינערנע... וואָס קען מע פון זיי דערוואַרטן ?...

מיני

און ס׳רייסט אים צום איבעריקן די לונגען אַרויס...

ה׳ ברויער

גיט זיך אַ קער אום צו איר

און ער אַליין זאָגט אויך : מ׳ברויך עס אַריבערטראָגן ?... נישט דו קומסט מיט דעם פזמון, אַ ?...

מיני

אַ קינד וויל נישט נעמען קיין רפואה, — בינדט מע עס און מ׳גיסט זי אים אין העלדזל אַריין...

ה׳ ברויער

אַ קינד... אַ שיין קינד, כע־כע... אים געבן די ברוסט אינם פיסקל אַריין...

מיני

ס׳שאַדט דאָך אים פּאָרט...

ה׳ ברויער

און אַז ס׳שאַדט אים נאָך אַ סך זאַכן, און ער טוט זיי ?... שוין איבערגע־ שטעלט ס׳בעט, נו ?... אַוועקשטעלן אין אָפענעם פענסטער אַריין, קוקן... נו ?... ס׳פענסטער אויך איבערשטעלן ?...

מיני

דאָס קיינמאָל נישט אויף אים געגלייבט...

ה׳ בריוער

טאַקע נישט קיינמאָל געווען אַזוי, נאָר זינד ר׳איז קראַנק געוואָרן...
כ׳ווייס ?... שוין אין דער טבע פון אַלע קראַנקע, צו זיין איינגעשפאַרט ?...

מינדי

אַליין אויך נישט איבעריק געזונט, און גאָרנישט אַזוי...

ה׳ בריוער

איז ער נישט בלויז קראַנק, נאָר האָט נאָך עפּעס צו דער קרענק, וואָס
בייסט אים ; וואָרן, ווי לאַנג כ׳קען אים, אַ ביסל לענגער פאַר דיר, —
איז ער אַלע מאָל געווען גוט ווי אַ טויב ; ס׳האַרץ געקאָנט אַוועקגעבן ;
ס׳לעצטע העמד פון לייב אַראָפּ, אויסטאָן ; און עטס זיך אַצינד לעבעדי־
קערהייט אויף... לאָזט נישט צו אויף די מינדסטע האָר, וואָס זאָל אים
גוטס טון... און אפשר טוט ער גוט דערמיט ?...

מינדי

אַלע שונאים געזאָגט...

ה׳ בריוער

דעם שכל אין קאָפּ האָט ער דאָך ; געבליבן ביי אים ; און נישט אויסגע־
רונען...

מינדי

יאָ, פייגעלעך שפּינען...

ה׳ בריוער

אַ ! פריער אַליין אויך געווען די אייגענע, זיך נישט אַנדערש באַנומען,
און סוף־כל־סוף באַזינען, אַ ?... און ער וועט זיך אויך באַזינען ?... ווייל,
מער ווי איין לעבן איז נישטאָ... אויף אַלעם דערנאָך וועלן באַשטיין, אַז
ס׳וועט זיין ווייט פאַרטאָגס, די העגער „קו־קע־רי־קו !” קרייען...

מינדי

שטאַרבט נאָך נישט.

ה׳ בּרויער

ווייל אָבער אויך נישט לעבן; אַז מ׳שיקט נאָכן דאָקטאָר, לאָזט ער אים נישט אַריין; אַ לעפל וואַרעם וואַסער ביז ער נעמט אַראָפּ, — בּרויך מע זיך די גאַל אָפּעסן; און אַלץ מיט אַזאַ רציחה... אַ דם שונא געוואָרן זיך... טאַקע אפשר וואָס בייז צו זיין... נאָר וואָס האָט אים ס׳שטיקל לעבן אַזוי פיל שלעכטס געטון, ר׳זאָל עס דורכאויס וועלן דערקירצן?

מ י נ י

כ׳ווייס אַליין אויך נישט.

ה׳ בּרויער

קוקט אויפן זייגער

געבעטן דעם דאָקטאָר צוקומען, און מ׳זעט אים נישט. אַ קלונג, גייט אויפמאַכן און קומט צוריק מיט טונקלען.

ט ו נ ק ל

נישט דרייסט

גוט נ׳אָוונט.

ה׳ בּרויער

האָסט אים שוין צו לאַנג געלאָזט אַליין; ער איז דאָך ווי אַ קליין קינד, — מ׳טאָר נישט פונם אָפּטרעטן אויף קיין איין מינוט.

מ י נ י

גיי איך מיט דעם זעלביקן צוריק?

ה׳ בּרויער

ביי מיר נאָך פריער דאָס געפועלט.

מ י נ י

דאָס ווידער נישט אָפּלייגן אויף דערנאָך. אָפּ.

ט ו נ ק ל

אוודאי נישט געהערט, ווי כ׳האָב גוט נ׳אָוונט געזאָגט.

ה׳ ברויער

גראַד יאָ געהערט... נאָר, דער קאָפּ...

טונקל

וואָס אי מיטן קאָפּ?

ה׳ ברויער

אַלץ אין דער וועלט, נאָר קיין קאָפּ נישט...

טונקל

נישטאָ אין שטוב, אַניטע?

ה׳ ברויער

ניין.

טונקל

בחנם געקומען.

ה׳ ברויער

איר אַפּילו טרעפן, נישט האָבן געווען בחנם?

טונקל

פאַרוואָס אַזוי מיינען?

ה׳ ברויער

ווייל, כ׳זע גאָרנישט די פּעולה דערפון...

טונקל

מיט איין אָדער צוויי מאָל, שוין זעען?

ה׳ ברויער

מילא, ס׳אַן עוולה?

טונקל

ביי אַ מענטש, וואָס איז געווען געפערלעך קראַנק, איז זייער שווער צו דערקענען, אַז ס׳הייבט זיך אָן ווייזן אַ בעסערונג...

ה׳ ב ר ו י ע ר

און איר שפירט אַ בעסערונג ?

ט ו נ ק ל

כ׳גלייב אַזוי.

ה׳ ב ר ו י ע ר

און דאָס אי שוין עפּעס, אַז מ׳גלייבט...

ט ו נ ק ל

מ׳טאָר קיינמאָל נישט איינגעבן די רפואה אויף אַמאָל, נאָר צוביסלעך ; אַנישט : קאָן זי נאָך, אָנשטאָט פון איר געהיילט צו ווערן, — פאַרשאַטן...

ה׳ ב ר ו י ע ר

איך זע דערווייל גאָרנישט קיין ענדערונג ביי איר... און האָב פון אייער גיין, אייער קומען, און אייער רעדן, דאָס געפיל : ווי מ׳זאָל מיט קליי-נע פירלעך ערד וועלן פאַרשיטן אַ טייך...

ט ו נ ק ל

אַ פירל און אַ פירל, און ס׳וואַסער גייט אָפּ, ס׳הייבט אָן אַרויסקומען ערד...

ה׳ ב ר ו י ע ר

יאָ : אַז דאָס ערשטע וועגעלע זאַמד, וואָס מ׳וואַרפט אַריין, ווערט נישט פאַרטראָגן ; בלייבט ליגן ווי מ׳האָט עס אַוועקגעלייגט, ביז ס׳נעמט אויף זיך ס׳צווייטע, ס׳דריטע, ס׳טויזנטסטע...

ט ו נ ק ל

זאַמד לייגט זיך זייער שווער... אַ קליין זאַמדעלע, און ס׳האָט וואָג...

ה׳ ב ר ו י ע ר

אפשר זעט איר נאָך ערגעץ ביי איר, העלן טאָג ? איך, נישט. ביי אַ קראַנקן, אַז ס׳הייבט זיך אָן בעסערן, — לאָזט זיך עס, ס׳ערשטע, שפירן אויפן פנים : דאָס געלקייט קומט אַוועק ; ס׳נעמט שפּילן אַ פאַרב, זיך

עפּעס אָנרעגן דערויף, צונויפּנעמען... ביז ס'ווערט אַן אַנדערע מראה...
און ביי איר, כ'קוק, — אַלץ די זעלביקע אָפּגעשטאַנענקייט... אַזוי ווי
אויף פּאַרמעט... אַלטן פּאַרמעט...

טונקל

ס'אַ משל: אַ קראַנקער ליגט אויפן טויטן בעט, און שוין קנאַפּ פונם
געהאַלטן...

ה' בּרויער

אפשר, ווייל איר זענט יינגער, זעט איר מער?... איך צווייפל שטאַרק...
איי, ווען איך זאָל עפּעס זען?... דאַן נישט געוואַרט ביז איר וועט
קומען אַמאָל אין אַ יובל... נאָר געשלעפּט אייך פאַר די אויערן:
קומט, רעדט... ס'אַר פריידּ ס'אויף דער ערד... נאָר ווי?... כ'זאָל
זען אַ שטיקל שיין... אויף אַ האָר כאָטש...

טונקל

איך זע...

ה'בּרויער

יענעם מענטש האָב איך געגלייבט... ער איז געקומען אָנגעלאָדן אויס-
צושיסן, און אַוועק, ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען, בעסער נישט אויס-
צושיסן... וואָס האָט אים ווידער אַהערגעבּרענגט?... נישט דער זעלבי-
קער פאַרפּישופטער סוד, וואָס איר געשטאָרבענער מאַן?... וואָס האָט זיך
יענער אומגעבּרענגט?... עפּעס ווי קרובהשאַפט צווישן זיי ביידן... און
ס'אייגענע, כמעט, פינקלען מיט די אויגן... שטיל איינגעהאַלטן רעדן...
אַזוי, אַז כ'זאָל מיינע צומאַכן, און נישט זען וואָס ער קוקט אַ קליין
ביסעלע אַנדערש אויס, אים געקאָנט אָננעמען נאָכן קול נאָך, — אַז יענער
איז אין שטוב, איר מאַן, און זיך גאָרנישט אומגעבּרענגט...

טונקל

און מער זינט דעמאָלט פון אים נישט געהערט?

ה' בּרויער

ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין.

טונקל

אפשר נאָך פון זיך לאָזן הערן?

ה׳ברויער

נו: אויב יענער ליגט אין דרערד, — דרייט ער זיך דאָך אויף איר אַרום; שוין דאָס ערשטע קומען איז דאָך אויך נישט מער געווען ווי אַ בלויזער צופאַל...

טונקל

אויב נישט מער.

ה׳ברויער

צוריקגעזעצט

ווי? ער זאָל דאָ אויכעט זיין פאַרמישט?... גיט אַ מאַך מיט די האַנט כ׳וויל גאָרנישט אויף אַזויפיל אַריינקלערן... געזונטער זיין, נישט וויסן...

טונקל

און פילייכט נישט מער טאַקע ווי אַ צופאַל?

ה׳ברויער

דאָס בלויז איז אויך גענוג; וואָרן, אַזוי ווי ס׳קאָן אַמאָל נישט מער נעמען ווי איין טאָג, — קאָן מע אויך אויסלעבן די יאָרן, ביז ער זאָל זיך ווידער ווייזן... אויסקוקן, וואו?... וואַרטן, אויף וואָס?... ביז ר׳וועט אַראָפפאַלן פונם הימל?... פריער אויף מיר אָנוואַקסן שימל...

טונקל

איך האָב, וואָס דוואָרעט, באַלד ווייניקער פאַר אייך, פון אים געהאַלטן; מער ביי איר אויפגעטון מיטן צאַרטן ריר, ווי יענער מיטן האַרטן, אָנגעצויגענעם טאָן, און גאַליקן: „כ׳הייב-אָן”!

ה׳ברויער

איך וועל אייך פון די פליגל נישט אַראָפקלאַפּן, כאָטש אַליין האָב איך מיך שוין פון זיי אַראָפגעקלאַפּט... מיאוס געווען פון איר... און פונקט ווי יענער שיפסקאַפּיטאַן אויפגעצויגן די זעגלען, און געלאָזט די שיף גיין

בלינד, אַליין מיטן ווינט... און ס׳אַרט אים נישט, אַז זי וועט קריגן אַ קלאַפּ... זיך זעצן אויפן זאַמד... לייגט אויף אים די האַנט איך זע נישט קיין ברעג... איר זעט?... כ׳גיב אייך איבער די שיף, און דערפירט איר מיט אייער כּוח... יונגער כּוח איז געוויס אַ גרויסער כּוח... איך מאַך אויף פאַר אייך די טיר...

א קלונג, — אַניטע און העלאַ.

ה ע ל אַ

כאַפּט אַרום ב׳פּאָטער, דערפרייט

שוין באַלד אָנגעהויבן מורא צו האָבן, טאַטעלו, אַז ס׳איז געוואָרן פינסטער.

ה׳ ב ר ו י ע ר

אויפגערעגט

געמאַכט אַ מאָדע, די קליינע מיטצונעמען; אויף די דערוואַקסענע נישט מער וואָס צו קוקן, — מיר נאָך ס׳קינד אויך איבערפירן?...

אַ נ י ט ע

פון אַ בית־עולם קאָן מען זיך קיין שלעכטס נישט אָפּלערנען; דערפאַר אויפוואַקסן אַ ביסל מער צוריקגעהאַלטענער, און נישט אַזוי צעלאָזן ווי ס׳ברידערל אירס...

ה׳ ב ר ו י ע ר

כ׳לעבן: דאָס געמעגט פאָרלייגן וואו מ׳גיט זיך אָפּ דערמיט, אַז יעדע שולע זאָל זיך זעען צו פאַרשאַפן אַ שטיקל בית־עולם אונטער די האַנט; אַנישט, לכתחילה איר דאָרט מאַכן...

ה ע ל אַ

געזען קי, טאַטעלו, גיין איבערן פעלד; קליינע שקצימלעך זיי געטריבן, געברענט פייער...

ה׳ ב ר ו י ע ר

ס׳קינד ברויך זיין צווישן קינדער.

ה ע ל אַ

און שטיינער, טאַטעלע, ווייסע שטיינער געזען.

ה׳ ברויער

קושט איר אין קעפּל

שפּרינגען פון די הויט, און רעדן בײנאַכט אויסן שלאָף...

העלאַ

ניין, טאַטעלע... אַניטע מיך אַרײַנעמען אין בעט... אַניטע איז וואַרים ווי אַ מאַמע...

ה׳ ברויער

אַזוי פּרי איר אָפּגעשטאָרבן, און פון וואַנעט ס׳ווייסט דעם טעם פון אַ מאַמע?...

העלאַ

טאַטעלע, אַ מאַמע איז וואַרים?

ה׳ ברויער

פּאַר איר קינד, אַלע מאָל... בלאָזט אויף אירע פינגערלעך געפרוירן, אַ שטיקל אײַז... קום, דיר הייסן געבן עפּעס צו טרינקען... אָפּ מיט איר.

אַניטע

מיט קוראַזש

אַן אַנדערע וועלט אונטן, מ׳קומט אַראָפּ; ס׳גיט אַ בלאָז אַקעגן דער ווינט... די שטילקייט אַ נעם אַרײַן...

טונקל

אויפן בית־הקברות.

אַניטע

און רק אַצינד, אין הערבסט, — מ׳שאַרט די בערג בלעטער, טרוקענע געלע בלעטער, — כ׳האָב אַזוי ליב ס׳גערויש זייערס, וואָס די פיס מאַכן אָן...

טונקל

אַ בית־עולם פון ביימער מיט בלעטער.

אַ נ י ט ע

זומער שטיקט עפּעס, און ס'איז ענג מיטן; ווינטער שפּירט ער זיך אויך נישט אַזוי שאַרף, — דער שניי רוימט אים אויף, באַהאַלט די קבֿרים, די מצבֿות, און נאָר וואָס אין די איינע מויער כּמעט מ'קאָן זיך אָנמערקן, — אַז דער גרינער קאַסטן איז עפּעס...

ט ו נ ק ל

אַ בית־עולם.

אַ נ י ט ע

אַ וועלט אַ גאַנצע!

ט ו נ ק ל

וואָס פאַר אַ וועלט!

אַ נ י ט ע

ווער ס'האָט חושים פילט איר, — און אויגן, — זעט איר; און קאָן דאָרט זיין אַזוי היימיש מיטן שווייגן אויף יענער וועלט, ווי דאָ מיטן טומל און גערויש פון דער וועלט...

ט ו נ ק ל

דאָס איז ריכטיק ביי יענעמען, וואָס קומט אונטן אַראָפּ, אויף אַזוי לאַנג, — ווי ר'האָט נאָך בדעה אַוועקצוגיין פון דאָרט; אָבער ווען ער קומט אַראָפּ, ווייל ער ווערט אַ חלק פון אים, און הערט אַליין אויף צו זיין עפּעס פאַר זיך, — וואָס פאַר אַ באַגריף קאָן ער האָבן איבער דעם אָרט וואו ער קומט, און איז?...

ה ע ל אַ

לויפט אריין מיט אַ פול מויל

אַניטע, וואָס האָט ס'קליינע יינגעלע דאָרט געוויינט?

אַ נ י ט ע

די מאַמעלו איז אים געשטאָרבן.

ה ע ל אַ

דאָרטן שטאַרבט מע?

אַ נ י ט ע

ניין.

ה ע ל אַ

און וואָס האָט ער דאָרטן געהאַט צו וויינען ?

אַ נ י ט ע

ווייל, דאָרט באַהאַלט מע.

ט ו נ ק ל

ס׳מישט זיך איר שוין אין קעפל.

ה ע ל אַ

אַלע, אַניטע, וואָס שטאַרבן, — באַהאַלט מע דאָרטן ?

אַ נ י ט ע

אַלע, קינדעלע.

ה ע ל אַ

די מאַמעלו אויכעט באַהאַלטן ?

אַ נ י ט ע

די מאַמעלו אויך.

ה ע ל אַ

און מ׳קאָן זיי נישט מער פון דאָרט אָפּנעמען ?

ט ו נ ק ל

פון קברות נעמט מע נישט צוריק.

ה ע ל אַ

פאַרוואָס קאָן מע נישט צוריקנעמען ?

אַ נ י ט ע

ווייל, מ׳גייט פון דאָרטן גלייך אין הימל אַריין.

הע לאַ

און די מאַמע איז אויך פון דאָרט גלייך אין הימל אַריין, אַוועקגעגאַנגען?...

אַ נ י ט ע

יאָ, קינדעלע...

הע לאַ

און לודוויק?

אַ נ י ט ע

אויך, קינדעלע.

הע לאַ

פּיעשטשעט זיך

וויל איך אויך אין הימל אַריין, אַוועקגיין...

אַ נ י ט ע

נעמט איר אַריין, און קושט איר אין קעפּל

גאָט האָט דאָרט אויבן שענערע מיידלעך, און ברויך דיך נישט געניייטיק האָבן... קאָן זיך נאָך דערוויל אָן דיר באַגיין...

מ י נ י

אויפן שוועל

מיר העלפן אַריבערטראָגן ס'בעט, טונקל?

ט ו נ ק ל

ס'בעט אַריבערטראָגן?

מ י נ י

דער ווינט איז דאָרט אינגאַנצן אין שטוב.

ט ו נ ק ל

מ'ברויך מיר נישט זאָגן ס'צווייטע מאָל. פון די שוועל אַראָפּ איר גייט נאָך היינט אַוועק פונעם הויז, אַניטע?

אַ נ י ט ע

ניין. אָפּ אין די אַנדערע שטוב.

ט ו נ ק ל, מ י נ י

נעמען זיך אַריבערטראָגן ס'בעט.

ה ע ל אַ

שטייט צו צו יולעקן, וועלכער איז אָנגעקומען פון פריער, און פאַרנומען די הוידעלקע

קריך אַראָפּ, יולעק; כ'וויל מיך אַליין אויך האָשלען...

י ו ל ע ק

ווי לאַנג?

ה ע ל אַ

אַ קליין ביסעלע, גוט?

י ו ל ע ק

זעצט זיך אַרויף

וואַרט, כ'וועל ציילן.

ענאַ, דו־אַ, אַ־בע!
פע־טאַ, פי־טאַ, זשאַ־בע!
ענאַ, דו־אַ, ע־ן, —
פעטאַ, פי־טאַ, בע־ן.

פאַרהאַלט איר

קריך אַראָפּ!

ה ע ל אַ

פאַרקרימט זיך

שוין? נאָך איינמאָל!

י ו ל ע ק

וויל איר צראָפּנעמען

קיין האַלב מאָל אויך נישט.

ה ע ל אַ

לאָזט זיך נישט

טאַ־טע־לו!

יוּלעק

ווילסט: כ׳זאָל דיך אַראָפּבעטן מיט כּבוד?

העלאַ

נאָך איינמאָל, און אַליין אַראָפּגיין.

יוּלעק

וועל איך דיר דערלייגן. *ציילט* איינס, איינס, און; פּאַלי, פּאַלי, פּאָו;
פּאַלי, פּאַלי, פּאַלי, פּאַלי, פּאַלי, פּאַלי, פּאָו; ווער ס׳קען צוואָנציק
ציילן, — צוואָנציק זענען דאָ.

פֿאַר דער צייט איז אויפגעשטעלט געוואָרן ס׳בעט, לעאָ איז אַריין און זיך צוגעלייגט, און מיני, — צוגעזעצט נעבן אים.

יוּלעק

שוין! גאָרנישט מער דערלייגן... גייסט אַראָפּ?...

העלאַ

איינגעשפּאַרט

אַז דער מאַטעלו וועט הייסן.

יוּלעק

אָ, קאָנסט שוין אָפּנאַרן אויך?

מיני

שטילער, קינדער; לעאָ קאָן נישט שלאָפן.

יוּלעק

געכאַפּט

גייסט אַראָפּ?

העלאַ

ניין.

יוּלעק

פאַרוואַרפט איר

נאַדיר ווידער ס׳ביכל מיט העפטן, און מאַך דו די לעקציע.

מ י נ י

נישט פועלן, שטיל צו זיין?... מוזן אַרייַנגיין נאָכן פּאָטער... אָפּ.

י ו ל ע ק

לאָזט זיך גיין צו די טיר

אַלע שפּילעכטסער דייַנע ביי מיר באַלד ליגן אין פייער...

ה ע ל אַ

פאַרגעסט זיך, און לויפט אים נאָך מיט אַ געוואַלד

טאַטעלו! טאַ-טע-לו

י ו ל ע ק

פאַרכאַפּט די הוידעלקע

מען גאַל! האָב די גאַל!

ה ע ל אַ

רייסט אים

נישט לאָזן זיצן אויף איר... נישט לאָזן...

ל ע אָ

זעצט זיך אויף

אויסגעזוכט מיר אַן אָרט, וואו ס'בעט אַריבערצוטראָגן...

מ י נ י

קומט צוריק

דער פּאָטער גייט שוין צו זיי אַריין.

ה׳ ב ר ו י ע ר

אויפן שוועל

נישט קאָנען אויסקומען צווישן זיך, און אויפהערן אַרומקריגן, — איר איינגאַנצן זען משלח צו זיין פון שטוב, די הוידעלקע... קוקט אויפן זייגער שלאָפן!

י ו ל ע ק

ברוגז

און די לעקציע?

ה׳ ברויער

אָן די לעקציע.

יולעק

אָפּגייענדיק

מאָרגן קריגן אַ צוויי׳עלע.

ה׳ ברויער

נישט געמאַכט ביז אַצינד, אויסקומען אָן איר...

העלאַ

אָפּ נאָך אים

מעז גאל!

ה׳ ברויער

פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

מיני

פאַרדראָסיק

אוודאי דיך נישט געלאָזט קיין אויג צוטון.

לעאָ

געווען צוגעוואוינט אין דרינען,
דער ווינט זאָל מיר רוישן אין די אויערן.
און דאָ איז אַזוי שטיל, —
ווי זאָל איך קאָנען שלאָפן?

מיני

דער ווינט פעלט דיר...
ברויכסט אים געניטיק האָבן...
יאָגסט דיך נאָך אים...

לעאָ

שווער די שטילעניש צו פאַרטראָגן...
כ׳מאַך צו די אויגן,
איז ליידיק דער קאָפּ;
און וואָס ס׳טוט זיך אין אים אָפּ?

מ י נ י

לאָזן אויפשטעלן אַ קווישניע צוקאָפּנס.
און מיטן קלאַפּן פון אייזן, —
די הוריות דיר צעטרייבן.

ל ע אָ

דאָס קיינער מער נישט אַזוי
קאָנען, ווי ער;
אויסרייניקן דעם קאָפּ, —
ער זאָל ווערן צוריק גרינג.

מ י נ י

מער נישט אַרויס פון דעם פאַרפּישופטן רינג.

ל ע אָ

און דערגיין: וואָס ס׳אי געווען
ס׳קומען אויף די חתונה?
דיך אָפּצושרעקן, —
אָדער מיך אויפצוּוועקן?

מ י נ י

אַלץ בלייבן ביים זעלביקן, —
ווי זאָלסט דיך נישט וועלן
מעקן און שטעלן...

ל ע אָ

מיר געבליבן פונם אַ מום...
ווי האָט מיך מיטן אָנגעקליידט,
און, — קום פון יענעם אום...

מ י נ י

נישט אויפהערן אַראָפּצוּוועסן
מיט אים די הויט, —
און זיך מאַכן נ׳טויט?

לעאָ

מיך צוגעריִרט צו אַ הייליקייט,
און דערפאַר נישט געקוקט:
דערנאָך ברויכן צומאַכן
די אויגן, ווי אַ טויב, —
אין אַ כמורנעם טאָג.

מיני

עס נישט געוועזן טוג, —
דיך גיכער געלאָזט איינרוען?

לעאָ

וואָרן: ס'אי טאַקע געוועזן פאַר עפּעס,
ס'זאָל מיך נישט לאָזן איינרוען?

מיני

ווי ס'האָט נישט געזאָלט זיין,
און אַלץ פונם טויט זיך מער נישט
געקאָנט אויסדרייען...

לעאָ

אַזוי אין די הענט שוין ביי אים געווען?

מיני

אַזוי, צי נישט אַזוי, —
אַ גרויסער חילוק?

לעאָ

באָר געוואוסט: וואָס ס'האָט אים אויסגעטראַכט,
און צו מיר אויף די חתונה, אַרויפגעבראַכט?

מיני

נישט אויפהערן טאָטשען ווי אַ וואָרעם.

ל ע אָ

לעבעדיקערהייט מיך אויסהוילן...

מ י נ י

איבער מיר אויפגעהויבן אַ האַק...
וויפיל אין מיר נישט אַריינהאַקן, —
די שאַרף זיך פריער אויסרייבן,
אַפּירבּליצן,
מיט פונקען שפּריצן,
שטיקלעך שטאָל אָפּשפּרינגען,
און מיך נישט רירן.

ל ע אָ

אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן?

מ י נ י

איבער וואָס כ'קאָן דאָ האָבן צו טרויערן?
ווייניק יונגע מענטשן אין מיינע יאָרן,
גייען אַוועק? און וואָס האָבן
מער געהוליעט, זיך געפרייט?
בלייבן פאַריתומט מיין אָרים קלייד?

ל ע אָ

יאָ: אַז מ'ווערט סתם קראַנק...
און מ'קאָן נישט לעבן לאַנג...
אָדער ס'אַזוי שטאַרק באַנג
נאָך עמעצן, אַז מ'מוז זיך
נישט אַנדערש, ווי אַזוי צו זען העלפן.
איך שטאַרב נישט, ווייל כ'בין
גלאַט אַזוי קראַנק געוואָרן?

מ י נ י

איז, נישט גלאַט אַזוי.

ל ע אָ

אָדער, אָן ווען מיר געזאָלט זיין באַנג?

מ י נ י

די ביטערקייט: וואָס דו זעסט מיך
אַרומגיין, האָט דאָס געבערענגט;
מיין פינסטערער גורל:
פריער צו ווערן געלייטערט,
און דערנאָכדעם גיין...
ס׳וואָלט אָבער געווען פאַרקערט?
איך זאָל פריער ברויכן קילן די ערד?

ל ע אָ

מיך אַ סך דער טויט געאַרט,
ער זאָל נישט געווען קומען,
און מיר אים פאַרביטערט?

מ י נ י

כ׳ווייס?

ל ע אָ

געוואָלט האָבן אַ זיסן טויט...
שטאַרבן: אַז אַ מלאך מאַכט מיר צו די אויגן...
שטאַרב איך פון אַ קוש,
אָדער פון אַ ביס?

מ י נ י

מיט דעם וואָס דער פאָטער זיינער
מאַטערט זיך ביי איר,
די שוועסטער זיינע, —
מאַטערט ער זיך ביי מיר.

ל ע אָ

איי, ווען ער זאָל נישט געווען קומען,
און דיך פאַרטונקלט?...
מיך אַזוי שיין אַראָפּגעלייגט,

נענומען דיין האַנט,
און אויסגעדרייט צו די וואַנט
מיט יענעם שיינעם שמייכל,
מיט וועלכן מענטשן גייען אויס,
ווען זיי גלייבן;
און אַליין, צוקוקנדיק,
אים אויכעט נישט איבערגעהאַלטן, —
זאָלסט פאַר פרייד נישט שטאַרבן.

אַ נ י ט ע

רייסט זיך מיטאמאָל אַריין, צעשטרייט

געקומען ווי אַ יענעדיקער...

ל ע אָ

שפרינגט אויף פון בעט

אַ-אַ-אַ?

אַ נ י ט ע

און ווי דער טויט מיר אין פּנים אַריינגעקוקט...

ה׳ ב ר ו י ע ר

אויפמאַכנדיק די טיר

גייט! גייט! לאָזט אַריין דעם פרעמדן מיך שוין איצט גוט אויף אייך אומקוקן... דאָס מאָל זיך נישט אַזוי גרינג אויסדרייען... לעאָ, און דו קוקסט אים נישט ווייניקער אויס, אַ?...

פ ר ע מ ד ע ר

ער?

ל ע אָ

גיט זיך אַ ריס

ווי אַזוי קומט ער אַהער?

פ ר ע מ ד ע ר

דורך די טיר.

ה׳ בּ ר ו י ע ר

וואָס אי דער חידוש ?... אַ מענטש קומט אַזוי אומגעריכט, כּמעט געווען ס׳צווייטע רעטעניש נאָך זיין טויט, -- און אַנטקומט נאָך מער ווי אומגעריכט ?...

פּ ר ע מ ד ע ר

געזאָלט איינפאַלן : כ׳וועל האָבן פאַרקאָכט אַזאַ גריץ ?

ה׳ בּ ר ו י ע ר

אַ משל, אַ קראַנקער הערט פון אַ קראַנקנס מויל : יענער איז ערגעץ געהיילט געוואָרן אויף די אייגענע קרענק, און ער אַליין האַלט בּיי שטאַרבן אויף איר, דאָקטוירים האָבן אים אויפגעגעבן, נו ?... נישט איינ-רייסן קיין וועלטן, ביז ר׳וועט זיך צו יענעמען דערשלאָגן, דורך וועלכן ער קאָן אויכעט געהיילט ווערן ?...

פּ ר ע מ ד ע ר

נישט געוואוסט : מ׳קלערט דאָ אַזוי שטאַרק אַריין אין מיר...

ל ע אָ

די באָבע עס דערציילן...

ה׳ בּ ר ו י ע ר

און גייענדיק אין גאַס, און וואו נישט ? אומרואיק געוואָרפן די אויגן, נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין מענטש, -- כ׳זאָל אים נישט אַריינקוקן אין פּנים ; אַלץ : כ׳זאָל מיר דערנאָך נישט האָבן אַפּירצוואַרפן, און ס׳האַרץ אָפּצועסן : כ׳האָב אים דאָס מאָל געקאָנט פאַרזען...

פּ ר ע מ ד ע ר

הו-ם...

ה׳ בּ ר ו י ע ר

נאָר גיי דערקען אַ מענטש אין די ענלעכקייט פון אַ פּנים, אַז, אַ סך-הכּל : איינמאָל געזען ; שטעל דיך אונטער יענעמס פּלייצע הערן רעדן, און דערקענען אינם קול, אַז, סך-הכּל, -- איינמאָל געהערט רעדן...

ל ע ה

און מיך נישט ווייניק געגעסן.

ה׳ ב ר ו י ע ר

אַז כ׳פלעג זיצן אין שטוב, האַלטן צוגעמאַכט די אויגן, און צווישן טויזנט זאַכן, וואָס לויפן איבער איין רגע אַדורך אין קאָפּ, — איר נישט פאַרפעלט צו זיין; מיט איטלעכן קלאַפּ פונם ווינט, גראַטש פון אַ מויז, וואָס זי האָט ערגעץ געגראַטשעט, — זיך מיר אויסגעדאַכט: אַז ס׳רירט עמעץ ביי די קלאַמקע פון די טיר, און איר, איר, איר קומט ווידער אַריין... באַטרעט די שוועל...

פ ר ע מ ד ע ר

כ׳הייב שוין באַלד אָן צו פאַרשטיין...

ה׳ ב ר ו י ע ר

מענטש! כ׳האָב דאָך ביז אייך נאָך קיינעמען נישט געהאַט, וואָס האָט מיט אים איינאיינעם געזאָלט זיין?

פ ר ע מ ד ע ר

און איר ווילט מיט דעם, וואָס כ׳וועל אייך דערציילן פון אים, — זעענדיק מאַכן אייער טאָכטער?... איר אויפמאַכן די אויגן, און ווייזן: ווי בלינד זי גלייבט אין אים?...

ה׳ ב ר ו י ע ר

וואָס איך זאָל נישט איינטעמען מיט איר, אַז ס׳אי נישט קיין אופן: דער טויט האָט זיך דאָ געזאָלט האָבן אויסגעכאָוועט, צווישן די ווענט פונם הינענדיקן הויז, וואו ס׳אי פראָסט געווען אַ מאַנגל אין צייט דאַרויף; נאָר געקומען מיט אים פון דרויסן, מיטגעברענגט אַ גרייטן, נאָך איידער ער האָט די נאָז אַהער אַריינגעשטעקט, איר מאַן געוואָרן...

אַ נ י ט ע

צעשטרייט

כ׳וועל נישט גלייבן אויף אים, טאַטע...

פרעמדער

זיין?

ה׳ברויער

ווייל כ׳האָב דיך צוגעדריקט צו די וואַנט, אַ?... כע־כע... ווי רואיק ער האָט זיך געהייסן צוטראָגן ס׳גלאָז טיי, אַריינגעלייגט דעם סם, אים אויסגעמישט, און דערביי געשמועסט פון קלייניקייטן; און אַז מ׳האָט אים איבערגעפרעגט, אַוועקגעמאַכט מיט די האַנט: „עפעס אַ רפואהלע צו די נערוון״!... כע־כע... אַזוי שטאַרבן געניטע פאַכלייט, וואָס טראָגן זיך אַרום מיטן טויט, ווי אַלטע קינדערלאָזע פרויען מיט זייערע שויס־הינטלעך אין בוזים...

פרעמדער

קיין שום צווייפל נישט.

ה׳ברויער

און ווען דער צופאַל פרעסט אויף, דערהרגעט, — איז יענער פריער אויפגערוימט, ס׳לאָזט אים נישט איינרוען, קאָן זיך קיין אָרט נישט גע־פינען, האַלט שטיל מלחמה מיט אַזעלכע פינסטערע כוחות, ביי וועלכע ער גייט סוף־כל־סוף נישט מער אַרויס קיין לעבעדיקער פון זייערע הענט...

פרעמדער

אַזוי איז דער שכל.

ה׳ברויער

שאַרף אים אין די אויגן

פאַרוואָס האָט ער זיך אומגעברענגט?

פרעמדער

געווען מיט אַן אַנדערע נאָך פריער נאָענט, איידער זי איז זיין ווייב גע־וואָרן; און אַז יענע האָט זיך צוגערוקט, איר געבריכט קומען אויף די אויגן, — נישט אַנדערש ווי דערמיט עס געקאָנט פאַרמיידן...

אַ נ י ט ע

וואָס רעדט איר ?

פ ר ע מ ד ע ר

ס׳אומגליק: וואָס ער האָט נישט געטראָפן אויף אַזאַ פרוי פון יענערס גלייכן, וואָס זאָל עס קאָנען גלאַטיק אַראָפּשלינגען; און פאַרליב גענומען, דעם טויט, — נישט בלויז מיט אים די אויגן איר צו פאַרבלענדן און נישט אויפהערן פון אים אייביק צו חלומען...

אַ נ י ט ע

ניין, טאַטע: איך בין מיט אים צוזאַמען געווען, אין זיינע אויגן אַריינגעקוקט, און אים נישט בלויז אין זיי געזען פון ערשטן טאָג אָן, וואָס כ׳האָבן דערקענט, נאָר אויך אויף די וועלט געקומען...

פ ר ע מ ד ע ר

זי קאָן צו יעדע רגע דאָס איר זאָגן אין די אויגן אַריין...

אַ נ י ט ע

און אפשר... ווען מ׳ליבט שטאַרק, זעט מע נישט די פלעקן אויף יענעמען. ווי מ׳זעט זיי נישט אויף דער זון צוליב די ליכטיקייט, — אַזוי איז עס דיין גליק, טאַטע, וואָס כ׳זע זיי נישט; וואָרן מיט די מינוט וואָס כ׳זאָל זיי אָנהייבן זען, — מיך אַזוי גוט נישט האָבן, ווי איך אים נישט... ראש אַפּ.

ה׳ ב ר ו י ע ר

צעטומלט

כ׳הייב שוין באַלד מורא צו קריגן: זי זאָל טאַקע נישט אָנהייבן צו גלייבן דערין... צעטראָגן וועגער ווייסט: צי כ׳וועל מיך דאָ נישט האָבן אַריינגעלייגט מיט אים, און נאָך ערגער געמאַכט ?... אַפּ נאָך איר מיט טונקלען.

ל ע אָ

שטייט קוים אויף, און קוקט אים לאַנג אין די אויגן אַריין

אויב ס׳אומגליק פון מיין שוועסטער האָט אייך באַרירט, — וואָס האָט איר גראָד אויסגעקליבן צו קומען אַהער, אין טאָג פון מיין חתונה ?

פ ר ע מ ד ע ר

קוקט שטאַרק אויף אים און אויף מינין

אַזוי אויסגעפאַלן...

ל ע אָ

און נישט זיך געאיילט, פונקט ווי איינער וואָס שפירט: אַז דערמיט וואָס די חתונה גייט אָן, — ווערט אַלץ ביי אים עפּעס מער אַרויסגענומען, און דערמיט געוואָלט פאַרגיין, פאַרכאַפּן...

פ ר ע מ ד ע ר

און, אַז ס׳זאָל אַפילו האָבן אַזוי געווען?...

ל ע אָ

וואָס זענט איר דאַן אַוועק, און די חתונה נישט אויפגעריסן? מיך געלאָזט טאַפּן אין די פינסטער: אויב זי האָט אייך נישט פון איר טיפעניש אַרויפגעבּרענגט?... און ריכטיק, צו דער מינוט, דערשפירט די רעה, — וואָס ווערט מיר מיט די חתונה געטון?

פ ר ע מ ד ע ר

אויב אַפילו יאָ, זיך אייך עפּעס איינגעבּרענגט?... סיי ווי שוין אַלץ געווען אויסגעשפּילט...

ל ע אָ

כאָטש זיך דערמיט געקילט, אַז ס׳וואָלט מיר אויסגעקומען צו שטאַרבן ערגעץ הינטער אַ מויער, איינער אַליין, און געוואוסט: אַז כ׳בּרענג מיך אום פאַר איר, נאָכדעם ווי זי האָט שוין מיט אַן אַנדערן געלעבּט...

מ י נ י

דיר שוין אַ סך אַרויסגעקומען, אַז ס׳וואָלט אַזוי געווען?

ל ע אָ

און נישט מיין ווייב זיין אַצינד; געשטאַנען דערביי ווי איך וועל בּרויכן שטאַרבּן...

פרעמדער

יאָ... און פאַרשפּאָרט דערצו קומען, ווען די מורא פון טויט ביי מיר, וואָלט נישט שטאַרקער געווען פאַרן געוויסן; און נישט געווען אַוועק, — איידער כ׳האָב איינגעזען, אַז כ׳וועל ברויכן שטאַרבן ביי איר...

לעאָ

און איך האָב עס נישט געטון, ווען כ׳האָב עס באַדאַרפט טון.

פרעמדער

גראָד גובר געווען דאָס געוויסן, ווען ס׳וואָלט דאַרויף נישט געווען בלייבן גאָר...

לעאָ

ווייל, זי איז שוין פון פריער מיט אייך געווען...

פרעמדער

לאָזט אַראָפּ ב׳קאָפּ.

לעאָ

און שטאַרב, כאָטש כ׳האָב מיך געקאָנט באַגיין, כ׳זאָל נישט ברויכן שטאַרבן...

פרעמדער

באַוועגט נישט מיט אים.

מיני

פינסטערער אומגליק, זיינער; אַפילו שטאַרבן איז ער אים אויך נישט געקומען לאָזן...

לעאָ

דערכאַפּט זיך

מענטש, וואָס איר האָט פאַר מיר געטון אַצינד? נעמט זיינע הענט שפּירט עס אין דריקן פון מיינע הענט... אין דריקן פון מיינע הענט... אָפּ.

מיני

שטייט און גיט זיך נישט קיין ריר.

פרעמדער

נאָך אַ ווײַלע

מיני.

מיני

מורמלט

ווײַניק מיך, נאָך אים אויכעט אומגעבערענגט...

פרעמדער

ווי פריער

מיני.

מיני

גרוילט דיך נישט: ווען ער טרינקט איצט סם, הענגט זיך מיט אַ האַנטוך אויף די טיר, אָדער שניידט זיך איבער די אָדערן...

פרעמדער

גלײַכער: שטאַרבן פריער און רואיקער, ווי דערנאָך און פּײַניקן זיך...

מיני

וואָס האָט דיך פריער אַהערגעבערענגט, ער זאָל זיך באַלד אָנהייבן פּײַניקן?...

פרעמדער

געמוזט, ווייסטו, קומען.

מיני

און דיר אַ סך אַרויסקומען, אַז ער וועט זיך אומברענגען?

פרעמדער

שוין לענגער נישט געקאָנט זיין קיין אכזר צו זיך אַליין...

מיני

מיט וואָס עס אויפגעהערט אַצינד צו זיין?

פרעמדער

מיט דעם, וואָס כ'האָב מיך אַליין דערקענט.

מינ׳

געלערנט אויף זיין באָרד, שערן?

פרעמדער

אַראָפּגענומען אַ מוסר פון לודוויקן, וואָס דו האָסט אַזוי גוט געקענט; און אַלץ נישט געוואָלט געבן געדעכט, וואָס ער האָט זיך אומגעברענגט, צוליב דעם, וואָס ער האָט איר פאַרפירט, זי זאָל גלייבן: ר׳איז צו איר געווען אַ מלאך...

מינ׳

ווייל, דו האָסט צו שטאַרק געהאַלטן פונם פיצל לעבן.

פרעמדער

איצט מוז איך אים צוגעבן... און אויב איר מאַן האָט עס געטון צו שפּעט, ווייל זי האָט זיך שוין צופיל געהאַט איינגעלעבט אין אים, — ווייל איך פאַרדאָס קיינעמען נישט פאַרפירן; און פיל מיך גליקלעך, וואָס ער קומט איצט אום, ווען דו שטייסט נאָך אויף די פיס, כ׳זאָל קאָנען פאַריכטן, וואָס כ׳האָב געפעלט...

מינ׳

אַצינד האָסטו יאָ כוח?

פרעמדער

יאָ.

מינ׳

און ווילסט גיין לעבן מיט מיר?

פרעמדער

יאָ.

מינ׳

בחנם ווידער אים געלאָזט אומקומען, ווי לכתחילה אים אין צווייפל אַריינגעטריבן...

פרעמדער

נעמט איר האַנט

נאָך אַצינד אויכעט נישט צו שפּעט.

מיני

שוין דענסטמאָל געווען נאָך אַלעם, ווען ער האָט זיך פון מיר געהאַט אָנגענומען, און ס'לעבן זיינס געהאַט פאַרשפּילט.

פרעמדער

דאַרף איך שטאַרבן אויף טרוקן?

מיני

ס'זאָל אַנדערש זיין, אים באַדאַרפט אין טויטן פּנים אַריין שפּייען.

לעאָ

קומט צוריק, וואַקלדיק, און מיט אַ מאָדנע ליכטיקייט אין די אויגן

מיר גרינג אויפן האַרץ אַצינד... נעמט די האַנט ביים פרעמדן פאַרשוועדט ס'לעבן, און גרינגער געמאַכט דעם טויט... לאָזט זיך אַראָפּ אויפן בעט.

מיני

נעמט אים אויפקנעפּלען ס'העמד

שוין?... אָפּגעטון?...

לעאָ

שווער

נעם אַראָפּ דיין האַנט פון מיר, גרינגער קאָנען שטאַרבן...

ה' ברויער

קומט אַריין, קוקט אויפן זייגער

צוגעזאָגט: קומען, דער דאָקטאָר, און מ'זעט אים נישט; דאָס צווייטע מאָל אים געשיקט רופן... קוקט זיך אום וואָס קורטשעט ער זיך אַזוי?

מיני

עפּעס געמוזט אַרונטערנעמען, ר'האָט אַזוינע יסורים...

ה' ברויער

וו-אָ-ס?

ל ע אָ

כאָרכלענדיק

דאָס, וואָס ס׳אי געבליבן פון לודוויקן...

ה׳ ברויער

טראַגיש

געלאָפן איר דאָרט פאַרהיטן, און אים דאָ פאַרזען; וואָס כ׳האָב מורא געהאַט פאַר איר, די טאָכטער, — עס מיט אים געטראָפן.

ל ע אָ

צאַנקט

כ׳קאָן נישט לעבן מער.

פרעמדער

טריקן

אַ גוטע נאַכט. אָפּ.

אַניטע

קומט אַריין, צעשטרייט

אַן אַנדערע וועלט הינטן, אַ טיפע; אַז מ׳קומט נאָר אַראָפּ, פאַרכאַפּט זי באַלד...

מ׳הערט אַ קלאַפּ, ווי ס׳וואָלט ווער אומגעפאַלן.

טונקל

מאַכט אויף די טיר, און מ׳זעט ליגן דעם פרעמדן אַנגעבויגן צו דרערד.

ה׳ ברויער

גיט זיך נישט קיין ריר

סיי ווי מיר קיין ישועה נישט געברענגט; גלייכער, — לכתחילה נישט גע־וועו קומען...

מיני

לאָזט זיך אַראָפּ פאַרן בעט, און פאַרזינקט

געברויכט אָפּקומען פאַר אים, מיין מאַן.

אַ נ י ט ע

מאַכט אָן אַ שטורעם אויפן קלאַוויר.

ה ע ל אַ

לויפט אַריין נאַקעט, אין בלויזן העמדל, כאַפּט אַרום דעם פאָטער

טאַ־אָ־אַ־ט־ע־ע־ל־ע...

פ אָ ר ה אַ נ ג

דער זינדיקער

איינאקטער

מיין ליבן בנימין צמח

עס שפּילן:

רבי

רביצין

ס׳טעכטערל

דער גבאי

דער זינדיקער

בעל עגלה.

פארשפּיל

אין דרויסן, פאַרן פאָרהאַנג

זינדיקער

קומט אַרויס פֿאַרן פֿאָרהאַנג, אַ צעדולטער

כסדר זיין פֿאַרוועגדט
צווישן שטיינער, ווענט,
אין די חורבה?
ווי פֿאַרבלענדט
ליגן פֿאַרהאַקט,
און איינגעפּאַקט,
אין אַ שוואַרצע טאָרבע?
וואו פֿלעדערמייז,
און לייז
שאָרכן,
און זיך איין
האָרכן,
ווי ס׳קייקלט זיך
אויף דער גיך, —
אַ שטיין פֿון אַ שטיין,
ס׳ליגט מיר שוין אין די ביינער!
כ׳קאָן נישט זיין איינער
און אויסגענומען
פֿון אַ שטאָט;
הערן ברומען,
סאָוועס קלאָגן,
און ווי ראַצן בייסן זיך, שלאָגן,
גראָד,
ווען ס׳האַרץ וויל זינגען,
געבן אַ בריק אין די זייטן,
דעם קאָפּ אַרונטער, —

די פיס אויף צווייען, צעבייטן,
און נאָך אַרויס מער מונטער,
מיט גאַנצע גלידער, —
אויף קיין האָר נישט מידער
זיין, פון פריער.

הערכט זיך איין

כ׳זוך די קלאַמקע צו די טיר
פון דעם גוטן ייד.
אים אָפּגעהיט
צווישן מנחה־ומעריב,
ר׳האָט פאַרפעלט אַ פּינטל
טון מיט די ברעם, —
און איבערגעריסן דעם ערב,
ווי אַ דינטשיק ווינטל
זיך אַרויסגעכאַפּט פון קלעם.
אים אָפּגעהיט,
דעם גוטן ייד,
צווישן גוט־וואָך און הבדלה,
און גיי אים אָנמאַכן אַ בהלה,
אויפזינגען
אויף אַלע כלים ;
נישט קענען באַצווינגען
מיט די בלויזע כשוף־שטיק, —
זיך נעמען אויכעט פאַרן צלם.

אַריין אין וואַלד
פון זיינע געדיכטע ברעמען, —
דער איינגעשפּאַרטער צדיק
זאָל מוזן אַראָפּנעמען
פון מיר, די קללה.

פ אָ ר ה אַ נ ג

שבתצונאַכטס
בײם רבין אין שטוב

רביצין

מעסט לייוונט

פון ווייסע ליינען, ציכלעך, —
ס'זאָל קילן ס'לייב;
און די רויטע בעקלעך
פון מיין איידעמלס ווייב.

ס'טעכטערל

בלאָזט אָן די ציכלעך, און לאָזט זיי אַוועק

אַזוי הויך, — פעדערן.

רביצין

דערלאָזט נישט

פון בלאָזן אין די ליידיקע ציכלעך
ווערן האַרט די בעקלעך,
ווי די אייער־קיכלעך.

ס'טעכטערל

קוילערט זיך

הוילע באַקן,
אויפן האַלז נ'אַקן.

רבי

פאַרטרויערט, זינגט

מלוה מלכּה.

טרעט אומגערן אָן אויף אַזאַ קישעלע, און

ס'בלאָזט אויס, — בלייבט שטיין

מיר דאָס געקאָנט טרעפן
אויף די פולע וואָך?
נישט קיין גוטער סימן.

ס׳טעכטערל

גיט זיך אין דער רגע אַ כאַפּ ביים האַרץ

געוואָרן אַ לאָך,
כ׳ווייס נישט וואו.

און בלייט שטיין פאַרוואָרפן ס׳קעפל, ווי אַ געשאָכטן הינדל.

רבי

רופט דעם גבאי

וואו איז שמעון ?

גבאי

רייסט זיך אַריין, ווי ר׳וואָלט זיך מ׳ט ווע־ מען געשלאָגן אין דרויסן

נאָך איידער כ׳עפן
די טיר,
און דער קונצנמאַכער
מיטן גאַנצן שאַכער־מאַכער,
וויל שוין פון פריער,
אַריינדרייען
אויף די קני.

רביצין

שוין געקאָנט פון אַזאַ וועג, אַ ווייטן,
אַהער טרעפן ?

רבי

אומעטיק

כ׳מוז זיך גיין גרייטן
צו זיין קומען.

אָפּ ביחודות.

ר ב י צ י ן

לעקט ביים דערשראָקענעם מיטשטעריל, די
אייגלעך

מער אַ לעק,

ווייניקער דערשרעק.

ס׳ט ע כ ט ע ר ל

קומט דערפון צוריק צו זיך, און נעמט
וואַרפן מיט די קישעלעך

אַ קישעלע מיר.

אַ קישעלע דיר.

און ז׳ערשוויגט זיך

דער בעזים גייט אַליין

אַוועק פון די טיר.

ג ב א י

פאַר זיך

דער רבי איז ווייט נישט אויפגעלייגט.

קוקט דאָס צו און שווייגט.

אָפ צו אים.

ס׳ט ע כ ט ע ר ל

לעבעדיק

איינס, צוויי, דריי,

די קאָליע גייט פאַרביי,

די שעפסן לויפן אַרונטער,

די ביימער רוישן אויפן צוויב-טע-ר.

ז י נ ד י ק ע ר

פאַלט אַריין, שטעלט זיך אויף די הענט,
גייט אַרום די שטוב אין אַ האַלבן ראָד,
גלייכט זיך אויס איבערן טיש, שטעקט
אַרויס אַ לאַנגע צונג, און מאַכט אַ לאָך
אין בויך.

ר ב י צ י ן

בעמט גיך אַראָפּרוימען פון שלוש-סעודות

געקומען צום גרייטן.

ז י נ ד י ק ע ר

מיט חוזק

ווי צו לייטן.

ר ב י צ י ן

גיי, קייע ערד.

ס ' ט ע כ ט ע ר ל

פלינק

אים אָפּגעקערט
מיטן פלעדערוויש.

ז י נ ד י ק ע ר

גיט אַ פּאַטש

אַ ה-י-י-ש!

און ער צעפּאַלט

נישט קיין עסן,
נישט קיין טיש.

ס׳טעכטערל

לייגט זיך גלייך אַוועק ווי אַ ברעטל, צו די ערד.

רביצין

איבער איר

קיין נ׳האָרע: אַ דערוואַקסנע מויד,

און קריכט ביי יעדע קלייניקייט

פון די הויט.

רבי, גבאי

אין טיר, גלאָצן מיט די אויגן.

גבאי

די טיר פאַרשפאַרט,

און זיך אַריינגעכאַפּט, דער לץ.

זינדיקער

איר מיט מיינע קרעץ

פון שלאָס אַוועקגענאַרט.

רבי

אויף די שטיקער טיש

זיין מלאכה.

זינדיקער

מיט אַן אייגל

און מיט זיין השגחה.

גבאי

פאַרוימט

עפּעס אַ וואונדער?

ז י נ ד י ק ע ר

מיט חוזק

פיר פיס באַזונדער,

איז נאָך נישט קיין טיש.

ר ב י צ י ן

מוגטערט איר

אַזוי זיך דערשרעקן,

נישט צו קאָנען מער דערוועקן ?

ר ב י

גיב איר אַ שנעל אין נאָז.

ר ב י צ י ן

שנעל היינט, שנעל מאָרגן.

מיר געקאָנט

דיינע פינגער, אויסבאָרגן.

ז י נ ד י ק ע ר

מאַכט אַ קונץ

איר אָנטון אַ מיצל,

געבן אַ קיצל

הינטערן אויער, —

און באַלד שטיין ווי אַ מויער.

ווייזט איר אַ צוקערל

ציגעלע, מיגעלע, מע-ע-ע-ע !

ס ׳ ט ע כ ט ע ר ל

הייבט זיך גלייך אונטער, אויסציענדיק

ס׳קעפל נאָכן צוקערל און נאָכמאַכנדיק אויף

זיין ווייגענדי׳ק קול

מ-מ-מ-מ-ע-ע-ע-ע !

ר ב י צ י ן

אויפגעבראַכט

נישט בחנם הייסט זי רחמה.

אַז יעדע נאַרישקייט גילט

ביי איר, פאַר אַ חכמה.

ר ב י

כ׳מוז אויף יעדע שמחה

זיין פאַרטרויערט;

און טרערן

אויף די שענסטע פרייד.

ז י נ ד י ק ע ר

וואַרפט זיך איבער

אַפילו ווערן

איזוועגט, איינגעמויערט;

שווים

איך אַלץ אַרויס,

ווי אַ בלאַנקע שווערד

פון שייד.

ר ב י

אים פאַרטריבן מחוץ לתחום, —

ווי קומט ער אַהער?

ז י נ ד י ק ע ר

געדרייט אַהין, געדרייט אַהער,

און געקומען צו קריכן ווי אַ בער

אויף אַלע פיר.

ג ב א י

פאַרח־דושט

באָטש, געהאַט פאַרקײטלט די טיר.

ז י נ ד י ק ע ר

כ׳גראָב מיך אונטער אין שטאָט,
ווי אַ בלינדער קראָט ;
און כ׳גיי אויף די הענט,
ווי אַ משוגענער אויף די גלײכע ווענט.

ר ב י

זאָל איך דיר פאַרשעלטן
די הענט אויך ?

ז י נ ד י ק ע ר

און גלויבן :
דאָס אַחוץ אויבן,
איז אויף אַלע וועלטן
נאָך פאַראַן אַזאַ כוח ?

ר ב י

מיך אַרײנברענגען אין כעס,
וועל איך זען :
זאָלסט אינגאַנצן נישט גײן.

ז י נ ד י ק ע ר

כ׳שרעק מיך נישט פאַר פלעדערמײז.
נישט פאַר זײער שרײען,
און זײער געוויין.

ר ב י

גיט אַ נעם דאָס ספר

וועלן מיר זיך פאַרהערן.

ז י נ ד י ק ע ר

גיט אַ כאַפּ דעם בשמים־ביקס

מיך, ביז די לעצטע כּוחות, —

ווערן.

ר ב י

הייבט הויך דאָס ספר, נעמט דערמיט אַרום

די לײדיקייט, און פאַרגייט הינטער זיך.

ז י נ ד י ק ע ר

בלאָזט אין בשמים־ביקס, און ער נעמט שיסן

מיט פייער.

ר ב י צ י ן

אַ ווייטיק מיט אים, —

הילט זיך אין פייערן אַרום.

ז י נ ד י ק ע ר

זאָל ער אויפהערן

בראָטן און ברענען!

און פאַרשפּאָרן,

אויב כ׳וועל קענען,

זיך מיט פייער צו לעשן,

אָנשטאָט טרערן...

ס ׳ ט ע כ ט ע ר ל

שיקן נאָך די וועשן!

פאַראַיאָרן,

מיטן וואַסער אין מויל, —
אָפּגעלאָשן אַ רויט צעגליטע קויל.

ר ב י

פּאַקט מיטן ספר

כ׳מוז אים פאַרברענען
ווי ער גייט און שטייט.

ז י נ ד י ק ע ר

אויב ר׳וועט דאָס קענען,
בין איך דאַרויף אָנגעבריט.

ר ב י

ביז די לעצטע האָר
זיינע, אויפן קאָפּ.

ז י נ ד י ק ע ר

בלאָזט מיט פולע באַקן, ביז דער בשמים־
ביקס ווערט אויפגעריסן.

ג ב א י

ציט אָפּ ב׳אָטעם

אַ שטיין פון האַרץ אַראָפּ.

ר ב י צ י ן

באַדויערט

אַ ירושה פון איבער הונדערט יאָר,
געפאַלן אויף זיינע הענט, —
און איר איבערגעפירט.

ס ׳ ט ע כ ט ע ר ל

פלוצלינג

שדים אויף די ווענט!

ר בּ י צ י ן

צוקוקנדיק

ס׳בּלוט אין די אָדערן פרירט.

ג בּ א י

דערבּייזערט

אַהער גיב די שטיקער בשמים־בּיקס!

ז י נ ד י ק ע ר

צעוואַרפט זיי

איקס, מיקס, דריקס.

ג בּ א י

שטרעקט אויס די האַנט זיי צונויפצונעמען,
און זי בּלייבּט שוין אַזוי הענגען אין
לופטן אויסגעשטרעקט, — אַ געלעמטע.

ג בּ א י

צעטומלט

מיר אָפּגענומען די האַנט.

ז י נ ד י ק ע ר

גיט וואוילעריש אין איר אַ קלאַפּ

אַ שטיין, איינצומויערן אין וואַנט!

ר בּ י צ י ן

דערשראָקן

כ׳ווייס נישט, וואָס ער לאַכט?
נישקשה, איר צערעכט געמאַכט.

ג ב א י

צוּטעריק

ס'אי מער קיין האַנט נישט,

אַ שטיק ליים.

ר ב י צ י ן

דיר געבן פאַר איר, אַ שם.

ז י נ ד י ק ע ר

גיט זיך אַ הענג אָן אין איר, און אַ וואַרף

אין לופטן.

ר ב י צ י ן

צום טויט דערשראָקן

איר נאָך איבערברעכן.

ז י נ ד י ק ע ר

לאַכט

אַ פלאָקן,

מ'קאָן מיטן צימבלען אויף בלעכן.

ר ב י

באַרירט זיין האַנט

דאָ האָסטו פון מיר אַ קמע.

ג ב א י

נעמט גלייך מיט איר באַוועגן

נו? ווער האָט די דעה?

ר ב י

אין גרויסן

מיך געקומען אָפּשרעקן?

ז י נ ד י ק ע ר

דער צדיק מעג זיך שטרעקן
אין די לענג און אין די ברייט,
און נישט האָבן איר
מיט אַלעם, אויסגעהיילט.

ר בּ י

גיי שוין היינט צוריק מיט גוט.
זעסט דאָך, נישט געטראָפן ס׳אָרט.

ז י נ ד י ק ע ר

כ׳באַשטיי אַוועקצוגיין,
נאָר נישט אין די חורבה, דאָרט.

ר בּ י

טאָרסט נישט זיין צווישן מענטשן.

ז י נ ד י ק ע ר

דער רבי קאָן מיך בענטשן,
און אויסהיילן.

ר בּ י

מוזט אַ סך נאָך ליגן
אַוועק, אַוועק אויף מיילן,
צווישן בערג און גריבער,
ביז דאָס טריפה בלוט אין דיר
וועט אַריבער
די ברעגן,
און קריגן אַן אָפענע טיר
צו אַלע ווילדע וועגן.

זינדיקער

כ'וויל מיך נישט אָפּגעזעגנען
נאָך מיטן לעבן;
ס'קלעפּן
זיך נאָך גאַנץ געשמאַק
מײַנע פעטע ליפּן
צו יענעמס ווײַב,
און פון יעדן רײַב
פליען פונקען, —
נעמט דער קאָפּ פאַרזינקען
צווישן די שפּיציקע אָרעמען,
ווי צווישן צוויי שאַרפע טורעמען.

רבי

דעריבער טאָר דײַן געבײַן
נישט אין ערגעץ זײַן,
וואו יענעמס ווײַב איז נאָך;
און אַזוי ווי יענעמס ווײַב איז אומעטום,
מוז זײַן דײַן אָרט מחוץ לתחום.

גבאי

גיט צו

צווישן הוילע ווענט מיט מאָך.

זינדיקער

כ'וועל דאָרט צעשפּרינגען,
צווישן די רעמען
פון הוילע ריגעס,
קלעמען

די ריפנביינער, —
פלאַצן ווי די הוילע
ווייסע צייגער,
אונטער גראָבע,
געשוואָלענע ניסנשאָלן.

ר ב י

שלאָגט אים איבער

ברויכסט מיר דאָס נישט אָפּצומאָלן!

ז י נ ד י ק ע ר

פאַרביטערט

די אויגן ווערן אָנגעדראָלן
פון בלוטן;
אָנגעשוואָלן
יעדער אָדער, ביז צום פּלאַצן;
אַרויסרייסן
וויל זיך ס׳האַרץ,
און טיף אַזוי איינבייסן, —
די ציין זאָלן קאַרצן.

ר ב י

שטרענג

כ׳וויל דאָס נישט הערן מער.

ז י נ ד י ק ע ר

נעמט זיך צונויף

מיך בייצוקומען איז זייער שווער.
כ׳האָב אין אויג אַ שוואַרצע טרער,

וואָס, אַז זי פֿאַלט אויף אַ שטיין,
נעמט זי ווי וואַסער זיך צעגיין.

פלוצלינג

פייער אין די קעל!

ג ב א י

אין גרויסן

איי, כ׳קוועל!

ז י נ ד י ק ע ר

אפנים, קאָן נישט מער איבערהאַלטן, און
כאַפּט דעם רבינס לולקע־ציביק; גיט זיך
אַ זעץ פּוועק בלאָזן אין איר, און ס׳הייבן
אָן גיין וואָלקנס מיט רויך.

ז י נ ד י ק ע ר

מיך מיט די לולקע
צו אים נישט אויסטויגן?

ר ב י צ י ן

קלאָגט זיך

דער רויך עסט אויס די אויגן.

ווילֿ זי אַוועקנעמען, און ער גיט אַ בלאָז
אויף איר מיט אַ וואָלקן רויך, און זי ווערט
פאַרשטיינערט.

ז י נ ד י ק ע ר

דאָס איינע, וואָס ס׳אי
מיר נאָך געבליבן פון אים, —
אין מיינע הענט.

בלאָזט רויך.

ס׳טעכטערל

ווײנט

שדים אויף די ווענט.

גבאי

באַטאַפּט די רביצין

אַלץ בײַ איר אָפּגענומען,
װי לעבעדיקערהייט
אַװעקגעקומען.

לאָזט זיך אויף אים

און איך וועל אים אַזוי שוויַיגן
אַזאַ איינעם און איינעם ?

זינדיקער

גיט נאָכגיכער אויף אים אַ בלאָז, און
ער בלײַבט דערטויטנט.

ס׳טעכטערל

צעטומלט

כ׳זע נישט קיינעם.
בלויז שאָטנס דרייען
זיך אין אַ ראָד ;
און פרייען
זיך, װי בײמער אין סאָד.

זינדיקער

לעקט זיך צו איר אונטער

שוין געהערט
װי ס׳קרייעט אַן אויער־האָן ?

קרייעט אויס

קו־קע־רי־קו !

ס׳טעכטערל

באַצוואונגען, נעמט זיך צוגויף און קרײַעט
אײַנגאַנצן אויס ווי ער

קו־קע־רי־קו!

צעוויינט זיך הויך.

אוי, דער רויך!

רבי

צאָרנדיק

נעמט זיך שוין צו איר, אויך?

זינדיקער

צעשפילט

ס׳האָט דיין גרויסער טאַטע,
צוליב אַזאַ פייגעלע ווי דו, —
מיר צוגענומען מיין רו;
און פאַר צופיל וויסן,
אין כף הקלע אַריינגעשמיסן.

רבי

דיר נאָך הײַנט אָנגיין
אַ גרויס געוויין, —
נישט לאָזן איר אַליין.

זינדיקער

ווי פריער

אין אַ ווינטער־נאַכט, אַ קאַלטע,
אַ מעשה, אַפילו אַן אַלטע,
האָט אַ מויד אַ פאַרפרוירענע,
אויף ווייסע שנייען, פאַרלוירענע,
מיר אונטערגעשטעלט אַ פיסל, —
האַרץ, באַגער, — אַ פולע שיסל;

אָפּגעבּיסן די אויגן־דעקלעך,
און גענומען זען אַלץ, ווי זי איז:
דעם עץ החיים אין אירע שלאַנקע פּיס;
אין יעדן בלאַט גמרא, שמייכלען אירע בּעקלעך;
אין יעדן וואָרט תורה, איר זיסן חן;
אויף אַלע פּלוגתא׳ס, איר גאָלדענעם שיין.
און איבּערקלערן: וואָס ס׳אי מער עכטער?
ס׳גאַנצע לערנען, אָדער איר איין געלעכטער?
די תורה, אָדער דאָס וואָס זי איז אַליין?

ר בּ י

מים אַלע כּוחות

ס׳טאָר נישט בּלייבּן קיין זכר
פון זיין געביין.

ז י נ ד י ק ע ר

הייסבּלוטיק

כ׳וויל ווערן רייכער
מיט איר יונג געוויין.

האַלזט זי אַרום

לייג צו די ליפּן, קליינע מויד, —
און דערפילן זייער יונגע הויט;
פאַרטרייב דעם הייסן ווינט
פון מיינע בּלוטן.

ר בּ י

צעטומלט

מיין אייגן קינד
נישט קאָנען פאַרהיטן?

ז י נ ד י ק ע ר

מיט שפאַט

זיך ווענדן מײַלן הויך,
און וועלן שלאָגן מיט זיין כּוח, —
דיך נעמען פאַר אַ משכּן,
און זיין אַ בעל-עסקן
צו זען: אויב ער וועט וויסן
זיך באַצייטנס אָפּצושטעלן
אויף די הינטערשטע שוועלן,
וואָס פירן הויך אַרויף, —
צו זיין אייגן קינדס סוף.

לייגט זיך אַוועק אויף אַלע פיר, און דאָס טעכטערל גיט זיך אַ כאַפּ אַרויף קעגן איר ווילן אויפן רוקן צו אים, און ער רייט אָפּ מיט איר, ווי אומגעשטערט.

ר ב י

איר אויסגעכאַפּט, אייגן, —
מיר דעם קאָפּ אַראָפּצובייגן.

אין דער מינוט דרייט זיך אַריין אַ בעל-עגלה מיט די בייטש אין האַנט, און ווי נישט אויף זיינע פיס; דרייט זיך נאָר צו פאַלן, און נישט ער פאַלט, נישט ער שטייט, און נישט ער קאָן ערגעץ אָנשפּאַרן, אָדער דערלאַנגען מיט אַ האַנט.

ב ע ל - ע ג ל ה

אַראָפּגעשנעלט פונם וואָגן,
מיך שיעור נישט צעטראָגן;
אויסגעכאַפּט געוואָרן מיט איר

הינטער די אויגן,
און אַנטלאָפֿן געוואָרן
ווי אַ פײַל פֿון בויגן.

דרייט זיך.

אין די שייבן רויט-שוואַרץ פֿייער-שפּיל, ווי ס'וואָלטן זיך געטיקט און געלאָשן פֿייערן; אין קוימען בלאָזט אַ ווינט, און ס'קריכן פֿון אים קעפּ פֿון ציגן, בעק. דער באַלקן הייבט זיך אונטער, און די ווענט טרייסלען זיך נאָר אָוועקצוליגן.

ג ב א י , ר ב י צ י ן

שטייען ווי אויסגעהאַקט פֿון שטיין.

ב ע ל - ע ג ל ה

דרייט זיך

אָבער אָנגעמאַכט אַ ווינט.

ר ב י

צענעמט די הענט

ער איז איבער אַלעם, אַצינד.

ב ע ל - ע ג ל ה

מיך לאַנג
נישט קאָנען דרייען אַזוי,
ווי אַ שטרוי
אויפֿן ווינט.

ר ב י

כ'קאָן זיי אויך אַזוי
לאַנג נישט לאָזן;

און סחיות צוריק אַרייַנבלאָזן, —
וואָס ער האָט אָפּגענומען.

ב ע ל ־ ע ג ל ה

כ׳שפּיר: דער קאָפּ ווערט אַנטקומען,
פאַלט מיר אַראָפּ.

ר ב י

פאַרטרויערט

ווי אַזוי נעמט מע
ס׳קינד פונם, אָפּ?

ר ב י צ י ן

איר קול, ווייט פאַרהוילן

נאָך פאַרגיין אין זייַנע הענט.

ג ב א י

זיין קול, ווייט פאַרהוילן

מיך צוגעלייגט,
אוודאי אונטער טויזנט ווענט.

ר ב י

הייבט אויף דאָס ספר, און שרייט הויך אויס

ס׳מוז אַלץ אויפהערן,
און צוריק ווי פריער, ווערן.

און די שטוב נעמט זיך צו אים אונטער־גענבן; די ווענט באַרואיקן; ציגן, בעק, — אַנטקומען; דער הענגל־לייכטער זיך מער נישט וויגן, בעזעם אויפהערן שפּאַצירן.

דער בעל־עגלה, — שוואַכער זיך דרייען,
כמעט בלייבן שטיין גאָר מיט אַ ציטער.

ביים גבאי און די רביצין נאָכלאָזן די
שטייפקייט, באַוועגן מיט אַן אבר, און
קריגן מער אויסדרוק.

ר ב י צ י ן

מיט געבעט

פאַרגיב אים,
דיין קינד צוליב.

ר ב י

שטאַרק

ער גראָבט פאַר מיר אַ גרוב,
אים געבן געדעכט,
הייסט: אָננעמען פאַר גוט,
וואָס ס'איז שלעכט.

ר ב י צ י ן

זע וואָס ער טוט...
זיי מקריב די שטאָט
פאַר דיין קינדס בלוט.

ג ב א י

מאַכט איר נישט אַ טעות,
רבי, אין אים?
זאָגט שוין צו
צו זיין גוט און פרום?

ר ב י

קוים איר איינגעשטעלט,
אַ פריילעכקייט

איבער די וועלט
זיך געהאַט צעטראָגן, —
און ליכטיקער גענומען טאָגן,
אַז די שטאָט האָט זיך באַפרייט
פון אים;
און ברייט
אַרום,
זיך צעזונגען אַן עדה, אַ שטילע,
אַ קליינע קהלה, —
ער איז נישט געווען איר עול;
און אַצינד, מיט איינמאָל,
צוליב אַ שנעל, —
לאָזן מאַכן אַ תל
פון אַזאַ שיינעם ישוב?

ג ב א י

שוין אפשר פון זיך אָפּטון
דעם כישוף?

ר ב י

נאָך גענוג מיושב,
צו פאַרשטיין
זיין כונה אַצינד.

ג ב א י

וואַרנט

האָט אין זיין רשות
דעם ווינט.

ר ב י צ י ן

מיט געבעט

דירט דיך נישט ס׳געוויין
פון דיין אייגן קינד ?

ר ב י

שוואַך

און דערפאַר זיך אונטערגעבן ?
אים נאָכגיין בלינד,
צוליבן שטיקל לעבן
פון מיין אָרים קינד ?

ר ב י צ י ן

שטאַרק

זעסט דאָך, ר׳האָט דיך אָנגעקריגן
ביים האַלז ;
קוק נישט אויף גאָר, —
ס׳קינד איז ביי מיר אַלץ.

ר ב י

פאַרזינקט איבערן עמוד.

ס׳דערהערט זיך פון דרויסן אַ פייף, און די שטוב נעמט גיין אין לופטן ; די ווענט זיך טרייסלען, וויגן, נאָר אָוועקצופליען ; דער באַלקן, — הייבן, הענגל-לייכטער גיין ארויף און אראָפּ, פון קוימען ארויסצושפרינגען די קעפּ פון ציגן, בעק, און און אין די שייבן רויט און שוואַרץ פייער צו שפּילן.

בעל-עגלה

זיך דרייען ווי א מיל.

גבאי, רביצין

פארשטייפט.

רבי

ווי ער וואלט אויף א חעלפט קלענער גע־

וואָרן, הייבט אויף ג׳קאפ.

אזוי פיל ארומצורעגירן !
לאָזן גיין די ווענט
אוועק פון די טירן ;
דעם הימל שפאלטן,
און דורכן באלקן
זאָל אריינפראלן
אזא מוראדיק חילות,
מיט אזוינע געוואלטן
און צעפלאמטע הבדלות
אין די הענט ;
נאָך געקענט
זיין עקשנות, צוליב :

אין תמוז איינפרירן
די שטוב,
ווי אין מיטן ווינטער.
פארפאלן, —
כ׳גיב מיך אונטער !

מיט דער רגע ווערט די שטוב צוריק ווי־

געווען.

ז י נ ד י ק ע ר

קומט אַריין אויף אַלע פיר, און אויף אים, —
ס'טעכטערל צו רייטן.

ב ע ל - ע ג ל ה

הערט זיך גלייך אויף דרייען, און שאָקלט
זיך אָפּ

אַנטלויפן מיטן וואָגן,
וואו די אויגן וועלן טראָגן.
איבערלאָזנדיק אַ קיאַק פון די בייטש.

ר ב י צ י ן ,   ג ב א י

צעגייען זיך מענטשלעך און זיכער.

ר ב י

קוקט אַריין דעם טעכטערל אין די אויגן

ביסטו כאָטש צוריק ווי פריער,
און נישט אָפּגעקומען פון דיר גאָר?

ז י נ ד י ק ע ר

מ'קאָן איר איבערציילן
אויפן קאָפּ, די האָר.

א ל י ה ו   ה נ ב א י

לייכט אַריין אין פענסטער, ווי אַ העלער
זילבערנער שטראַל

גוט וואָך, גוט י-אָ-ר!

ס ' ט ע כ ט ע ר ל

צעבלעוועט

אַ קאָזע מיט האָר.

ר ב י

אויפגעלייגט

זעץ דיך צו מלוה מלכּה.

דער טיש ווערט צוריק גאַנץ, אַלע זעצן זיך אים אַרום.

ר ב י צ י ן

נעמט אויפגעבן

ווייסע חלה אויף שוואַרצע טעלער,

זעט אויס העלער ;

אין ווייס געפעס, רויטער בּאָרשט, —

היילט גיכער אויס פון דאָרשט.

זמירות.

פ אָ ר ה אַ נ ג.